# אַ ל ע  װ ע ר ק

פ ו ן

# אבֿרהם רייזען

װילנע — 1929

װילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ÜLIÕPILASTE ÜHING „HASMONEA"-TARTUS
התאחדות הסטודנטים „חשמונאי" דורפט

אברהם רייזען

# ניו-יאָרקער נאָוועלן

(נייע זאמלונג)

אן די פערביין "חשמונאי" פון ל. סלוצקין / פ. מארמאן / ג. שאפירא

9 II 1930.

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:7156

A. Rejzen — „Nju-Jorker noweln“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

238
L-26

# ניַיע באַלעבאַטים

## עסקיז

נאָך עטלעכע גאַנץ- און האַלב-הונגעריקע יאָרן, וואָס דער רב, ר' זרח, האָט אין זיין שטעטל דורכגעלעבט, איז אוודאי פאַר אים די ערשטע צייט דאָס לעבן אין אַמעריקע, פאַרגעקומען ווי אין אַ חלום.

קיין עסן פעלט דאָ ניט. וואָלט ער נאָר אויף די עלטערע יאָרן געהאַט אַזוי פיל אַפּעטיט! אַז סך-הכל איז ער שוין „דאָרטן" גאָר אָפּגעוויינט געוואָרן פון עסן. אָבער עס טוט אים הנאה, וואָס די רביצין, וועלכע איז ביי אים שוין די צווייטע ווייב און איז פאַר אים מיט אַ פופצן יאָר יינגער און די קלענערע קינדער קומען שוין מער ניט אָפּ, און לאָזן זיך טאַקע וואוילגיין. פאַרקערט, ער זיפצט אַמאָל אַרויס:

— שוין צופיל עולם הזה!...

אָבער דאָס וואָלט אים שוין ניט אַזויפיל געאַרט, ווען ער וואָלט געווען זיכער מיט זיין רבנות, וועלכע ער האָט דאָ טאַקע ביי זיין איינענער קהילה, וואָס דאָ הייסט עס „קאָנגרעגיישאָן" — אַ וואָרט וואָס פאַר אים איז עס האַרבער ווי אין דער היים אַ רוסיש וואָרט... עס איז דווקא אַ היימישע קאָנגרעגיישאָן אויפן נאָמען פון שטעטל, וואו ער איז געווען אַ פאַר צענדלינג יאָר רב, אָבער מער ווי דער נאָמען איז ניט געבליבן. די מענטשן זיינען גאָר אַנדערע, זיי שטאַמען אַפילו אַלע פון דאָרטן, אָבער געביטענע, פאַרענדערטע, ווי פאַרשטעלטע. און טאַקע זייער הילוך. אַפילו דער גבאי פון זייער שול איז אָן אַבאָרד און אָן וואָנצעס... ערגערט עס אים. אין דער היים וואָלט ער אַפילו מיט אים קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און דאָ מוז ער נאָך מיט אים רייד̈ן אויפן איידעלן וועג, ווי מיט אַ העכערן.

— צי איז דאָס ניט אַמאָל חניפה? — שרעקט אים אין דער שטיל דאָס האַרץ...

— איר וועט אונז, רבי, מוזן „דעליווערן“ דעם שבת אַ „ספּיטש“, אַז עס זאָל ווערט זיין די דאָלאַרס וואָס אונז קאָסט..... — גיט איבּ דער גבאי איינמאָל נאָכן וואָכיקן דאַוונען אַ זאָג...

— וואָס מיינט איר דערמיט? — דערשרעקט זיך צום אָנפאַנג דער רב...

— אַ, איר זייט נאָך, האָט קיין פאַריבּל ניט, גרין — שמייכלט עס־האַרציש דער גבאי, וואָס רופט זיך דאָ „פּרעזידענט“, און ער דערקלערט אים אויף אַ יידישן נוסח:

— איך מיין, איר וועט דעם שבת מוזן אָהערקלייגן אַ דרשה, אַז אַ רויך זאָל גיין.

דאָס פאַרשטייט שוין דער רב און פאַרשעמט זיך פון אַזאַ מין לשון.

וואָלט ער דעם גבאי פּשוט געוואָלט אויסשייגעצן, אָבּער פאַר די אויגן מאָלט זיך אים די רביצין מיט די קלענערע קינדער, ווי זיי זיצן בּיים טיש, פריילעכע, פאַקליידטע און עסן דעם גוטן זאַטן מיטאָג, און ער בּאַשליסט נאָכצוגעבּן.

— האַ? אַ דרשה מיינט איר? — מורמלט ער מיט תּנועה — מיר וועלן אַוודאי מיט גאָטס הילף אַיך ניט פאַרשעמען.

— יאַ, איר וועט מוזן טרייען... — זאָגט דער גבאי.

און דאָס וואָרט „טרייען“ קלינגט דעם רב אַ גאַנצן טאָג און איז אים מבלבל די רעיונות.

* *
*

אין שטעטל איז דער כּוח פון רב, ר' זרח, ניט געווען דווקא אין דרשות, נאָר אין בּקיאות און למדנות. אויך אין זיין גראַדן שכל בּיים אויסגלייכן צווי צדדים בּיי אַ דין־תּורה. דאָ, אָבּער, האָט דער רב גלייך דערפילט, אַז איבּעריק זיין למדנות און זיין גראַדער שכל. דאָ מוז מען גאָר קענען דרשענען... האָט ער דערפאַר אַפילו אויך קיין מורא ניט. תּורה האָט ער געגוג, איבּ זיי ווילן תּורה, קען ער זיי געבּן אפילו אין אַ דרשה. אָבּער ער האָט געפילט, אַז אַ למדנישע דרשה אַליין וועט דאָ ניט גילטן. דאָ מוז מען ריידן וועגן וועלט־לעכע, פּשוטע ענינים. ער האָט שוין געהערט דאָ אַ רב ריידן אין

שול און ס׳איז אים דווקא ניט געפֿעלן געוואָרן... ס׳איז געווען צו הזהדיק. ער וועט אַזוי ניט קענען. ס׳איז ניט זיין וועג...

אין די ערשטע דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ געפּאַקטן בית־מדרש, איז טאַקע געווען אויפֿן היימישן נוסח מיטן היימישן ניגון, נאָר מיט מער הכנעה, איבערהויפּט ווען זיין בליק איז געפֿאַלן אויף די צוהערער, דאָס רובֿ געגאָלטע יידן, אין זעלטן ווען דער בליק האָט זיך געקענט אָפּרוען אויף אַ לענגערער באָרד... אָפּט איז ער מבולבל געוואָרן און זיך געטומלט אין די רייד...

נאָך דער דרשה איז ער אַראָפּ אַ פֿאַרביטערטער. געוואַרט אויף אַ מיינונג, אָבער די מיינונג איז ניט געקומען באַלד. ערשט נאָך דער שבתדיקער מנחה איז דער גבאי צוגעגאַנגען צום רבֿ און ווי אַ איבער־האַר זיך אָנגערופֿן:

— לערנען, רבי, קענט איר אַפֿנים בעסער ווי ריידן...

דעם רבֿ איז איינגעפֿאַלן דאָס בלוט. ער האָט געוואָלט עפּעס אָפּענטפֿערן, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין דער רביצין און אין די קינדער און האָט אונטערטעניק אָפּגעענטפֿערט:

— מיר וועלן זיך מיט דער צייט אויסלערנען אויף אייער שטייגער אויך...

— יעס, אָט דאָס וואָס איך מיין... מען דאַרף זיך דאָ צו־פּאַסן, אויסגריינען. אַמעריקע האָט ליב אַ „ספּיטש“, אַז עס זאָל גיין אַ רויך...

* * *

אַז דער רבֿ איז געקומען נאָך מעריבֿ אַהיים, זיינען די אַלע פֿיר הדרים, וואָס די קאָנגרעגיישאָן האָט געדונגען פֿאַר אים נאָך איי־דער ער איז אַהער אָנגעקומען, געווען באַלויכטן מיט עלעקטרישע ליכט, אזש עס האָט אים געבלענדט די אויגן; די רביצין, אַ פֿריי־לעכע, אַ זאָרגלאָזע, האָט זיך אַרומגעדרייט פֿון איין צימער אין צווייטן און האָט זיך ווי פֿאַרגעבריט צו אַ נייעם לעבן.

דער רבֿ האָט געוואָלט אַרויסריידן זיין געוויינלעכן גוט־וואָך, אָבער די צונג האָט אים ניט געדינט. עפּעס צו ליכטיק און צו פֿריילעך איז ביי אים אין הויז. ניט דאָס האָט ער איצט געוואָלט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין גרויסן עס־צימער און אַ זיפץ געטאָן...

— וואָס איז, זרח, וואָס זאָרגסטו? גאָט צו דאַנקען... נישטאָ וואָס צו זאָרגן... — איז די רביצין אַ שיינענדיקע שטיין געבליבן קעגן איר מיט פאַרלייגטע הענט.

— וואָס איז מיט מיר, האַ? — האָט דער רב איבערגעפרעגט — איך ווייס אַליין ניט... עפּעס איז דאָס איינגאַנצן ניט פאַר מיר... זיי זאָגן, אַז איך דאַרף זיך דאָ צופּאַסן, איינגעווינען... איך ווייס... אפשר אַראָפּנעמען די באָרד — האָט ער, אָנקוקנדיק די רביצין, ביטער געשמייכלט.

— די באָרד אַראָפּנעמען פאַרלאַנגט מען ניט פון דיר — האָט די רביצין ערנסט געענטפערט — אָבער אַז דו ביסט איצטער ניט „דאָרטן“, דאַרפסטו געדענקען. דאָ איז אַ נייע וועלט, זרח... און צוקאַמען די באָרד וואָלט אפשר טאַקע ניט געשאַדט...

— און חנפהנען די היגע גראָבע יונגען וואָלט אפשר אויך ניט געשאַדט — האַ? רביצין, האַ? — האָט דער רב העכער ווי זיין שטייגער גערעדט.

— חנפהנען חלילה וחס — האָט די רביצין געזאָגט ווי דער־שראָקן — אָבער מען דאַרף זיין מיט זיי פריינדלעך. אַלע ווינען דאָ, קיין עין־הרע ניט, רייך, לעבן דאָ ווי די גראַפן.

— נו, און ווי איז, אָבער, אַז מיין דרשה געפעלט זיי ניט... צופיל תורה פאַר זיי — איז וואָס זאָל איך טאָן? — האָט דער רב זיך שיר ניט פונאַנדערגעוויינט.

— מילא, וועסט נאָך כאַפּן דעם שניט... גיי טאַקע אָפּטער אַריין אין אַן אַנדער שול. הער פון וויערן אַ רב אַ דרשה... מען וואַרפט אַריין אַן ענגלישן וואָרט, ווייל דיין שטעטל איז שוין ניטאָ מער. און איך בענק נאָך איר אויך ניט שטאַרק...

דער רב האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, געוואָלט זיך אַמפּערן, ניט אונטערגעבן זיך, נאָר עס איז אַריין, ניט אָנקלינגענדיק, דער פרעזידענט, אין דער באַגלייטונג פון נאָך צוויי מענטשן.

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און דערוואַרט עפּעס ניט קיין גוטס.

— זיצט, רבי, זיצט! — האָט דער „פּרעזידענט“ אַ שטאַרק צופרידענער מיט זיך, אויסגערופן — זיצט! איך בין געקומען אהער מיט אַ פּאָר פון אונזערע מעמבערס הערן אייער „הבדלה“... שוין לאַנג ניט געהערט אַ היימישע הבדלה...

דער רב איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. דאַכט זיך, וואָס? מהנה זיין יידן מיט הבדלה איז אַ מצווה, אָבער ער האָט געפילט, אַז זייער ציל איז גאָר אַן אַנדערער, עפּעס אַ מגושמדיקער... ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר באַלד האָט די רביצין מיט אַ שיינענדיקן פּנים געבראַכט די פלאַש ווין מיטן קידוש־גלעזל און דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעגאָסן פול דאָס גלעזל און מיט אַ געבראָכענעם קול אָנגעהויבן:

הנה אל ישועתי
אבטח ולא אפחד...

די ווערטער האָבן אים דערמוטיקט, אַלטע היימישע ווערטער...

און ער איז אָוועק זיכערער, זיכערער... און אַז ער איז געקומען צום „ליהודים היתה אורה ושמחה ויקר“, האָט ער מכוון געווען, אַז דאָס מיינט מען טאַקע די יידן אין אַמעריקע... און אַז ער האָט הייבנדיק די אויגן, באַטראַכט די עלעקטרישע ליכט, איז זיין קול נאָך זיכערער געוואָרן און באַלד האָט ער אויסגעלאָזט הויך אויפן קול, ווענדנדיק זיך צו דעם פּרעזידענט און צו די צוויי מעמבערס:

סברי מרנן ורבנן ורבותי!

דאָס האָט ער טאַקע געמיינט זיי, אַט די וואוילע יידן...

און נאָך דער ברכה „בורא פּרי הגפן“ האָט ער אַ שטאַרקן זופּ געטאָן און אויסגעטרונקען אַוש מער ווי אַ רבע כוס. דאָס האָט אים שוין גאָר אויפגעמונטערט.

זיינען טאַקע די געסט, דער פּרעזידענט מיט די צוויי מעמבערס — ניט קיין אָרעמע מענטשעלעך — געבליבן שטאַרק צופרידן מיט דער הבדלה... און דער פּרעזידענט האָט זיך אָנגערופן:

— שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ מין הבדלה...

דער רב האָט זיך פאַרשעמט, ווי אַ יינגל נאָכן פאַרהערן, האָט זיך שוין אָבער געפילט זיכערער מיט זיין רבנות... און אַ קוק טוענדיק אויף דער שיינענדיקער רביצין און די קלענערע קינדער, וואָס זיינען

געשטאַנען אַרום טיש אויסגעהויטע, זאַטע און באַקליידטע, האָט ער זיך גראָד דערמאַנט אָן זיין דרשה. די זיכערקייט איז שוין פֿאַרשוואונדן און ער האָט מיט הכנעה זיך אָפּגערופֿן:

– מיין היינטיקע דרשה, זאָגט איר, הא? איז געווען... וואָס?... ניט געראָטן... הא?

– צו לומדהתדיק... ניט פֿאַר אונז... האט דער פּרעזידענט זיך מודה געווען...

– אַ ביסעלע מער פּאַרטייטשן, – האט איינער פֿון די צוויי מעמבערס צוגעגעבן.

– יעס, יעס... – האָט אויך דער צווייטער מעמבער אַריינגעזאָגט זיין מיינונג – אַ ביסל איינפֿאַכער און מער פּאַרטייטשן...

– און טאַקע העכער אויך! – האָט דער פּרעזידענט דערמאָנט נאָך אַ חסרון אין דער דרשה...

– מיט גאָטס הילף, מיט גאָטס הילף! – האָט דער רב, אַזוי אַ געהויבענער, אַ געפּאַלענער, צוגעזאָגט און האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

– זיפֿצט-זשע ניט – האָט דער פּרעזידענט זיך געווענדט צום רב, – איך האָב אייך טאַקע געבראַכט אַ טשעק.

– אַ וואָס?... הא?... – האָט דער רב זיך גלייך ניט געכאַפּט.

– אַ טשעק פֿאַר אייערע שכירות. – האָט דער פּרעזידענט אַרויסגענומען פֿון טאַש שוין אָן אָנגעשריבענעם טשעק און געפּאַקט מיט אים אין דער לופֿטן.

– אַ, אַזוי, אַ טשעק... פֿאַרשטיי איך שוין. – איז דער רב ווי מבולבל געוואָרן און מורא האָבנדיק דעם טשעק אַפֿילו רעכט אָנצוקוקן, האָט ער זיך געווענדט מיט תחנונים:

– גיט עס, זייט מוחל, דער רביצין.

די רביצין האָט דעם טשעק צוגענומען שוין ווי אַ קענטע. האָט אים באַטראַכט מיט מבינות, זיך געריסלט פֿאַר גדולה און אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

דאָס עלטסטע קינד, אַ יינגעלע פֿון אַ יאָר צוועלף, איז צוגעגאַנגען און עס געוואָלט נעמען אין די הענט, אָבער די רביצין האָט אים אָפּגעשטויסן:

— טשעפּע ניט. ס'איז געלט !...

און דאָס קינד האָט זיך אָפּגערוקט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט גרויס פאַרוואונדערונג געקוקט אויף די דריי פרעמדע מענטשן.

דער רב, וואָס האָט שוין באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן, ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן, האָט זיך ענדלעך געמאַכט הארץ, גענומען דעם טשעק פון דער רביצינס האַנט, באַטראַכט עס ווי אַ זאַך, וואָס אין דער היים וועט מען עס ניט אין די אויגן, און געזאָגט מיט אַ הלצהלע :

— אויב דאָס איז ניט קיין כסף, איז דאָס שוה־כסף...

אָבער דאָס האָט שוין סיי דער פּרעזידענט און סיי די צוויי „מעמבערס" ניט פאַרשטאַנען.

און דער רב איז בײַ זיך ווידער אַראָפּגעפאַלן געוואָרן, און האָט געזוכט פּאָר זיי לייכטע, גרינגע ווערטער, אום צו געפינען חן אין די אויגן פון זיינע נייע באַלעבאַטים...

# אַ לאַנד אָן גבירים

דער אַלטער ראובן געפינט זיך שוין דאָ אין לאַנד אַ צען יאָר. אַראָפּגעבראַכט האָט אים אַהער זיין רייכער זון לייב, וועלכער הייסט דאָ ליאָ.

געפאָרן איז ער מיט שטאָלץ און מיט פיל ערוואַרטונגען. זיין זון — האָט ער נאָך אין דער היים געהערט — איז אַ גביר: און אַ גביר איז ביי ראובנען געווען אַ גרויסער טיטל, אַן אויסצייכענונג. ניט יעדער מענטש איז זוכה צו הייסן גביר. ביי זיי אין שטעטל איז בלויז געווען איין גביר, — זלמן־בער ראַבינאָוויטש. איז געווען אַ גליק און אַ זכיה אויסצורייידן מיט אים אַ וואָרט, אויב ס'האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט. און אַט האָט ער אַליין אַ זון, אַ גביר, און ער פאָרט צו אים אויף שטענדיק....

אָבער אַז ער איז אָנגעקומען אַהער מיט זיין אַלטער הינדען, און דער זון, אַ „מאַנופעקטשורער", איז אַ פּאַר האַוועטער געקומען אים אַראָפּגענומען פון שיף, און ער האָט, נאָכן צעקושן זיך מיט אים, אים באַטראַכט, איז ער געבליבן ניט צופרידן:

— אַט דאָס איז אַ גביר?

און ער האָט אים באַלד אין געדאַנק פאַרגליכן מיט זלמן־בער ראַבינאָוויטשן... „עט, ווי קומט עס? עס איז גאָרניט קיין פאַרגלייך: עפּעס זעט ער אויס ווי אַ משרת ביי יענעם".

און אַז דער זון האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך אַהיים אין זיין וואוינונג, אין אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז, פון זעקס צימערן, שוין דווקא שיין מעבלירטע, האָט זיך דער פאָטער נאָך אַלץ ניט איבערצייגט אין זיין גבירעשאַפט.

— איז וואָס, מיין זון, ביסט טאַקע אַ גביר? האַ? — האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום געשטעלט די פראַגע פּעסט.

– וואָס הייסט אַ גביר ? — האָט דער זון געשמייכלט, – איך בין, ווי מען זאָגט דאָ, „אָלרייט“...

– ס'הייסט, ניט קיין גביר... — האָט זיך דער פֿאָטער דער־שראָקן.

– ניט קיין אָרעמאַן, חלילה.... איך בין, ווי מען זאָגט, „גוט־אָפּ“...

דאָס האָט נאָך ראובן ווייניקער פֿאַרשטאַנען, כאָטש דער אויס־דרוק „גוט־אָפּ“ האָט אים שוין געקלונגען פֿריילעכער.

שפּעטער־צו האָט דער זון געדונגען פֿאַר דעם אַלטן פֿאָר־פֿאָלק אַ וואוינונג אין אַן אַנדער געגנט און זיי צוגעזאָגט צו געבן וועכנט־לעך צום לעבן....

דאָס האָט אוודאי דעם פֿאָטער געפֿרייט. אַ זון איז ער אַ היי־סער און געלט, אַפּנים, פֿעלט אים ניט ; אָבער קיין גביר איז ער ניט...

אין יאָרן אַרום איז ראובן געוואָויר־געוואָרן, אַז זיין זון פֿאַרמאָגט בײַ אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר. האָט עס אים געפֿרייט : ווערליק אַמאָל, אויף די היימישע געלט, וואָלט דאָס געווען צוויי הונדערט טויזנט רובל, – ער איז אין ספק, צי דער גביר, זלמן־בער, האָט אַזוי פֿיל פֿאַרמאָגט. זלמן־בערן האָט מען געשאַצט אין אַ הונדערט טויזנט רובל ; אָבער פֿונדעסטוועגן איז יענער פֿאָרט געווען דער גרויסער גביר, און זיין זון איז בלויז „אָלרייט“, „גוט־אָפּ“, מאַכט געלט, אָבער קיין גביר איז ער ניט...

הינדע האָט אויך פֿאַרדראָסן, וואָס איר אַלטער מאַכט אַזוי צו קליינגעלט איר זונס עשירות.

– וואָס ביסטו נאָך אַזוי פֿאַרליבט אין זלמן־בערן, פֿאַרשטיי איך ניט, – האָט זי זיך אָפּגערופֿן מיט רוגזה, – איך געדענק, אַז מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ האַרטער מענטש ; זעלטן ווען ער האָט עמיצן געטאָן אַ טובה...

– דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין ; קיין בעל־טובה איז ער טאַקע ניט געווען, אונזער לייב איז אַ בעסערער מענטש ; אָבער מען רעדט ניט וועגן גוטסקייט, מען רעדט וועגן דעם שטאַט, וועגן דער פֿירונג, וועגן אויבערקייט.

און ראובן פארטיפט זיך, לאזט זיך אוועק אויף די געדאנקען אזש צוריק אין שטעטל, שטעלט זיך אפ ביי זלמן-בערס הויז און קומט גלייך צוריק א יינגערער אויף צען יאר. זיין שטימע ווערט העלער, פרישער, די אויגן שיינען:

— פארשטייסט, — רופט ער זיך אן, ווען ער קומט צוריק, — דאס הויז אליין דעם גבירס און דער היים, די חדרים... געדענקסטו?

— אין די חדרים בין איך ניט געווען ביי אים, און מיר דאכט זיך, אז קיינער איז ניט געווען ביי אים... מען האט גארניט צוגע-לאזט צו אים, האב איך געהערט.

און הינדע שמייכלט צווידייטיק...

— אט דאס איז דאך דאס, — באגייסטערט זיך ראובן, — „מען האט ניט צוגעלאזט“; עס פארשטייט זיך, — א גביר. ניט יעדער קאן צוקומען. אבער צו אונזער לייבן, ווער קאן ניט אריינגיין? ווער קאן ניט ריידן מיט אים?

— ביסטו בדלות!.., — שמייכלט הינדע, — אבי, גאט צו דאנקען, געלט האט ער א סך...

— גאר א סך, — ענטפערט דער אלטער, — ער האט היי-יאר געהאט א גוט יאר... נאר מיט וואס האנדלט ער? מיט קליידער... מען נייט ביי אים קליידער און ער גיט אבטונג... א גאנצן טאג אין שאפ; ביי אונז, אין דער היים, האט עס געהייסן א טאנדעטניק... זלמן-בער ראבינאוויטש אבער האט געהאנדלט מיט וועלדער... געהאט צו טאן מיט פריצים, מיט שררות... פויליש גערעדט... „פראשע פאניע כראביע“...ס'איז געווען גאר אן אנדער גאנג...

— נו, רעדט ער ענגליש, — פארטיידיקט הינדע איר רייכן זון.

— ענגליש... ווער רעדט דא ניט קיין ענגליש? — לאכט דער אלטער, — און מיט וועמען האט ער צו טאן? מיט עפעס א מאנופעקטשורער, א געוועזענעם שניידער... און מיר ווייסן דאך — בייגט ער זיך צו צו איר אויער, — אז ער אליין, לייב אונזערער, איז דא די ערשטע יארן אויך געווען א שניידער...

— נו, איז עס דען א חרפה? — פרעגט די אלטע פרוי.

— איך מיין ניט א חרפה, — פארענטפערט זיך דער אלטער— כ'מיין נאר, אז עס איז ניט דאס... איך האב ליב א גביר, וואס

איז א בן גביר ; זלמן־בער ראבינאוויטש האט געשטאמט פון דורות גבירים, זיך מתחתן געווען מיט גבירים, מיט די לוריעס, מיט די חעלדאוויטשעס, מיט די ראפאפארטס... נעם די נעמען אליין... א וועלט האט מיט זיי געקלונגען...

שווייגט שוין הינדע, און ער, ראובן, צעהיצט זיך נאך מער :

דער עיקר איז דאך דער נאמען ; נו, ווער ווייס ליבעס נאמען ?... זאג ליא גרינבלאט אין א צווייטן הויז, און זיין גאס אליין, ווייס מען ניט... און זיין אפארטאמענט, וואו ער וואוינט זיינען דא נאך צוואנציק, וואס פארמאגן אזוי פיל, ווי ער... און יעדער מאניפעקטשורט עפעס... א גלייכעניש — א מאנופעקטשורער צו א וואלד־סוחר.

די אלטע רופט זיך אפער אן :

— וואס מאכט עס אויס, וואס מען טוט, אבי הצלחה...

— ניין, הינדע, זאג דאס ניט ; עס איז א חילוק. א וואלד־סוחר איז טאקע ניט קיין מאנופעקטשורער... איי, האב איך פיינט דאס ווארט ! — פארקרימט זיך דער אלטער ווי אין פיין.

די אלטע גיט אבער ניט נאך, און זאגט :

— אבי ער איז רייך.

— רייך... און ווער איז דא ניט רייך ? דא זיינען אלע רייך, — לאכט אפ דער אלטער ראובן — אלע רייך, און קיין גבירים זיינען ניטא...

— נו, האסטו א זארג, — שמייכלט שוין הינדע גוטמוטיק, זעענדיק, ווי איר אלטן פארדריסט עס.

— איך מיין, עס איז טאקע ניט מיין זארג — וויל איר דער אלטער געבן צו פארשטיין, — נאר אז מען רעדט, רעדט מען... מ'דערמאנט זיך טאקע, ווער עס איז אמאל געווען א גביר און ווער היינט, — פארדריסט טאקע...

— אט זאל דיר ניט פארדריסן, — טרייסט אים הינדע, — פאר בעסער מארגן צו צו אים און זע, ער זאל קומען... ער איז שוין לאנג ניט געווען ביי אונז...

— איך וועל טאקע צופארן, — זאגט ראובן, — אריינקומען צו אים איז ניט שווער : די קלינגסט אן און מען לאזט דיך אריין : ס'איז ניט זלמן־בער ראבינאוויטש...

און ער הייט זיך אפ א ביסל און ניט צו :

— עפענען עפנט די טיר אדער ער, אדער זי... אפילו קיין דינסטן ניטא, ווי ביי א גביר... זלמן-בער האט געהאלטן פיר דינסטן מיט א משרת...

ער זיפצט אפ און מורמלט באלד אויס:

— פונדעסטוועגן וועל איך טאקע צופאַרן מאָרגן...

און ער איז זיך שיין מבין וואס צו רידן. קיין גביר איז טאקע ניט דער זון, אבער געלט האט ער א סך... און מיט אים דארף מען אויך וויסן ווי צו רידן. קאפריזן האט ער אויך, ניט צו פארזינדיקן. דאס איז דאס איינציקע, וואס דעם אלטן געפעלט אין אים, ווייל ער געדענקט, אז זלמן-בער ראבינאוויטש האט אויך געהאט קאפריזן...

— נאך גוט דאס... — טרייסט ער זיך אין געדאנק...

# דער ייד, וואס האט חרוב געמאכט דעם טעמפל

אין דעם קליינעם ווילעדזש, וואו איך האב זיך געפינען אויף מיין וואקאציע, איז דער אמעריקאנער בירגער הענרי ראוז געווען מיינער א שכן. דאס הויז, וואס ער האט פארמאגט, איז געשטאנען לעבן מיין האטעל. ער וואוינט שוין אין דעם דאזיקן ווילעדזש זיינע עטלעכע יאר, מאכט גרינג זיין לעבן און האט א סך צייט צו פארברענגען.

אמת, ניט מיט יעדערן וועט ער פארברענגען. ער איז זייער שטאלץ מיט זיין אמעריקאניזם, קען כמעט אויף אויסווייניק דעם טעקסט פון דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע, ווייס די נעמען פון אלע גובער-נארן און פון די געוועזענע רעפובליקאנישע קאנגרעס-לייט און רופט זיי אפילו הינטער די אויגן מיטן טיטל „האנארייבל”.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז פון אמעריקע האלט ער זייער שטארק און לאזט אויף אמעריקאנער אינסטיטוציעס ניט פאלן קיין שטויבעלע.

א גליק איז, וואס הענרי ראוזן איז נאך אלץ לייכטער צו רעדן יידיש איידער ענגליש. דערפאר רעדט ער מיט מיר טאקע מאמע-לשון. נאר אז דער געשפרעך קומט פאר דרויסן און אז אן אמתער אמעריקאנער גייט פארביי, האקט ער איבער דעם שמועס, גריסט זיך אויף א ריינעם ענגליש מיטן הערמנייער: „האו דו יו דו, מר. נעלסאן! ווערי נאיס דעי... באט מעי בי וויל רעין לעיטער”... אפגעזאגט דעם פסוק און באקומענדיק פון דעם אמתן אמעריקאנער א באַ-שטימונג, אז „יעס, מעי בי”, ווענדט ער זיך שוין ווידער צו מיר אויף יידיש און ערקלערט מיר, ווער דער נעלסאן איז און ווי אזוי ער איז מיט אים באפריינדעט. נאכדעם דערציילט ער מיר, אז איבערהויפט לעבט ער זייער גוט מיט די אמעריקאנער. זיי זיינען זייער פיינע מענטשן, און זאגט מיר נאך דעם א סוד אויפן אויער:

– בעסער, ווי אונזערע יידן...

קען מען דאך מיינען, אז העגרי ראזו איז, חלילה, א שונא־ישראל, מוז איך אים גלייך רעהאבילוטירן פון דער דאזיקער באשולדיקונג. פארקערט, ער איז א אוהב ישראל, אבער טאקע טראץ זיין ליבע זעט ער אויך זייערע חסרונות.

דער ערשטער חסרון זייערער איז, וואס זיי אמעריקאניזירן זיך שווער.

– זייער שווער! – זיפצט ער אויס, און מ'זעט ממש, אז עס קאסט אים א שטיק געזונט.

איך בעט ביי אים א ביישפיל, ווייל מיר דאכט זיך, אז די ווילעדזש־יידן זיינען שוין צופיל אמעריקאניזירט.

ברענגט ער מיר לדוגמא א מעשה מיט א טעמפל.

די מעשה מיט א טעמפל איז אזא:

אין ווילעדזש האבן זיך אנגעקליבן עטלעכע צענדליגע יידישע פאמיליעס, האט מען זיך געכאפט, אז מ'מוז האבן א שטיקל הייזל פאר „גאטעס־דינסט“... מ'מעג זיך טאקע זיין ניט פרום, אבער עס פאסט ניט פאר די גוים. זיי האבן זייער קירך דארפן מיר האבן אונזערס. נאטירלעך, העגרי ראזו מיינט ניט א קלויז, ווי אין יוראפ דארטן, נאר א קליין טעמפעלע, אויפן אידעלן וועג. אנשטאט א חזן – א קאנטאר; אנשטאט א רב – א ראבי אא"ל.

אין געלט איז דווקא ניט קיין מניעה, אלע יידן זיינען קיין עין־הרע ניט...

מ'האט געקויפט א שטיקל פלאץ פון א חשובן אמעריקאנער בירגער, וואס ווייבאלד פאר א יידישן „טשורטש“, האט ער פאר זייער ביליג אוועקגעגעבן. אויסגעבויט א שיינעם, קליינעם טעמפל. ער האט אויסגעזען פון דרויסן כמעט ווי זייערע, אויפן אמעריקאנער אופן. אינווייניק איז עס געווען מעשה סינאגאגע. נאר ער האט עס גערופן טעמפל, ווי ער געדענקט נאך אין די גרויסע שטעט אין איראפע און די העכערע קלאסן.

– וואס־זשע איז דער חילוק פון א טעמפל ביז א קלויז? – שטעלט מיר העגרי ראזו א פראגע, און ענטפערט גלייך אליין:

– אין א קלויז דאוונען אלע מיט. אין א טעמפל אבער לאזט מען עס דעם קאנטאר, און דער עולם – אדער ער שווייגט, אדער אז איינער וויל שוין דווקא ניט פארלאזן זיך אינגאנצן אויפן קאנטאר, זאגט ער מיט, אבער אין דער שטיל, עס זאל גיט ווערן קיין טומל.

און אזוי איז טאקע געווען ביי אונז א פאר יאר. מען האט פשוט מורא געהאט ביים „גאטעס-דינסט" צו עפענען דאס מויל. עס פאסט ניט. עס איז דאך, ווי זאגט איר, א טעמפל.

מאכט זיך אבער א מעשה, אז אין א שיינעם זומער מיטאג אריין אין הוילעדוש א ייד מיט א בארד, טאקע פון יענע אורתע אייראפעישע יידן, און עפנט זיך אויף א סטיישאנערי און ווערט דא א תושב. קיין ביינער איז ער טאקע ניט, נאר א תושב יא. איר פארשטייט? פארשטיי איך שוין, אז פון דעם יידן וועלן מיר דא קיין כבוד ניט האבן... מילא, די בארד, ווי די בארד, אמתע יענקיס טראגן אויך בערד, כאטש זייערע בערד זיינען עפעס בכבודי־קע־ע... נאר וואס דען? דער דאזיקער ייד קומט זיך צו גיין אין טעמפל, און פרעגט אים בחרם דעם חילוק פון א טעמפל ביז א שול!... דער קאנטאר לאזט אויס, הייבט ער אן מיט א ניגון, ווי אין אייזישאק... עס איז מיר געווארן פינסטער אין די אויגן, ער הרגעט אוועק דעם טעמפל.

גיי איך צו אים צו נאך „גאטעס-דינסט" און באמערק אים איידל, אין יידיש:

– מיסטער, – זאג איך. – דאס איז א טעמפל, ניט קיין בית-מדרש... דא איז ניט אנגענומען הויך צו דאוונען...

שמייכלט ער און ענטפערט:

– אז מ׳קען מאכן אין אמעריקע פון א טשורטש א שול, מעג מען דאך פון א טעמפל א בית-מדרש אוודאי מאכן.

און מיינט איר, ער האט ניט איינגעפירט? ער האט שוין געהאט אזא כוח אין זיך. ווי ער פלעגט א געשריי טאן מיט זיין היימישן ניגונדל „ברוך שאמר", – האט זיך דערוועקט ביי נאך איי־נעם דער חשק, ביי א דריטן, ביי א פערטן; פריער א ביסל פארזיכטיק,

שטילער, נאכדעם העכער, העכער... ביז עס איז געקומען צו די הלליות און נאך דעם צו קריאת־שמע – איז געווארן אַ־יעלה, ווי אין אַן אמתן בית־מדרש... און צו תורת־הש"ץ האט זיך אייך דער קאַנטאָר פאַרגעסן, אַז ער זינגט פון זולצערס סידור, און איז אַוועק אויפן היימישן אופן, מיט דעם אמתן ניגון...

איצטער איז אויס טעמפל: מען דאַוונט פליין, ווי אין דער היים, מען שרייט, מען שאָקלט זיך און צו עלינו שפייט מען אפילו אויס...

# דער ערשטער קאָנצערט

קינדווייז האָט לילי אַרויסגעוויזן „געניאַלע“ פֿעיִקייטן צו שפּילן פּיאַנאָ. די זיכערקייט אין דעם האָבן פֿאַרשטאַרקט אַלערליי פּיאַנאָ־לערער און לערערינס, וואָס האָבן זי געלערנט און האָבן ביי די אַזוי אויך נישט פֿאַרמעגלעכע עלטערן צוגענומען די לעצטע פֿאַר דאָלאַר. האָט מען זי שוין צו צען יאָר געגרייט צו דער גרויסער קאַריערע — צום ערשטן קאָנצערט, וואָס זי וועט דאַרפֿן געבן. איר בלאָנדע האָר האָט מען געלאָקט און געקאַרבט, געפֿלאָכטן און געצירט... און וואָס פֿאַר אַ קליידעלע מען האָט איר גענייט, צי געקייפֿט פֿאַרטיק, האָט עס געמוזט האָבן יענעם אויסזען און שניט פֿון אַ קליידל, וואָס מען טראָגט אויף דער בינע, ווען מען ערשיינט פֿאַרן פּובליקום. שטילערהייט האָט אַפֿילו די מוטער, וואָס איז אַליין געווען אַ באַזוכערין פֿון קאָנצערטן, געלערנט די קליינע לילין, ווי אַזוי זי זאָל ערשיינען פֿאַרן פּובליקום, ווי אַזוי צו פֿאַרנייגן זיך נאָכן שפּילן, ווען ס'וועט קומען דער גרויסער אַפּלויז... און טאַקע צוליב דעם ציל האָט זי די מוטער גענומען אָפֿט אויף געוויסע קאָנצערטן פֿון גרויסע פּיאַניסטן... זאָל דאָס קינד וויסן, ווי אַזוי מען טרעט אויף, ווי אַזוי מען האַלט זיך... עס וועט איר, נישקשה, צוניץ קומען... געוויס האָט לילי דורכגעמאַכט „פּובליק סקול“; אָבער איבעריקע בילדונג האָט מען איר נישט געזוכט צו געבן. איר הויפּטבילדונג איז געווען מוזיק און מאַניערן. וואָס אַנבאַלאַנגט ייִדישקייט האָט לילי בלויז טונקל געוואוסט, אַז זי איז „דזשואיש“... די גאָר יונגע עלטערן, אַליין אַמעריקאַניזירטע, האָבן גערעדט אין הויז ענגליש. וועגן לערנען לילין ייִדיש איז גאָר קיין רייד נישט געווען. איר טאַלענט איז פֿאַר דער וועלט, נישט פֿאַר ייִדן אַליין...

אַז לילי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז זי נאָך אַלץ נישט רײַף געווען פֿאַר אַ קאָנצערט, דער לערער אַליין, אַן „אַמאַליקער“

קאָנצערטיסט, האָט איר נאָך געגעבן אַ לעסאָן איינמאָל אַ וואָך, און ווייל זי האָט נאָך אַלץ געהאַט „געניאַלע" פעיִקייטן, האָט ער איר גערעכנט פאַר אַ „לעסאָן" בלויז פינף דאָלאַר. זאָנסט נעמט ער — האָט ער פאַרזיכערט די אָרעמע עלטערן — פינף און צוואַנציק. און דאָס אויך, ווען דער שילער אָדער די שילערין פאַרמאָגט יענע פעיִקייטן, וועלכע „אַפּעלירן" צו אים...

אַז די פינף דאָלאַר פאַר אַ „לעסאָן" איז געוואָרן שווער צו צאָלן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער צווייפל, צום ערשטן מאָל אין די עלטערנס האַרץ. ווער ווייסט, צי לילי איז טאַקע געניאַל? און וואָס וועט זיין דער תכלית? געוויס שפּילט לילי גוט. דער טאָן איז אַ ריינער, די טעכניק איז גלאַט. אָבער צו געבן קאָנצערטן איז נאָך ווייט...

דערהערט די דאָזיקע צווייפלעריי, האָט דער הערער, דער געוועזענער גרויסער פּיאַניסט, אַן עצה געגעבן, אַז זי זאָל אַליין פּראַקטיצירן, און וואָס מער... „און איבערהיפּש", האָט ער געראָטן, נישט צו שפּילן קיין מעלאָדיען, נאָר איבונגען, איבונגען... און מער איז ער נישט געקומען...

האָבן שוין די עלטערן פאַרשטאַנען, אַז לילי איז נישט פון די וועלט-גרויסע פּיאַניסטינס... האָט עס זיי שטילערהייט ווי געטאָן; ביסלעכווייז אָבער איז מען צוגעוווינט געוואָרן מיט דעם און מען האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ תכלית פון דעם ביסל, וואָס זי קען. אין הויז איז געוואָרן פריילעכער. לילי האָט אָנגעהויבן שפּילן לייכטערע זאַכן, אַפילו אַ וואַלס האָט זי זיך שוין אויך ערלויבט. דערווייל האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ זינגער, מר. מילמאַן, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער אָפּערע, און ביז וואָס-ווען, ביז די גליקלעכע צייט וועט קומען, האָט ער אָנגעהויבן זינגען פאַרשיידענע לידער אויף פאַרשיידענע קאָנצערטן, וואָס יידישע פּאַרטייען אַראַנזשירן... דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקער ליבער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געדונגען. וויפל דער פירער פון דער פּאַרטיי, צי פון דער אָרגאַניזאַציע גיט אים פאַר אָפּזינגען אויף אַ מיטינג צוויי-דריי לידער — איז רעכט! זיין הויפּט-ספּעציאַליטעט איז געווען יידישע לידער, אָבער פון צייט צו צייט

אויף אַ „ביס" פלעגט ער אַריינוואַרפן אַ איטאַליענישע אַריע. דערמיט האָט ער געקילט זיין ברענענדיקע אַמביציע צו דער אָפּערע, וואָס האָט נאָך געטליעט טיף אין זיין וועזן. ער האָט אַפילו געקאָנט זינגען אָן פּיאַנאָ־באַגלייטונג, נאָר צוליב „פּרעסטיזש" און צוליב עפעקט האָט ער זיך קיינמאָל נישט געדירט אָן איינעם, צי אָן איינער, וואָס זאָל אים באַגלייטן אויפן פּיאַנאָ. און אַט דעם דאָזיקן זינגער האָט לילי אָנגעהויבן באַגלייטן אויף געוויסע קאָנצערטן. זי האָט זיך געלאָזט עקסטראַ מאַכן אַ קלייד, וואָס פּאַסט פּאַר אַזוינע סאָרטן קאָנצערטן: נישט צו קורץ און נישט צו שטאַרק אַנטבלויזט.

דער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם „האָל" אין איינעם פון די יידישע געגנטן... דער זינגער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז דער קאָנצערט הייבט זיך אָן האַלב ניין „שאַרפ". און זי דאַרף קומען אין „האָל" נישט שפּעטער ווי ניין. איז זי געקומען נאָך מיט צען מינוט פריער. די נאָטן פון די עטלעכע לידער און אַריעס, וואָס דער זינגער איז מיט איר דורכגעגאַנגען נאָך פריער ביי איר אין דער היים, האָט זי געטראָגן אין אַ שיינער טעקע. אַריינגעקומען אין האָל איז זי פאַרשעמט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

דאָס פובליקום, וואָס איז שוין באַשטאַנען פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן, האָט זי טאַקע צוליב דעם באַמערקט. געמאַכט איר אַ וועג צום קינסטלער־צימערל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער פלומרשטער בינע... דאָרטן זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט די עטלעכע רעדנער און נאָך אַ פּאָר קרעפטן, וואָס האָבן באַדאַרפט צוציען און פאַרהאַלטן דעם עולם, ווייל דאָס איז געווען אַ מיטינג מיט אַ קאָנצערט צוזאַמען... נישט זייענדיק נאָך מיט קיינעם באַקאַנט, האָט לילי זיך שטיל אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ האַלבצעבראָכענעם שטול. די „קרעפטן" מיט די רעדנער האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש. זי האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם זינגער, „מר. מילמאַן". מר. מילמאַן איז באַלד אָנגעקומען.

זי האָט האַרציק געשמייכלט צו אים.

— אַך, איר זענט שוין דאָ...

— מיסס פעלד — האָט ער זיך געווענדט צו לילין אויף זיין צעבראָכענעם ענגליש, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ נאָענטער געזאַנג.

— איך בעט אייך, זאגט מיר, וואס דא קומט פאר... איז דא א מיטינג צי א קאנצערט?

דערווייל האט זיך דערטראגן א פראזע פון טשערמאן: „זאל דער עולם זיך האלטן רויק, מיר האבן דא גרויסע קרעפטן!“...

מר. מילמאן האט פארשטאנען, אז דאס מיינט מען אים, אבער צו מוטיקן זי, האט ער איר פארטייטשט, וואס דער טשערמאן זאגט, אז דאס מיינט מען איר מיט אים צוזאמען.

לילי'ס יונג פנים האט זיך באדעקט מיט א ראזער פארב. דער טשערמאן האט פארגעשטעלט דעם ערשטן רעדנער. לויט די באוועגונגען פון עפעס א יונגנמאן, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען בארטיפט, האט לילי שוין געוואוסט, אז וואס איז דער, וואס דארף איצט גיין. זי האט אים אנגעקוקט מיט סימפאטיע און פארעהרונג צוזאמען. ער האט זיך טאקע געלאזט גיין אויף די טרעפלעך, וואס פירן צו דער בינע...

און באלד האט זיך דערהערט רייד, וואס זיינען איר געווען זייער אומבאקאנט; ביי מאנכן ווארט, וואס זי האט יא פארשטאנען, איז איר געווארן ווי לייכטער אין קאפ. וועגן וואס רעדט ער דארט? האט זי זיך פאראינטערעסירט און געפרעגט מר. מילמאן, אויף וועלכן זי האט געקוקט, ווי אויף איר איינציקן שיצער...

— אך, דאס איז נישט וויכטיק. עפעס וועגן א פייערונג פון א „ברענטש“ פון א קולטור־קלוב... זעגט איר דורכגעגאנגען אין דער היים די לידער?...

— א, יעס... — האט זי געענטפערט.

— אייער ערשטער אויפטריט! געדענקט! — האט ער איר גוטמוטיק געווארנט.

לילי האט גארנישט געענטפערט. זי האט זיך בלויז אנגעשטרענגט צו כאפן דעם זין פון א הויכער פראזע, וואס דער רעדנער האט אויסגערעדט. דערווייל האט זיך אראפגעלאזט פון די טרעפ דער „טשערמאן“, דאס איז געווען א צערודערטער יונגער מענטשל, מיט צעשויבערטע האר אויפן שטערן. ער איז צוגעגאנגען צו מילמאנען און איילנדיק געזאגט:

— מר. מילמאַן, אייער נעקסט...

מילמאַן האָט אַ גלעט געטאָן זיין קראַוואַטל, אַראָפּגעצויגן די יום־טובדיקע ווייסע וועסט, אין וועלכער ער האָט איפּגעשטעלט אויף אַזוינע קאָנצערטן, און אַ וואונק געטאָן לילין, זי זאָל זיין גרייט.

דער רעדנער האָט געענדיקט. עס האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער אַפּלויז.

— איצט גייען מיר — האָט מילמאַן אָנגעזאָגט לילין ווי אַ געניטער...

לילי האָט זיך פון גרויס אויפרעגונג גענומען צו די נאָטן.

— „און איצט וועל איך אייך פאָרשטעלן דעם וועלט באַרימטן אָפּערע־זינגער — מילמאַן“... — האָט זיך דערהערט דעם טשערמאַנס פאָרשטעלן.

לילי, וואָס האָט די לעצטע פּאָר ווערטער פאַרשטאַנען, האָט אָנגעקוקט מילמאַנען מיט נאָך מער רעספּעקט ווי אַלע מאָל, און געזוכט אין דערזועלביקער צייט ביי אים שוץ.

— קומט, לילי, קומט... גייט נאָך נאָך מיר!...

זי האָט אים נאָכגעפאָלגט, ווי נישט מיט אירע אייגענע פיס. זי האָט זיך גלייך אַנידערגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ, וואָס איז צום גליק געשטאַנען אַזוי, אַז זי איז אויסגעקומען אין פּראָפיל צום עולם...

נאָכדעם ווי דער אַפּלויז, וואָס מר. מילמאַן האָט באַקומען (און פונקט אַזאַ מין אַפּלויז באַקומט ער שטענדיק ביים ערשיינען), האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד פון „אַפּטער רבין“... לילי האָט דאָ געהאַט אַ שטיקל סאָלאָ — ס'הייסט אייניקע טאַקטן האָט מילמאַן געשוויגן... זי האָט דערפילט די שטילקייט פון עולם. אַז דאָס ליד איז געענדיקט געוואָרן, איז דער אַפּלויז געוואָרן נאָך שטאַרקער... מילמאַן האָט זיך מיט דעם כבוד געוואָלט טיילן מיט זיין נייער באַגלייטערין. ער האָט זיך צו איר געווענדט מיט די בליקן, זי זאָל זיך אויפשטעלן. זי האָט אים ווי אַ היפּנאָטיזירטע, געפאָלגט, און אויך ווי אַ היפּנאָטיזירטע זיך אַניג געטאָן, און זי האָט אויסגעזען, ווי די באַרימטע טרילבי אונטער כמויגאַליס ווירקונג... האָט זי ערשט געקראָגן דעם ריכ־

טיקן אפלויז... זי האט שוין אויסגענומען נישט נאר פאר איר שפילן אליין, נאר פאר איר יוגנט און איר שיינעם איידעלן האלטן זיך און צעשראקנקייט... האט שוין מר. מילמאן אנגעהויבן זינגען דאס ליד „דער בעל־עגלה"... לילי האט שוין באגלייט ווי א גע־ניטע... צום סוף האט זי פארענדיקט אליין מיט א מוזיקאלישער פראזע, לויט ווי דאס דאזיקע ליד איז „אראנזשירט" און ס׳איז אויסגעקומען, אז דער אפלויז, וואס איז אויסגעבראכן נאכן זינגען, איז איר פארדינסט, כאטש גענויגט שטארקער ווי אלע מאל האט זיך מילמאן... ביי דער איטאליענישער אריע האט ערשט מילמאן באוויזן, אז אייגנטלעך איז ער אן אפערע־זינגער און אז דאס פריערדיקע, וואס ער האט געזונגען, איז געווען צוליב דעם עולם דא, וועלכער איז נישט קיין גרויסער בעלן אויף אריעס... און ווירקלעך האט טאקע דער עולם אויפגענומען די אריע קעלטער, ווי די פריערדיקע יידישע לידער. דאס האט מילמאנען וויי געטאן, און לילי אליין האט זיך דערפילט געפאלענער ווי פריער. מילמאן אבער האט פאר־ריכט זיין מערכה, ביים עולם דערמיט, וואס ער האט געגעבן איבערן פראגראם דאס ליד פון דעם פריילעכן „חסידל"... דער אפלויז נאך דעם ליד איז שוין געווען ענלעך אויף אן אוואציע... לילי, וואס האט אויך דא געהאט א פאר שאטן „אליין", אויף דער פיאנא, האט זיך אויך געמוזט נייגן...

נאכן קאנצערט און מיטינג האט זיך לילי דערפילט ווי ניי־געבוירן. דא האט זי דערקענט איר שטאם, דא האט זי דער־זען פאר זיך א נייע וועלט. און גייענדיק מיט מילמאנען, וועל־כער האט זי באגלייט אהיים, האט זי שוין ווי א חברטע געזאגט:

— מר. מילמאן... איך וואלט זייער געוואלט קענען יידיש...

— איר וועט קענען, טייבעלע, איר וועט קענען... האט מיל־מאן איר געטרייסט מיט א שמייכל...

קומענדיק אהיים, האט לילי דערציילט דער מוטער, וועלכע האט א אומגעדולדיקע דערווארט דעם רעזולטאט פון דעם ערשטן אויפטריט אירן:

— זייער שיין געווען, מא, זייער שיין... און אלץ אין יידיש.

און אַ זוארף טוענדיק אַ פינף־דאָלאַרדיקן ביל, וואָס מר. מיל־מאַן האָט איר אין וועג איבערגעגעבן אַלס האָנאָראַר פאַר איר באַגלייטונג אויף דער פּיאַנאָ, האָט זי אַלוסטיקע געזונגען:

– מר. מילמאַן האָט מיר פאַרשפּראָכן אָפט אַזוינע קאָנצערטן.

די מוטער האָט צוגענומען דעם פינף־דאָלאַרדיקן ביל, געוואָלט אַ זיפץ טאָן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט זי לילין אַרומגענומען און זי שטאַרק געקושט...

---

# אין יארן ארום

אין דער היים, אין א פראווינץ־שטאט אין רוסלאנד, האט ליזע פון דער יידישער ליטעראטור ווייניק וואס געוואוסט. אין זייער באלעבאטיש הויז איז אריינגעקומען „דער פריינד", מיט וועלכן איר מאמע פלעגט זיך קוויקן גאנצע שעהן יעדן טאג און אויך דער ערנסטער פאטער, וואס האט געלייענט מער לשון־קודש, פלעגט אויך אפט אריינקוקן אין דער צייטונג אויף יידיש, וואס איז אנגעקומען אזש פון פעטערבורג, און אמאל זיך ברייט צעשמייכלען ביים לייענען אונטן דעם פעליעטאן און אפט אויסמורמלען: „זיי רענען, די חברה"...

זי, ליזע, שוין א געענדיקטע גימנאזיע, האט זעלטן ווען אריינגעקוקט אין דער דאזיקער צייטונג. פון דעם ביסל עברי, וואס מען האט איר אין דער קינדהייט אויסגעלערנט, האט זי אפילו אויך יידיש געקענט לייענען, אבער זי האט ניט געפונען קיין אינטערעס אין די אלע נייס, ארטיקלען און אפילו אין די קליינע דערציילונגען, וואס האבן זיך אונטן, אין דער צייטונג געדרוקט.

אין דעם קרייז, וואו זי האט זיך געפונען, צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, וואס איז געווען האלב אינטעליגענט, האט מען געלייענט די נייסטע רוסישע זשורנאלן, וואס זיינען געווען באוואוסט מיט זייער פארשטעלטן סאציאליזם און מיט רעוואלוציאנערע אידעען. דאס רוב זיינען די דאזיקע זשורנאלן באשטאנען פון לויטער בעלעטריסטיק, אבער אויך אין דער בעלעטריסטיק האט מען דער ביוראקראטיע אריינגעזאגט גענוג שטעכווערטלעך, וואס ליזע האט א ביסל אליין און א ביסל אדאנק די אויסטייטשונגען פון די אינטעליגענטערע פון דעם קרייז, פארשטאנען און שטארק הנאה געהאט דערפון.

צווישן די אלע דערציילונגען אין די היגע רוסישע זשורנאלן און זאמלביכער האט איין דערציילונג געמאכט א שטארקן רושם דעמאלט אויף דעם גאנצן קרייז. דער הויפט־העלד איז געווען א ייד. יידישע הויפט־העלדן אין רוסישע דערציילונגען איז קיין נייס נים געווען, אבער די דערציילונג פון אן עכט־רוסישן שרייבער, וואו דער יידישער העלד איז געווען געמאלן מיט אזויגע סימפאטישע שטריכן, האט זייער אויסגענומען. ליזע אליין האט מיט א באדאלמענעם שטאלץ די דערציילונג צוויי מאל געלייענט. פון די דיסקוסיעס, וואס זיינען נאכדעם אנגעגאנגען אין דעם קרייז, וואו זי האט זיך געפונען, איז די דערציילונג ארויסגעקומען נאך דערהויבענער, באדייטנדער און דער יונגער רוסישער שריפטשטעלער, וואס זיין נאמען האט זיך געענדיקט אויף „אוו", איז געווארן דער ליבלינג פון דעם לעזער־קרייז, וואו ליזע האט זיך געפונען.

הפנים אבער, אז די גויים פון דער שטאט, וואו ליזע מיט אירע עלטערן האבן געוואוינט, האבן די דאזיקע דערציילונג נים געלייענט און נאכן פאגראם, וואס די דאזיקע שטאט האט אויף זיך געהאט, איז ליזע מיט אירע עלטערן אוועקגעפארן קיין אמעריקע, וואו דער עלטערער זון, ליזעס עלטערער ברודער, האט זיך שוין געפונען פון עטלעכע יאר, אין איינער פון די גרעסטע שטעט פון אמעריקע.

די ערשטע צייט האט ליזע געוואלט אין אמעריקע אויך ווייטער פירן איר גייסטיק לעבן, ווי אין דער היים, אין רוסלאנד. אין דער שטאט־ביבליאטעק האט זיך אפילו געפונען אויך א רוסישע אפטיילונג, אבער דאס רוב ביכער זיינען באשטאנען נאר פון די קלאסיקער, וועלכע זי האט דורכגעלייענט, ווען זי איז נאך געווען אין פערטן און פינפטן קלאס גימנאזיע. פון די דיקע זשורנאלן און זאמלביכער האט זי בלויז געפונען אזעלכע, וואס האבן נים אפגעענטפערט אירע איבערצייגונגען, און אויך זיי אלע זיינען ערשינען מיט א יאר אדער נאך לענגער צוריק. האט זי פון צייט צו צייט אין די פרייע אוונטן, נאך איר ארבעט, געפרואווט אריינקוקן אין דער יידישער צייטונג, אין דעם יידישן זשורנאל, אין יידישן בוך, וואס האט זיך געפונען אין דער נייער היים, וואס דער ברודער האט דא פאר זיי איינגעארדנט.

אויף אזא אופן איז ליזע געווארן א לערערין פון יידיש. און אפשר האט זי זיך אפילו פארגונען איבערצולייענען אין דער הויך א דערציילונג פון דער יידישער צייטונג פאר דער מאמען, וואס האט גראד די דערציילונג דורכגעלאזט.

— דעם שרייבער געדענק איך נאך פון „פריינד“ — האט דער מוטערס פנים זיך צעשטראלט — איז ער, הייסט עס, אויך דא אין אמעריקע — האט זי ווי באוואונדערט אין געפרייט זיך, וואס אפילו ער איז אויך דא, אין אמעריקע...

* *
*

חתונה געהאט האט ליזע מיט א יידישן יונגמאן, טאקע א לאנדסמאן, דערצויגן אין דער זעלבער שטאט און פון זעלבן קרייז. דא האט ער פארגעזעצט זיין שטודירן, געווארן א דאקטאר, אבער ער איז אויך, אלס לערער, איבערגעגאנגען בישלעכווייז צו דער יידישער ליטעראטור.

נאר פון צייט צו צייט האט זיך אין זייער שיין=איינגעארדנטער וואוינונג באוויזן א גאסט פון רוסלאנד, וואס האט זיי אפגעפרישט די ערינערונגען פון דער אלטער היים, זיך צערעדט פון די אמאליקע ביכער, די זשורנאלן, און דעמאלט האט ליזע מיט בענקשאפט זיך אנגערופן:

— געדענקט איר די דערציילונג אין דעם זשורנאל? דער נאמען פון שרייבער האט זיך געענדיקט אויף „אן“... אך, וואס פאר א דערציילונג עס איז געווען! און ווי סימפאטיש דער יידישער העלד איז ארויסגעקומען!

עס זיינען אריבער יארן. וועלט=קריג. אין רוסלאנד א רעוואלוציע. ליזע, שוין א פרוי נאנט צו פערציק, האט זיך אבער געהאלטן יונג. איר מאן, דער דאקטאר, וואס איז געווען אין יארן עלטער א ביסל, האט אבער אויסגעקוקט נאך יינגער. אויך זייערע אידעאלן און סימפאטיעס זיינען געווען יונג אין זיך צוזאמענגעגאסן מיט דער נייער וועלט.

די וועלט=ענדערונגען האבן זיך אויך אפגעשפיגלט צווישן זייער קרייז אין דער אמעריקאנער שטאט. די „רוסישע“ קאלאניע, וואס

האָט שוין פאַרמאָגט עכטע ריסן, פאַרטריבענע פון זייער היים, צוליב פאַרווירונג אין מיינונגען. האָבן זיך געפּרוּווט דאָ, אין דער נייער וועלט, זיך טוליען צו די יידן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען רוסיש.

ליזעס הויז איז געווען אָפן פאַר די בעסערע און ראַדיקאַלערע פון דער רוסישער נייער קאָלאָניע.

איינער פון זיי, וואָס איז געווען, ווי ער האָט אַליין דערציילט, אַן אָפיציר אין קערענסקיס אַרמיי, און דאָ אַרבעט ער אין אַ פאַבריק, אָבער האָפט נאָך צו פאָרן צוריק אין רוסלאַנד, האָט געוועקט גרויס צער אין ליזעס האַרץ: זי וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אַ רוסישער מענטש, און אַן אָפיציר דערצו, יאָל זיך פילן אַזוי היימלאָז און געפאַלן און זוכן שוץ אין אַ יידיש הויז און שטילן זיין בענקשאַפט נאָך זיין פאָטערלאַנד מיט אַ רוסישן געשפּרעך מיט אַ יידישער פאַמיליע.

זי האָט זיך דערמאָנט אין דער דערציילונג פון דעם רוסישן שרייבער, וואָס זיין נאָמען האָט זיך געענדיקט אויף „אָוו".

— אַך, פּיאָטר איוואַנאָוויטש — האָט זי זיך געווענדט צו דעם רוסישן ליבעראַלן אָפיציר, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער איר אויף אַ שטול — איך דערמאָן זיך איצט אָן אַ שרייבער, וואָס איך האָב געלייענט אין דער היים, נאָך ווייענדיק אַ יונגע מיידל. זיין נאָמען האָט זיך געענדיקט אויף „אָוו"... עס איז געווען אַ וואונדערלעכע דערציילונג. דער העלד איז געווען אַ ייד, אַ סימפּאַטישער אַזאַ. זיין נאָמען האָט זיך געענדיקט אויף „אָוו" — האָט זי מיט בענקשאַפט ווידערהאָלט...

— אַך, מיין גאָט, איך ווייס, איך קען אים — האָט דער רוסישער ליבעראַלער אָפיציר זיך אָפגערופן — ער איז איצט דאָ, ער איז טאַקע די טעג געקומען פון ניו־יאָרק. ער האָט זיך דאָרטן געוואַלגערט עטלעכע מאָנאַטן. יאָ, איך ווייס — אַ יידן־פריינד, אַ גרויסער טאַלאַנט...

ליזעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט נייגיר.

— איז דאָס מעגלעך, אַז ער איז דאָ?

— זיכער, איך ווייס, אַז דאָס איז ער. איך האָב טאַקע מיט אים גערעדט אין אונזער קלוב נעכטן. ער האָט מיך געפרעגט

אַדרעסן פון יידישע אינטעליגענטן. ער בענקט ווייטער נאָך רוסלאַנד. ער האָט זיך, נעבעך, אויך באַנאַרישט. ברוגז געוואָרן... איצט ציט אים צוריק.

– טאָ ברענגט אים אַהער, פּיאָטר איוואַנאָוויטש! איך בעט אייך!

– דו הערסט, דאַוויד — האָט זי זיך פֿליִצים געווענדט צום מאַן, וואָס איז געזעסן און געפּירט אַ געשפּרעך מיט אַ צווייטן רוסישן אימיגראַנט, טאַקע אַ דאָקטאָר פון דער היים —דו הערסט, ער איז דאָ!

– ווער? — האָט דער מאַן נישט פאַרשטאַנען איר באַגייסטערונג.

– אָט דער... געדענקסט, וואָס מיר האָבן אַמאָל דיסקוטירט זיין דערציילונג מיט דעם סימפּאַטישן יידישן העלד...

– אַך, ווירקליך אינטערעסאַנט. ער איז דאָ? איך וואָלט אים געוואָלט זען.

דער שריפטשטעלער איז געקומען. דאָס איז געווען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, נאָר ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרעלטערט. אַ צער, אַ יידישער צער, האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע עכט־רוסישע, בלויע אויגן.

די קאָמפּלימענטן, וואָס ליזע האָט אים געמאַכט פאַר זיין אַמאַליקער דערציילונג, האָט ער אויפגענומען מיט אַ שיינענדיק פּנים.

– יידן, דאָס איז מיין שוואַכע זייט — האָט ער מיט זיין מילדער שטימע און דעם קלינגענדיקן רוסישן אַקצענט געזונגען. איך פאַרגעסט ניט – האָט ער צוגעגעבן, אַז דערצויגן בין איך געוואָרן אין אַן אַנטיסעמיטיש הויז.

ליזע האָט צוגעהערט זיינע רייד און עס האָט איר עפּעס פאַרדראָסן, וואָס עס איז אויף דער וועלט אַלץ אַזוי אַנדערש, ווי מען שטעלט זיך פאָר...

אויך דער מאַן, דער דאָקטאָר, איז געזעסן ווי אין אַ געדריקטער שטימונג, זיך דערמאָנט, קענטיק, ווי אַזוי אַמאָל, ווען ער האָט געלייענט די דערציילונג, האָט ער צוגעגעבן גרויס באַדייטונג איר ווירקונג. און היינט זיצט דער אויטאָר דאָ אַ געפאַלענער, און וואָס? ווער נייטיקט זיך איצט אין גוטע רייד וועגן יידן, סיי דאָרטן סיי דאָ?...

אָבער צו שאַפן זיך אַן אילוזיע, האָט ער דאָך געריטט:

-- אט ווי איצט געדענק איך, ווי אזוי מיר אלע אין אונזער קרייז האבן געלעזן אייער בריליאנטענע דערציילונג. מיר זיינען אייך געוועז אזוי דאנקבאר. אבער, ליידער, זיינען מיר איצט אפגעריסן פון דער רוסישער ליטעראטור... דא לייענען מיר יידיש, ענגליש... אמאל נאר, אמאל, צופעליק, א רוסיש ביכל, אויב עס קומט צו דער האנט... אמת, ליזע ?

ליזע האט ווי פארשולדיקט צוגעגעבן :

– יא, אמת...

דער שריפטשטעלער האט הכנעהדיק אויסגעהערט, געשמייכלט מיט אנערקענונג און זיך אפגערופן :

– איך האב גראד מיטגענומען, דא אין מיין פארטפעל, א פאר עקזעמפליארן פון מיין נייער אויפלאגע... עס געפינט זיך טאקע אין דעם די דערציילונג, וואס האט אייך אזוי באגייסטערט.

ליזע איז אזש אויפגעשפרונגען :

– ציגט, איך בעט אייך, ציגט !

– זיכער, מיט פארגעניגן.

און דער אווטאר האט ארויסגענומען פון דעם פארטפעל, וואס איז געלעגן לעבן אים, א באנד.

ליזע האט אויסגעצויגן די האנט, האט א בלעטער געטאן. עס האט אויף איר אזוי געטאן מיט היים, מיט רוסלאנד... עס האבן זיך פאר איר פארגעשטעלט די שטרענגע רוסישע לערער פון די אלטע קלאסן גימנאזיע : דאס אידעלע געזיכט פון לערער פון כלאוועסנאסט... און בלעטערנדיק האט זי ענדלעך געפונען די באקאנטע דערציילונג.

– לייענט עס אונז פאר, איך בעט אייך — האט זי זיך געווענדט צום אווטאר, ווי זי וואלט זיך אליין עס ניט געטרויט...

דער אווטאר האט זיך פארגעבריט, געפילט זיך אומבאקוועם, אבער דאך גענומען לייענען.

ער האט געלייענט פרום, מיט כוונה, באטאנט אלע יענע זאצן, וואס האבן דעם יידישן „העלד" פארטיידיקט און אים צוגעגעבן שיינקייט און געדייבנקייט.

ליוע האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, נע=
זוכט יענעם אינהאלט, וואס האט אזוי באצויבערט איר אמאל ווען
זי האט עס געלייענט אין דער אלטער היים; ווען זי איז געווען
אזוי פול מיט דאנקבארקייט צום אווטאר, וואס ער האט אומ=
דעקט געשיצט איר און דאס גאנצע פאלק מיט זיין פארטיידיקונג.

איצט זיינען די ווערטער אזוי אפגעקילט, דער צויבער איז
אוועק, און איר דאכט זיך, אז ער, דער פריערדיקער פארטיידיקער,
דער שטארקער, איז איצט אין דערזעלבער לאגע, וואס זיין ייד=
ישער העלד — א פרעמדער, א ניט פארשטאנענער, אן איינזאמער...

דאס זעלבע האט אויך, קענטיק, געטראכט דער מאן, דער
דאקטאר. זיי האבן זיך אלע וויילע איבערגעקוקט, א טרויעריקן שמייכל
געטאן און זיך ווידער צוגעהערט אויפמערקזאם, ניט צו באליידיקן
דעם גרויסן גאסט, דעם אידעאל פון זייער יוגנט.

---

# די העכערע שטופע

(ס ק י צ ע)

זינט באַריס זילבער האָט, אַדאַנק זיין פאַרבעסערטער מאַטע־ריעלער לאַגע, זיך אַרויסגעצויגן פון דער טענעמענט־הויז, וואו ער האָט געלעבט יאָר נאָכאַנאַנד פאַרנומען אַ קליינע וואוינונג פון דריי „רומס“, און זיך אַריינגעצויגן אין אַ אַפּאַרטמענט־הויז, וואו ער האָט שוין פאַרנומען אַ וואוינונג פון פיר ליכטיקע צימערן, — זינט דאַן פילט ער זיך אַן אַנדערער, אַן איבערגעביטענער. נייע שכנים, רייכע־רע, שענער געקליידטע און אויך דער אופן פון רײדן איז גאָר אַן אַנדערער. צי מען רעדט יידיש, צי ענגליש, פילט מען אַ געהויבע גע־הויבנקייט. דאָ הערט מען ניט אַזוי אָפט דאָס וואָרט „דזשאָב“, וואָס זינט באַריס איז אין אַמעריקע, קען ער זיך אַליין צום וואָרט ניט צוגעוויינען.

דאָ האָבן די מענער „פּאָזישאַנס“, און אַנשטאָט „פּיידע“ איז דאָ דאָס וואָרט „סאַלאַרי“. טאַקע שיינע ווערטער. ער אַליין אַרבעט שוין אויך ניט ביי אַ דזשאָב: ער האָט אַ גוטע פּאָזישאַן און באַ־קומט אַ פיינע סאַלאַרי.

האָט ער אָבער געדאַרפט אַדאַנק דער רייכערער וואוינונג ענדערן זיין אַרט לעבן.

האָט זיך עס אָנגעהויבן פון די מעבל — אין אַזאַ וואוינונג פּאַסט זיך ניט זיין פריערדיקע מעבל. האָט ער געקויפט אַ נייעם „סעט“ פאַרן „דיינינג־רום“ און אַ „סעט“ פאַרן „פּאַרלאָר“. דער פּאַר־לאָר־סעט איז גאָר אַ געהויבענער. די צוויי ברייטע, ווייכע שטולן מיט די ברייטע און שיינע הענטלעך און טיפן ווייכן זיץ, באַשלאָגן מיט אַ טייערן שטאָף, וואָס זעט אויס ווי סאַמעט — פאַרנעמען דאָס אויג. אַז ער קומט פון דער שטעלע אַהיים און איידער זיין ווייבל איז פאַרטיק מיטן „סאַפּער“, גייט ער אַריין אין „פּאַרלאָר“, זעצט

זיך דערווייל אַוועק אויף איינעם פון די הויכע „טשערס“ און ער זינקט אין אים איין: ער פאַרלירט זיך אין אים.

אָבער ער קריגט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין.

— האַ — ברוך, רעדט ער צו זיך און רופט זיך, אַן מיט זיין אַלטן היימישן נאָמען, — האַ, דערלעבט יאָרן, אַזוינע שטולן! אַזאַ וואוינונג...

אַט וועט זיין לאַנדסמאַן זעליג, וועלכער האָט געוואוינט ניט ווייט פון דער פריערדיקער אָרעמער וואוינונג און פלעגט אים אַזוי אָפט נאָך דער אַרבעט באַזוכן, — ווען ער פאַלט אַריין אַהער און דערזעט עס... אַט די פיר שיינע רומס מיט די עלעקטרי־ מיט די אויסגעמאָלטע ווענט, און טאַקע מיט דעם סעט מעבל אין פּאַרלאָר...

עס וואָלט טאַקע געווען אַ יושר ער זאָל קומען... ער איז זיין בעסטער פריינד. אַ וואוילער ייד דער זעליג. עס איז גוט מיט אים צו פאַרברענגען. אַלץ מיט די פראָסטע ווערטלעך. הינט זיין הילוך! ער פלעגט קומען אַמאָל צו אים אין אָוועראָלס.

נאָר דאָרטן, אין יענע רומס, אין טענעמענט־הויז האָט עס אים ניט געאַרט.

און ווי וועט אָבער זיין, אַז זעליג פאַלט אַריין אַהער? אין דער רייכער וואוינונג!

ער, זעליג, אויף אַזאַ ווייכן שטול — ער וואָלט אים איינגע־שמירט. בי־בי־בי.

דערווייל דערהערט ער ווי דאָס ווייבל רופט אים עסן.

ער גייט אַריין אין דיינינג־רום. ליכטיק, ציכטיק, דער דיינינג־רום סעט איז אויך ניט צו פאַרזינדיקן. די פיר טשערס זיינען שוין קלענער, אָבער אויך הייך־געבעט... די פאַרענצן גלאַנצן...

און באָריס מאַכט אַ פשרה: ווען זעליג זאָל קומען, וועט ער אים אויפנעמען טאַקע דאָ אין דיינינג־רום...

אין פּלוצלונג פאַלט אים איין צו פרעגן דאָס ווייבל:

— בעסי, וואו איז הינגעקומען זעליג?

בעסי שמייכלט:

— האָסט זיך פאַרבענקט נאָך זיינע אָוועראָלס...

— נאָ... איך מיין — מען זעט ניט אַ מענטשן... דעם אַדרעס האָב איך אים געגעבן. פאַרוואָס קומט ער ניט?...

— נישקשה, ער וועט קומען — טרייסט אים דאָס ווייבל.

— יאָ, איך וואָלט אים טאַקע געוואָלט זען. אַן איינציגער מענטש, אַ נאָענטער...

— זאָרג ניט... וועסט האָבן שענערע באַקאַנטע. דאָ איז אַ גאַנץ פיינע „נייבאָרהוד“... איך האָב דאָ געמאַכט פיינע באַקאַנטשאַפט. מיסעס וויינשטאַק פון ערשטן פלאָר איז שוין בײַ מיר געווען.

— יאָ... שוין... מוחמלט באַריס צופרידן — דאָס פרייט מיך טאַקע... זיי מאַכן אַ שיינעם לעבן... נו, וואָס זאָגט זי עפּעס אויף דעם פאַרלאָר־סעט?...

— וואָס זאָל זי זאָגן... בײַ איר איז אויך דאָ אַ נייער פאַרלאָר־סעט. מר. וויינשטאַק, איר מאַן, איז אויך ניט צו פאַרדינקן.

באַריס רייבט צופרידן די הענט... ער וועט ערשט אָנהייבן קומען צו זיך. נייע באַקאַנטע, רייכערע, איידעלערע... און טאַקע וויפיל איז דער שיעור צו זיין אַזאַ דעמאָקראַט, ווי ער... אַ דעמאָקראַט טאַקע יאָ... אָבער מען דאַרף גיין העכער... אויסוואַקסן און ערשט דעמאָלסט זיין אַ דעמאָקראַט...

און באַלד דערמאָנט ער זיך אָן זיין לאַנדסמאַן זעליגן... ער וואָלט אים געוואָלט זען — אַ וואויל, גוט, פריילעך מענטשל...

אָבער ער קאָן נאָך, ווען געהויבענע געסט וועלן דאָ זיין, אַריינפאַלן אין זיינע אָוועראָלס — דערשרעקט ער זיך פלוצלינג פון געדאַנק צו לאָדן אים אַהער...

ער טרייסט זיך אָבער, אַז אין אַזאַ געגנט וועט ער ניט קומען אין אָוועראָלס — משוגע וועט ער ווערן, וואָס?...

און באַריס פאַרטראַכט זיך: די פראַגע ווען זעליגס קומען און ווען זיין הילוך איז דייער אַ וויכטיקע.

און אַט קלינגט מען אין טיר... ווער קאָן דאָס זיין? צי ניט אַמאָל זעליג?

ער לאָזט זיך צום טיר...

גאָט צו דאַנקען — ניט זעליג.

עס איז אַריין מר. און מרס. ווײַנשטאָק...

אַזוי זיך אַריין, אַט אין איין הויז... איז מען נאָך פּאַפּער אַריין.

באַריס האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט. הייסט עס, אַז ער שטייט נאָענט גאָר הויך... ער וואַקסט !...

— קומט אַריין אין פּאַרלאָר... שטאַמלט ער אַן איבערראַשטער פון גדולה...

די פּאָר פּאַלק פון ערשטן פלאָר שמייכלען ברייטלעך — זיי ווייסן ניט, וואו באַריס האָט פריער געוואוינט — און מר. ווײַנשטאָק ענטפערט מיט שטאָלצער הכנעה:

— עס איז גוט דאָ אין דיינע רום אייך...

— נאָ, נאָ, — דינגט זיך באַריס — אַזוינע געסט ! — קומט אַריין אין פּאַרלאָר.

ער גייט פאָרויס מיט אַ מינע פון אַ פּאַרטנער פון אַ האָטעל און דרייט אויף די עלעקטרישע לאָמפּן... אין שיין פון דער עלעקטריק זעען אויס די פּאָר פּאַלק נאָך פרעמדער, נאָך ווייטער און געהויבענער.

דער מר. ווײַנשטאָק זעצט זיך אַוועק אויף איינעם פון די צוויי ווייכע פּאַרלאָר־טשערס, מרס. ווײַנשטאָק אויפן ווייכן דיוואַן...

באַריס ווייבל טראָגט אַריין אויף אַ געמאָלטן טעלער דעם באַוואוסטן „כיבוד": אָראַנזשעס, צוויי עפּל, אַ באַנאַנע און אויבן — גאָר אין דער הויך — די באַוואוסטע גרייפּס.

— צו וואָס דאַרף מען עס ?... שמייכלט זיס מרס. ווײַנשטאָק און פאַרזוכט טאַקע אַ גרייפּ.

באַריס שטראַלט פאַר הנאה. אַ נייע וועלט, נייע מענטשן אין די מעבל — אַלץ אַזוי שיין... ווייך...

ער וויל זיך צערעדן וואָרעם, האַרציק... נאָר וואו ? דער מר. ווײַנשטאָק איז שוין אין לאַנד פינף און צוואַנציק יאָר אין פרעמד אים בחרם, ווי צו אונטערהאַלטן אַ היימישן געשפרעך.

און באַריס פּלאָנטערט זיך און טראַכט אין איין שרעק וועגן זעליגן...

— ער זאָל חלילה ניט אַריינפאַלן אין די אָוועראָלס...

שאַ, מען קלינגט...

באַריס לאָזט זיך לויפן אַנטקעגן.
טאַקע וועליג.

— אַ גוט נאָוונט, ברוך... קום געפינען... שרייט וועליג הויך אויפן קול.

— ששששט, שטילט אים באַריס צומטומיק איין — איך האָב דאָ געסט פון ערשטן פלאָר. גאַנצע אַמעריקאַנער... זעץ זיך אַ ווײַלע אָט דאָ אין קיטשען... ווי געפעלט דיר די קיטשען?...

— אַ גאַנץ שיינע קיטשען... באַטראַכט וועליג. ווען איך ווייס, אַז דו וואוינסט אַזוי רײַך, האָלט איך אָנגעטאָן מײַן ריינעם סוט...

— אָט דאָס איז דאָס טאַקע... זאָגט באַריס... קומסט אַהער גלײַך פון דער אַרבעט... ס'איז ניט יענע טענעמענט הײַז, ברודער... קום טאַקע אַהער, ווי אַ מענטש.

— יאָ, אם ירצה השם, איך וועל קומען, אין אַ יום־טוב. גוד־בײַ, ברוך... שטער זיך ניט...

און וועליג איז שנעל אַרויס־געגאַנגען.

באַריס האָט אַפילו קיין צײַט ניט געהאַט צו באַטראַכטן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ער איז אַ צעטומלטער געלאָפן צו די פרעמדע און געהויבענע געסט אין פּאַרלאָר, און בענקענדיק נאָך וועליגס אַ היימיש וואָרט, איז ער געזעסן און געזוכט האָס צו ריידן מיט די ווילד־פרעמדע מענטשן. אַ גליק, וואָס עס זיינען נאָך געווען אין טעלער אַ ביסל גרייפּס און ער האָט אַלע ווײַלע זיך געווענדט:

— נעמט אַ גרייפּ. נעמט...

# „גרינע“ קינדער

אין דער צייט, ווען אַלע יידישע טאַטעס, מעגן זיי זיין ווי לאַנג אין לאַנד, הייסן ביי זייערע קינדער „גרינע“, איז דווקא ביי דזשייקאָב קאַפּלאַן דער פאַל געווען פאַרקערט. ער האָט זיינע קינדער, וועלכע ער האָט געלאָזן אין דער אַלטער היים נאָך גאָר קליינע, אַראָפּגעבראַכט שוין מיט דער ווייב, מיט גרויסע שוועריקייטן ערשט נאָך דער מלחמה, ווען ער איז שוין אָפּגעווען אין לאַנד ביי אַ צוועלף יאָר. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער געכאַפּט דעם ריכטיקן שניט, געראַזירט ניט בלויז די באָרד, נאָר אויך די וואָנצעס, דערצו איז ער געווען קלאָר אין אַלע „פּיטשורס“ פון זיין „פּייפּער“, און אַפילו שוין אַריינגעשריבן אַ בריוו אין זעלבן „פּייפּער“ וועגן אַ וויכטיקער „פּסיכאָלאָגישער“ פראַגע. וועגן רעדט אין די „מואווים“ איז ער געווען דער גרעסטער בקי; די נעמען פון אַלע „סטאַרס“ האָט ער געקענט אויף אויסווייניק, מיט זייער יחוס אין זייער שטאַט... געוואוסט, וויפיל שכירות עס נעמט טשאַרלי טשאַפּלין און וויפיל מערי פּיקפאָרד...

מיט איין וואָרט — אַן אמתער אַמעריקאַנער, מיטן שטעל, מיטן גאַנג, און אַפילו מיטן געמישטן יידיש-ענגלישן לשון...

נו, אַז עס זיינען געקומען צו פאָרן די ווייב מיט זיינע קינדער — צוויי זין מיט אַ מיידל — האָט ער זיך באַלד געגעבן אַ כאַפּ, אַז זיי זיינען גאָרניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט... „גרין“, וואָס גרין הייסט — עס איז אַ חרפה פאַר די שכנים...

נאָר דאָס ווייב און די טאָכטער איז נאָך צו דערליידן. אין בכלל אין זייער פירונג וויל ער זיך ניט מישן, און דערצו סטאַרען זיי זיך טאַקע אַליין צו ווערן שטיקלעך מענטשן... אָבער די צוויי „באָיעס“, ווי ער רופט זיי — איינער צוואַנציק יאָר און איינער

אכצן — די דאָזיקע צוויי „באָיעס" האָבן עפּעס מאָדנע געגנג: זיי גייען שטיל, באַשיידן, און ריידן אַ לשון, ווי זיין זיידע האָט אַמאָל גערעדט. למשל, זיי קענען זיך אַ זאָג טאָן צווישן מענטשן אַזוינע ווערטער, ווי „אַגב אורחא"...

— קינדער — האָט ער זיי געמוסרט, — דאָ מוזט איר זיך אָפּגעוויינען פון אַזוינע ווערטער: דאָ לאַכט מען דערפון... דאָ, אַז מען רעדט שוין אפילו יידיש, איז דאָס גאָר אַן אַנדער לשון... דאָ, למשל, זאָגט מען „באַי די וועי"... עס איז אי איידעלער, אי גרינגער צו פאַרשטיין...

זיינען זיי טאַקע „גרינע", אָבער פאָלגן — פאָלגן זיי ניט, ווי די היגע געבאָרענע... עס איז בלויז דער חילוק, וואָס די היגע לאַכן פון „גרינעס" טאַטן, און זיי לאַכן פון „געלן" טאַטן...

זיי ווילן אַן ענגליש וואָרט אפילו אין מויל ניט נעמען.

ס'הייסט לערנען ענגליש לערנען זיי זיך יאָ, און דווקא מיט התמדה, גייען גאַנצע טעג אַרום מיט אַזוינע ווערטער־ביכלעך אין חזרן גאַנצע זאַצן פון יידיש אויף ענגליש און צוריק: סקאַי — הימל; לאַוו — ליבע...

— אָבער אַז מען רעדט יידיש, — זאָגן זיי — דאַרף זיין יידיש.

אויסער דעם לשון, וואָס זיי ריידן, ווי בטלנים, ווי דער טאַטע לאַכט פון זיי, זיינען זיי אַזוי שטיל, אַזוי שעמעוודיק...

— די גאָלדענע מדינה האָט ליב כוואַטעס! — מוסרט זיי דער טאַטע, — אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון „פייטערס"...

און ער גיט זיי אַ לעקציע פון פייטן. בכלל, און פון דעם אַמעריקאַנער טשעמפּיאָן בפרט, און רופט אָן זיין נאָמען...

— ער, „באָיעס", איז דער טשעמפּיאָן פון די „פּרייז פייטערס" פון דער גאַנצער וועלט... אַ פראַנצויז איז אַהער געקומען און האָט געוואָלט זיין „טשעמפּיאָנשיפּ" אַוועקנעמען, אָבער ער האָט ניט געטראָפן דאָס אָרט.

— לאָ מיט אַ גרויסן אַלף... — שמייכלט דער עלטערער זון הירש, וועלכן דער טאַטע האָט משנה־השם געהייסן און רופט אים הערי...

און דער יינגערער, נתמן, וואס דער טאטע רופט אים שוין נייטן, באמקעט צו אויף זיין שטייגער:

— לא מיט א ספאדיק...

דאס לאכן זיי אויס דעם גאנצן ענין פון „פייט“... זיי זיינען אי־דעאליסטן, הייסט עס... איראפעישע...

האט דערפון דושייקאב גרויס צער: טאקע אידעאליסטן, ער אליין ווייסט אויך, וואס דאס איז, פונדעסטוועגן איז „פייטן“ זיך א גרויסע „ענדזשאאינג“, און מען דארף זיך דערמיט אינטערעסירן. נאר זאל זיין, אז זיי זיינען גערעכט, אבער צו־וואס דער „לא מיט אן אלף“, „לא מיט א ספאדיק“? מען קען דאך ריידן ווי מענטשן, ניט ווי „גרינע“, ווי יוראפשע...

איז אז עס קומען אריין די שכנים אמאל אין אוונט, פלאמט אים דאס פנים. א הויז מיט „גרינע“, ער ווייס זיכער, אז מען לאכט פון זיי.

גייען טאקע די קינדער אריין אין א צווייטן צימער, ווען עס קומען אריין די שכנים...

פארדריסט אים שוין ווידער, זאלן זיי זיך בעסער „אויסגרינען“ צווישן היגע; זאלן זיי כאפן א ווארט, א שטעל, אן אמעריקאנער מינע...

און דושייקאב רופט זיי, ווי א רבי רופט די תלמידים:

— קומט אריין, מיינע „גרינע“ בנים... קומט, לערנט זיך!

קומען אריין די צוויי „באיעס“, ביידע מיט וואנצעלעך און ניט געשייווט, אזש אים פלאמט דאס פנים.

די נעקסטדאריקע מיידל, א גרויסע העזהגיצע, א לאכעדיקע אין א טאנצנדיקע, כאפט ארום דעם עלטערן „באי“, ווי אין שפאס, צו טאנצן א פאקס־טראט, און טוט אים א צופ ביים וואנצעלע און קוקט אים אן מיט אירע העזהדיקע בליקן:

— „גרינער“, וואס דארפט איר דא די „מאסטעש“, „שייווט“ זיי אפ...

— הא, וואס? — שטעלט הודיש אויס א פאר אויגן.

— אַפּגאָלן... — שושקעט אים אַריין דער טאַטע אין אויער.

— אָ, יאַ... אַפּראַזירן.

דאָס מיידל צעלאַכט זיך אויפן קול...

און דער טאַטע, מר. קאַפּלאַן, איז פאַרצווייפלט:

— ווער ווייס, צי וועט אים געלינגען צו מאַכן שטיקלעך לייט פון זיי. ביי אים זיינען פונקט פאַרקערטע צרות — ער איז אַ מענטש, אַ רעגעלער אַמעריקאַנער, און די קינדער — „גרין“; אַ חרפה פאַר די שכנים...

---

# אויפן פאַרהער

(ס ט י ו ד)

ווען סעמעלע איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר און ער האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין סקול, האָט זיך זיין פאָטער ליפּמאַן, אַן איבער־ציינטער „ראַדיקאַל“, אָבער מיט נייגונגען צו געוויסע יידישע טראַ־דיציעס, זיך פאַרטראַכט וועגן זיין קינדס דערציונג. אין סקול זינגען אפילו דאָס רוב קינדער יידישע, און אויך די לערערין איז אַ יידישע, אָבער מערקן מערקט ליפּמאַן, אַז מיט יעדן טאָג ווערט דאָס קינד מער אַריינגעצויגן אין אַ נייער פרעמדער וועלט.

יעדן טאָג קומט ער אַהיים מיט אַ ניי ענגליש לידל. אין פאַרלויף פון די ערשטע פּאָר מאָנאַטן פון זיין גיין אין סקול האָט ער שוין דערוואָרבן אַ פּאָר צענדלינג אַמעריקאַנישע לידער. פון די עטלעכע יידישע לידער, וואָס ליפּמאַן האָט אים געהאַט איינגע־לערנט, געדענקט ער בלויז דאָס לידעלע: „פייגעלע, פייגעלע, פּי־פּי־פּי“, אי דאָס האַלט ער שוין ביים פאַרגעסן. ווערט ליפּמאַן שוין אייפערזיכטיק אויף דער שפע פון די אַמעריקאַנער קינדער־לידער, וועלכע געפעלן אים אַליין זייער שטאַרק, אָבער עס טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַר די יידישע, וואָס ער, ליפּמאַן, קען אַליין זייער ווייניק. און ער הייבט אָן זוכן אין קאָפּ די אַמאָליקע קינדער־לידלעך, וואָס ער האָט געהערט און געקענט אין דער היים אַלס קינד.

און אַז סעמעלע זינגט אים אָפּ פאַרן שלאָפן גיין, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אָפּגעשפּילט אַלע שפּילן, עטלעכע לידלעך פון די ענגלישע, גייט צו ליפּמאַן צו אים ווי אַ נכנע, ווי אַ געפאַלע־נער, און זאָגט ניט דרייסט:

— סעמעלע, מען דאַרף קאָנען אויך יידישע לידלעך זינגען.

סעמעלע איז ניט דערקעגן: אַ לידל איז אַ לידל. ער שטעלט אויס די אויגן, קוקט אָן דעם טאַטאַ און פרעגט:

— וועלכע לידלעך?

— אט העך, — פארטראכט זיך דער פארוואָרטער פאטער און וויל זיך דערמאָנען די אמאליקע לידער, אבער פון אלע לידער דערמאָנט ער זיך דערווייל:

סערעלע בערעלע גילדענע פאָן,
משיח בן-דוד זיצט אויבנאָן.

די ערשטע צוויי ווערטער — „סערעלע בערעלע“ — איז נאָך צו דערליידן פאר סעמעלען. עס איז ניט קענען זיינע באַגריפן, ער שמייכלט אפילו צו, אבער ביי „משיח בן-דוד“ שטעלט ער אויף די אייגעלעך און דריקט ענדלעך אויס אומצופרידנקייט.

ליפמאַן וויל אים דערקלערן, וואס משיח בן-דוד מיינט אויף אַלערליי אופנים. ער פארפלאָנטערט זיך אבער אזוי, ביז דאס יינגעלע מיינט, אז דאס איז א מין סאנטא קלאָוז, און הויבט זיך אָן:

— א, איך ווייס, סאנטא קלאָוז?

— ניין, נארעלע... — פארדריסט דעם פאטער, וואס ער קאָן אים ניט דערקלערן, און ער זוכט אן אנדער לידעלע.

פון די צוויי-דריי אנדערע לידלעך, וואס דער פאטער געדענקט נאָך, געפעלן סעמעלען נאר איינציקע ווערטער, ביי וועלכע ער שמייכלט. ליפמאַן איז גליקלעך כאָטש מיט דעם ביסעלע אנערקענונג, וואס זיין סעמעלע גיט זיי. אבער סעמעלע צעזינגט זיך באַלד די ענגלישע לידער און ליפמאַן לאָזט אים אפ...

ער ווענדט זיך צו דער יונגער מוטער:

— אננא, געדענקסטו ניט עפעס לידלעך פון דער היים...

— כ'ווייס... — ענטפערט די מוטער פארטראכט. — די פאר, וואס איך האב געקענט, האב איך אים אויסגעלערנט, קיין נייע קען איך ניט...

— מ'דארף זען קריגן יידישע לידלעך פאר אים; עס איז מיר א שאד, — ער זינגט לויטער ענגלישע...

אננען פארדריסט עס אויך א ביסל; גראד זינגען איר ארויס פון קאפ אלע לידלעך, וואס זי האט אמאל אלס קינד געזונגען אין דער היים. פונדעסטוועגן דערמאָנט זי זיך יא...

„שיין מיידעלע, פיין מיידעלע,
קום מיט מיר אין גאָרן.
זע, טאַטע, זע, מאַמע,
דאָס יינגעלע וויל מיך נאַרן.
נעם א שטעקל, קלאַפּ אין קעפּל,
וועט ער דיך ניט נאַרן...“

ליפּמאַן האָפט, אַז דאָס לידעלע וועט שוין סעמעלען געפעלן. נאָר היינט דאַרף שוין סעמעלע שלאָפן. ער מוז נעבעך פרי אויפשטיין אין חדר.

און אויף מאָרגן ערשט, ווען סעמעלע זינגט אויפן קול דאָס נייע ענגלישע לידל „טרי קיטענס, טרי קיטענס“, וואָס ליפּמאַנען אליין געפעלט עס שטאַרק, וואַרט ליפּמאַן אויס, מיט רעספּעקט צום קליינעם זינגער, וואָס האָט אַזאַ רייכן רעפּערטואַר לידער, ביז ער ענדיקט זינגען, און נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו אים:

— נו, איצט, סעמעלע, האָב איך פאַר דיר נאָר א יידיש לידעלע.

סעמעלע הערט אויס דאָס לידעלע, קוקט אָן דעם פאַפּאַ, דערפילט עפּעס און זאָגט מיט קינדישער העפלעכקייט:

— א שיין לידעלע...

ער זינגט־נאָך אָן איבעריקן חשק, און ליפּמאַן האָפט, אַז ער וועט שוין דאָס לידל קענען...

סעמעלע האָט, אויסער זיין שיין קלינגענדיק קולעכל, אויך א גוט קעפּל. א לידל איינלערנען ביי אים איז איינס און צוויי. אָבער מיט פרייד זינגען, זינגט ער די ענגלישע. די יידישע זינגט ער אָן כוונה, ווי א מצוה, צוליב צו טאָן דעם פאַפּאַ...

לאָזט ליפּמאַן אָפּ דערווייל די לידלעך. ער גיט אָבער ניט אויף דערהייל די האָפענונג צו געפינען און איינלערנען סעמעלען נייע, שיינע, יידישע לידלעך, און ער נעמט זיך צו יידישקייט סתם.

פסח, געדענקט ליפּמאַן, איז סעמעלען געפעלן... מצה האָט ער ליב ווי דאָס לעבן. און דאָס שפּיל פון סדר, וואָס ליפּמאַן האָט עקסטרע געמאַכט צוליב אים, סעמעלען, האָט אויך ביים קינד אויסגענומען, כאָטש ער איז אינמיטן אנטשלאָפן געוואָרן.

עס איז געווען סוכות=צייט.

א סוכה מאכן האט ליפמאן נישט געהאט וואו, און בכלל האט ער שוין נישט געקאנט גיין אזוי ווייט מיט דער יידישקייט... עס וואלט נישט געפאסט פאר זיינע באקאנטע, וואס וואלטן זיך פארוואונדערט... פונדעסטוועגן, פארבייגייענדיק מיט סעמעלען דעם פרומען יידישן שכן, ביי וועמען עס איז על=פי=נס געבליבן א פרייער פלאץ אויפן קליינעם הויף, וואו עס איז געשטאנען א סוכה, האט ער אים דערקלערט, וואס באטייט און געזאגט דעם נאמען... „דאס איז א סוכה. דא עסט מען 7 טעג יום=טוב...“ סעמעלען איז די סוכה געפעלן געווארן. „מאך, פאפא, אויך אזא שטיבעלע“— האט ער זיך געבעטן. און ליפמאן האט אים צוגעזאגט, און איז געווען גליקלעך, וואס זיין קינד געפעלט עס...

דאס איז נאך געווען דאן, ווען סעמעלע איז אין סקול נישט געגאנגען און די געפאר פון דערווייטערונג פון יידישן לעבן איז נאך נישט געווען אזוי גרויס... אין שטוב רעדט מען מיט אים יידיש, און דאס איז שוין אויך א דערנעענטערונגס=מיטל. אבער פון סקול קומט שוין סעמעלע אן אנדערער: אט האט אים דהוקא די יידישע לערערין צוגעטשעפעט צום מאנטל א מין צלמל און געהייסן אים ברענגען א ניקל פאר דעם „רעד קראס“... אזוי האט טאקע סעמעלע געזאגט. קומענדיק פארמיטאג פון סקול, מיטן צלמל, א רויטינקן אזא, האט זיך סעמעלע געשפילט די גאנצע צייט ביים עסן און האט עס נאכדעם מיטגענומען אין דרויסן.

האט ליפמאן זיך נישט געוואלט ארייננמישן... ער וועט אים נישט גיין דערציילן קיין מעשיות... ווי ער ווייסט נישט, אזוי וועט אים נישט שאטן...

אבער אט האט זיך דאס קינד צערעדט אין שטוב, קומענדיק פון סקול, וועגן „קריסטמעס“ און וועגן „סאנטא קלאוז“.... סאנטא קלאוז איז נישט ארויס פון זיין מויל... סאנטא קלאוז וועט קומען און ברענגען פרעזענטן...

— א נייער אליהו הנביא — האט ליפמאן גערעדט מיט איראניע פאר זיין ווייבל, אננא.

— זאלסטו מער קיין צער ניט האבן — האט אננא אים געטרייסט. — א קינד, ער וועט עלטער ווערן, וועט ער וויסן, אז עס איז גארנישט...

— נו, יא, זיכער — האט ליפמאן נאכגעגעבן, און בונדעסטוועגן געזוכט מיטלען, ווי אזוי סעמעלען מאכן נעענטער צו יידישקייט, ער זאל ניט אינגאנצן פארפרעמדט ווערן.

האט זיך אונטערגערוקט חנוכה.

ליפמאן, ניט קיין פרומער, האט אין נס חנוכה ניט געגלויבט... אויך די הערא'ישע זייט פון חנוכה האט ניט אפעלירט צו זיינע געפילן. אבער איצט האט ער זיך אנגעכאפט אן חנוכה, ווי אן א מיטל צו א ציל.

— ווייסט, סעמעלע, עס איז היינט יום-טוב, חנוכה. אזא יום-טוב, ווען מען צינדט אן ליכטלעך...

— אזוי ווי אין א געבורטסטאג אין „טארט"?

— ניין, אין אזא לייכטערל. וועסט זען... איך וועל היינט אנצינדן איין ליכטל, מארגן צוויי און איבערמארגן דריי.

און ליפמאן האט אים ערקלערט, ווי אזוי יעדן טאג וועט ברענען מיט א ליכטל מער...

דאס איז שוין סעמעלען גאר געפעלן געווארן. „אנצינדן" ליכטלעך, אלע טאג איינע מער — דאס איז א שיינע שפיל...

און מיט חנוכה האט ליפמאן געטראפן. דאס האט ביי סעמעלען זייער שטארק אויסגענומען. איבערהויפט די ווייטערדיקע טעג, ווען עס האבן שוין געברענט פינף און נאכדעם זעקס ליכטלעך. אויפן זיבעטן טאג איז סעמעלע גאר נתפעל געווארן: גאנצע זיבן, און מיטן שמש איז אכט. ווער רעדט, אז עס איז געקומען דער אכטער אוונט און אין פארלאר האבן געברענט אלע אכט ליכטלעך מיטן שמש אן זייט, האט סעמעלע האט אים אויך אריינגערעכנט אין צאל — האט דאס ביי אים געהייסן ניין ליכטלעך, און אין פענסטער האבן זיך נאך אמאל אזוי פיל אפגעשפיגלט, און ניין ליכטלעך האבן געברענט ווי אין דער לופטן און זיך געוויגט מיט זייערע פלעמלעך — האט עס סעמעלען גאר אנטציקט.

ליפּמאַן איז געווען גאָר גליקלעך און איבערהויפּט געפילט זיך געהויבן.

די יידישקייט אויפן פאַרהער ביי סעמעלען האָט אויסגענומען. סעמעלען איז עס געפעלן, און אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט ער גע־קוקט אויף זיין פאָטער מיט אַ באַזונדער דרך־ארץ...

---

# דער פרומער שכן

ראָזענבלאַט איז אַ ראַדיקאַלער מענטש, אָבער ער איז דאָך ייִדיש געשטימט. ער רופט עס אויף זיין לשון: „נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַל". זיין גאַנץ ייִדישקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער רעדט ייִדיש מיט זיין פרוי און מיט זיין איינציקן קליינעם ייִנגעלע, און לייענט אַ ראַדיקאַלע ייִדישע צייטונג, און אַמאָל אויך — אַ ייִדיש בוך.

דאָס ייִדיש ריידן היט ער איבערהויפּט אָפּ מיטן קינד. אויסער דער ליבע צו זיין מוטער־שפּראַך, וואָס ראָזענבלאַט טראָגט אין זיין האַרצן, איז אויך אין זיין ייִדיש־ריידן מיט דעם קינד פאַרמישט אַ עגאָיִסטישער מאָטיוו. ער וויל, הייסט עס, אין די קינדערשע ייִדי־שע אויסדרוקן דערהערן זיין אייגענע קינדהייט. און זייער אָפט קוועלט ער אָן, ווען ער הערט, ווי דאָס ייִנגעלע מיט די בלויע אייגעלעך רעדט די זעלבע קינדישע רייד, ווי ער אַמאָל, אַמאָל.

עס דוכט זיך אים אַמאָל, אַז דאָס קינד זעצט זיין לעבן פאָר, און אַמאָל — אַז עס פירט אים צוריק צו זיין קינדהייט.

אָבער מער אויסן איז ער דאָך דאָס גליק פון קינד, עס זאָל וואַקסן נאַטירלעך. און ריידן ייִדיש איז דאָס נאַטירלעכסטע אַפילו פאַר אַזאַ ראַדיקאַל ווי ראָזענבלאַט איז.

איז אָבער דאָ אַ חסרון, וואָס דער גאַנצער „בלאָק", אין וועלכן ראָזענבלאַט וואוינט, איז באַזעצט מיט אַ מער אָדער ווייני־קער פרומען ייִדישן עולם. און די קינדער ריידן דווקא נאָר ענג־ליש. און זיין ייִנגעלע קומט אויס אין דרויסן זיך צו שפּילן אויף ענגליש.

גייט ער אַרויס אַמאָל צום קינד אין דרויסן און גיט אים אַ רוף:

— „לײבעלע!“

בלײבן די איבעריקע קינדער פֿאַרגאַפּט. אין דער גאַנצער גאַס איז ניטאָ קײן אײן לײבעלע. טאָמער יאָ, רופֿט מען אים ליאָ. לײבעלע אַלײן רופֿן די קינדער אויך ליאָ.

און מער פֿאַרוואונדערט בלײבן די קינדערלעך, ווען ראָזענבלאַט הײבט אָן מיט לײבעלען צו רײדן ייִדיש.

— נו, לײבעלע, דו שפּילסט זיך שוין?

און לײבעלע ענטפֿערט:

— יע, פּאַפּאַ, איך שפּיל זיך אין סקול, איך בין דער פּרינציפּאַל. — און ער אַנטלויפֿט צוריק צו די קינדערלעך און הײבט מיט זײ אָן רײדן ענגליש.

דער נאָענטער שכן, מר. ראַגאָווין, וואָס זיצט דעמאָלסט אײבן גאַניק פֿון זײן אײגענער פּריוואַטער הײזקע, און איז בכלל אַן אײנגעפֿונדרעוועטער ייִד, סײ אין זײן גוף, סײ אין זײן נשמה, סײ מיטן לעבן און סײ מיטן גלויבן — דער דאָזיקער שכן גיט אַ גלעט די באָרד, וועלכע איז נאָר מפּני דרכי־שלום־וועגן אַ ביסל צוגעשאָרן, און ער גיט אַ ברעג:

— הלמאַי רעדט איר מיט אײער באַיעלע ייִדיש? מיר איז אַ חידוש אויף אײך, מר. ראָזענבלאַט, איר זײט דאָך אַ קלוגער מענטש...

ראָזענבלאַט קוקט אים אָן, שמײכלט און שווײגט. און מר. ראַגאָווין, דער פֿרומער און שטרענג־רעליגיעזער ייִד, ווערט נאָך צודרינגלעכער.

— און וואָס וועט איר טאָן, אַז דאָס קינד וועט, כּדומה למשל, דאַרפֿן גײן אין סקול?

— האָ, אין סקול?... — פֿאַרטיפֿט זיך ראָזענבלאַט — נו, יאָ, אַוודאי וועט ער לערנען ענגליש. עס איז אָבער דאָ אַ ייִדישע שול אויך, וועט ער בײ מיר גײן נאָכמיטאָג אין דער ייִדישער שול.

— אָ, איר מײנט אַ תּלמוד־תּורה — רופֿט זיך אָן מר. ראַגאָווין שוין זײער ערנסט — דאָס איז דווקא פֿײן, אָבער דאָרטן לערנט מען אויך אויף ענגליש, אַפֿילו חומש אויף ענגליש...

— ניין, מר. ראַגאָווין, מיין קינד וועל איך שיקן טאַקע אין אַ יידישער שול, וואו מען לערנט אַלץ אויף יידיש.

— צו־וואָס? — גלעט מר. ראַגאָווין מיט אַ שמייכל דאָס בערדל — אַן איבעריקע זאַך אין אַמעריקע, מיינע קינדער קענען נאָר ענגליש. יידיש — קוים, קוים...

און ביידע פאַרשטייען ניט איינע די אַנדערע. מר. ראַגאָווין, דער אָרטאָדאָקסישער ייד, פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס אַזאַ מענטש, ווי ראָזענבלאַט, וויל דווקא, אַז זיין קינד זאָל קענען ריידן יידיש, און ראָזענבלאַט קען ניט באַנעמען, וואָס פאַר אַ מין ייד איז דאָס דער מר. ראַגאָווין, וואָס זיינע קינדער ריידן נאָר ענגליש.

פונדעסטוועגן איז מען גוטע פריינד. ערשטנס, נאָענטע שכנים. ראָזענבלאַטס יינגעלע, לייבעלע, איז גאָר פאַרליבט אין מר. ראַגאָ־ווינס מיזינקעלע, באַרבאַראַ, און איינע יאָרן מיט איר. אין אַ קילן טאָג לויפט לייבעלע צו באַרבאַרען אין הויז און מען איז אים דאָרט מכבד מיט עכט־יידישע מאכלים.

אַז עס קומט אַ יום־טוב, מערקט דאָן לייבעלע, אַז ביי באַר־באַראַס עלטערן אין הויז ווערט עפּעס אַן ענדערונג. עס איז עפּעס אַנדערש, ווי ביי זיי אין הויז. און ער פרעגט:

— פּאַפּאַ, וואָס טוט עס באַרבאַראַס פּאַפּאַ? ער האָט גע־נומען אַ מעסטעלע זאַמד און האָט אַריינגעשטעקט אַ גרויסע ליכט.

דאָס איז געווען ערב־יום־כּיפּור. ראָזענבלאַט איז דווקא ניט קיין פּאַטער און ניט קיין שולגייער, פונדעסטוועגן וואָלט ער געוואָלט, אַז זיין קינד זאָל וויסן די באַדייטונג אפילו פון יום־כּיפּור און ער ערקלערט אים פאַרזיכטיק:

— עס איז אַזאַ מין יום־טוב, וואָס מען צינדט אָן ליכט אויף אַ גאַנצער נאַכט און ביי טאָג.

— און פאַרוואָס טוט מען עס ביי אונז ניט? — פרעגט דאָס קינד?

— ווער עס וויל צינדט אָן און ווער עס וויל ניט צינדט ניט אָן — וויל זיך ראָזענבלאַט אַרויסדרייען פון אַ דערקלערונג.

דאָס קינד לויפט ווידער אַרויס אין גאַס, לויפט אַריין צו

בארבארען און באמערקט דארט ווידער עפעס יידישעס, וואס ביי זיי אין הויז זעט ער עס ניט, און ער שטעלט פראגן.

ראזענבלאטן פארדריסט עס, וואס זיין לייבעלע ווייס ניט וויסן פון דעם אלעם. און אז עס קומט א יום־טוב, וועלכן ער פייערט ניט, איז ער יוצא מיט דעם, וואס לייבעלע זעט עס ביי מר. ראַ־גאווינען, וועמעס הויז עס שלאגט מיט אלטער יידישקייט.

א פאר טעג פאר סוכות הייבט מר. ראגאווין אן צו בויען א סוכה הינטער זיין הייזקע אין קליינעם יארד. דעמאלכט ווערט ביי די שכנישע קינדער א גרויסע אויפלעבונג. מען קוקט אן דעם וואונדער — אזא גרויסער „אנקל" מאכט, ווי צום שפילן זיך, א הייזעלע.

לייבעלע איז גאר פארגאפט. די פאר טעג, ווען די סוכה בויט זיך, זעט מען אים ניט אין הויז. זיין פריינדשאפט צו בארבארען וואקסט. זי ווערט אין זיינע אויגן שטארק דערהויבן און איר פאפא שטעלט זיך אים פאר ווי איינער, וואס שאפט עפעס וואונדער.

אז ער קומט אריין אין הויז, דערציילט ער איף גיך:

— פאפא, מר. ראגאווין בויט א קליין שטיבעלע און איך העלף אים.

— דאס איז ניט קיין שטיבעלע, דאס איז א סוכה, מיין קינד.

— א וואס?... — שטעלט דאס קינד אויס די גרויסע, בלויע אויגן.

— א סוכה. עס איז אזא יום־טוב, וואס מען בויט א סוכה,— פלאנטערט זיך ראזענבלאט.

לייבעלע האט קיין געדולד ניט אויסצוהערן די דערקלערונג, און עפעס פארשטייט ער טאקע ניט, וואס דער פאפא דערקלערט אים.

אבער די קליינע בארבארא, וועלכע רעדט ענגליש מיט אים, ערקלערט אים שוין בעסער די באדייטונג פון דער סוכה.

ערב־סוכות, ווען די סוכה איז שוין פארטיק, איז שוין לייבעלע געניט אין דעם גאנצן ענין פון סוכות.

— פאפא, פארוואס־זשע מאכסטו ניט קיין סוכה? הא?...

זאָגן, אַז ער האָלט דערפון ניט, אַז עס איז אַ נאַרישקייט, האָט ראָזענבלאַט קיין העזה ניט. און, דעם אמת געזאָגט, ער אַליין וואָלט אויך ניט געווען דערקעגן צו בויען אַ סוכּה, ווען ער וואָלט ניט אַזוי ווייט אַוועקגעגאַנגען און זיינע באַקאַנטע וואָלטן פון אים ניט געלאַכט.

און ער ווענדט זיך צו זיין פרוי:

— מיינסט, עס וואָלט געווען אַ נאַרישקייט צו בויען אַ סוכּה? אָט טאַקע צוליב לייבעלען. עס וואָלט געווען אַ שפּיל פאַר אים.

— ווייניק שפּילצייג האָט דאָס קינד? — שמייכלט די פרוי.

— יאָ, געוויס — ענטפערט ראָזענבלאַט — עס איז אָבער גוט, ווען אַ קינד מאַכט דורך אַט די אַלע רעליגיעזע שפּילערייען. עס מאַכט רייכער זיין פאַנטאַזיע.

און ראָזענבלאַט קען זיך שוין ניט באַהערשן. ער גייט אַרויס מיט לייבלען פון הויז. פאַרנעמט זיך צו ראַגאָווינען אין „יאַרד" דורכן לאַנגן קאָרידאָר.

ראַגאָווין, וואָס טראָגט אויפן קאָפּ אַ פּירקאַנטיקע יאַרמלקע, איז נאָך אַלץ אין סוכּה. ער פאַרפאַרטיקט זי, פּוצט זי און באַטראַכט זי מיטן בליק פון אַ בוימייסטער.

— גאָט העלף, מר. ראַגאָווין — רוקט זיך אַריין ראָזענבלאַט, פירנדיק לייבעלען פאַרן האַנט.

— אַ שיינעם דאַנק, מר. ראָזענבלאַט — ענטפערט מיט רחבות מר. ראַגאָווין.

— מיין לייבעלע איז גאָר אַנטציקט פון אייער סוכּה! — חנפעט זיך צו ראָזענבלאַט, און ער גיט צו: — טאַקע אַ וואונדערלעכע סוכּה!

— נו, אַדרבא, זאָל ער זיין דאָ... איך ערלויב אים צו שפּילן זיך דאָ.

לייבעלע, וואָס פאַרשטייט אַלץ, וואָס מר. ראַגאָווין רעדט, פילט זיך גליקלעך, יום־טובדיק. די סוכּה איז אים אַזוי געפעלן...

און ער ווענדט זיך באַגייסטערט צום פּאַפּאַ:

— זע, פּאַפּאַ, אויבן, ווי שיין צוגעדעקט...

— ער רעדט נאָך בײַ אײַך ייִדיש?... — שמייכלט גוטמוטיק ראַגאָווין — עס איז מיר אַ חידוש באמת... מײַן באַרבאַראַ אַ וואָרט ניט!

און דער נאַציאָנאַל־געשטימטער ראָזענבלאַט ענטפערט שוין אַנ־דערש:

— איך וויל, אַז מײַן קינד זאָל ניט זײַן אָפּגעריסן פון ייִדישן פאָלק.

קען עס מר. ראַגאָווין ניט פאַרשטיין. דערווײַל לויפט אַרײַן די קליינע באַרבאַראַ אין סוכה.

— נו, באַרבאַראַ, האַו דו יו לײַק די סוכה?... — פרעגט מר. ראַגאָווין אין ענגליש מיט אַ ייִדישן ניגון און פאַרריכט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ.

און צו ראָזענבלאַטן ווענדט ער זיך:

— איך האָב הײַנט אַ שיינעם אתרוג אויך. איר ווילט זען?

ראָזענבלאַט איז אַזוי ניט אויסן אַליין צו זען, ווי צו ווײַזן לײַבעלען.

און אַז מר. ראַגאָווין פירט זיי אַרײַן אין הויז, ווי אַ פרײַנד־לעכער שכן און ווײַזט ראָזענבלאַטן דעם אתרוג און נאָכדעם דעם לולב, נעמט ראָזענבלאַט און גיט עס איבער לײַבעלען.

— לײַבעלע, דו זעסט, דאָס איז אַ לולב און דאָס איז אַן אתרוג...

— מען בענטשט עס! — דערקלערט לײַבעלען שוין מר. ראַגאָ־גאָווין אַליין, און צו באַרבאַרען ווענדט ער זיך:

— באַרבאַראַ, טעל מי די גיים אָף דים...

באַרבאַראַ שמייכלט קינדיש און ענטפערט פאַרשעמט:

— אַי נאָו...

און ראַגאָווין שמייכלט גליקלעך און זאָגט:

— זי איז זייער פרום, אָט די קליינע... זייער פרום...

ראָזענבלאַט גייט אַרויס, לײַבעלע אָבער וויל ניט גיין.

— איך וועל זײַן דאָ, פּאַפּאַ...

— יאָ, זאָל ער בלײַבן נאָך דאָ — שטימט אײַן מר. ראַגאָווין.

און אַז ראָזענבלאַט בלייבט אַליין, דאַכט זיך אים, אַז ער באַרגט אויס ביי דעם פרומען שכן זיינעם אַ ביסל יידישקייט פאַר זיין לייבעלען...

און אַזוי באַקומט לייבעלע זיין דערציִונג:

אַ העלפט פון זיין פאַפאַ, וואָס ער רעדט מיט אים יידיש, און אַ העלפט ביי זיין חברטע אין הויז, וואו ער זעט און ווערט באַקאַנט מיט אַלע יידישע יום־טובים.

# אַבֿאַלעבאַטיש מיידל

אין דער געזעלשאַפֿט, וואו בעלקין האָט זיך געפֿונען אין זיינע פֿרייע שטונדן — און פֿרייע שטונדן האָט ער פֿאַרמאָגט גענוג — האָט מען זיך געהאַלטן פֿריי און ניט געצוואונגען. די באַקאַנטע און פֿריינד פֿון ביידע „מינים“ זיינען געווען אַלע פֿון דער פֿרעמד, פֿון אַנדערע ווייטע שטעט, לענדער און וועלט־טיילן. און אַפֿילו די יענע פֿון די באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַט אין דער זעלביקער שטאָט זייערע עלטערן, האָבן אָבער ביי זיי ניט געוואוינט, אום די עלטערן זאָלן ניט שטערן זייער פֿרייהייט. אַזעלכע אָבער זיינען געווען זייער ווייניק, און די וואָס האָבן דאָ יאָ פֿאַרמאָגט די עלטערן, צי אַ פֿאָטער אָדער אַ מוטער אַליין — פֿלעגן זייער זעלטן ריידן וועגן זיי. אַמאָל נאָר פֿלעגט די חנעוודיקע מוטערלעכע מאַניע אויפֿשטעלן זיך אויף אַוועקצוגיין און ווען מען פֿלעגט איר פֿרעגן: „וואוהין, וואָס איילט איר?“ — פֿלעגט זי, ווי פֿאַרשולדיקט, ענטפֿערן:

— איך וויל גיין געוואָר ווערן מיין טאַטן...

האָט דאָס וואָרט אַפּגעקלונגען אַזוי פֿרעמד, אַזוי אומדערוואָרט, אַז אַ מאַנכער פֿלעגט מיט פֿאַרוואונדערונג איבערפֿרעגן:

— וועמען?...

— מיין טאַטן!

— איר האָט דאָ אַ טאַטן?

— געוויס... איך וואוין ניט ביי אים, אָבער איך גיי אים פֿון צייט צו צייט געוואויר ווערן...

האָט זיך דעמאָלט בעלקין דערמאָנט, אַז ער האָט אויך ערגעץ־ווייט אַ טאַטן, און אַך ווי לאַנג ער האָט אים שוין ניט געשריבן!...

אָבער, אַז מאַניע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט מען זיך ווידער פֿאַרגעסן, אַז עס איז ערגעץ דאָ אַזאַ מין, ווי טאַטע־מאַמע, און די

געזעלשאַפט האָט זיך ווידער דערפילט ווי איינצעלנע אָפּגעריסענע, צו ערגעץ און צו קיינעם ניט צוגעבונדן.

די יונגעלייט פון דער געזעלשאַפט זיינען אַלע געווען פרייע, ניט נאָר ניט פאַרהייראַט, נאָר אַפילו ניט פאַרליבט אין איינע פון די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אין זייער געזעלשאַפט געפונען. בעלקין האָט אַפילו איינמאָל אַנטדעקט אין זיך, אַז ער האָט אַ שטאַרקערן געפיל צו נינען, ווי צו די אַנדערע מיידלעך פון קרייז, און ער האָט זיך געגרייט צו ערקלערן איר זיינע געפילן אין אַ הויך־פּאַטעטישער פאָרם, אָבער נינע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט פעיק צו ליבן דווקא אים. דאָס אָבער האָט אים ניט געשטערט אַרומנעמען זי און קושן זי, ווען נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי ליב... איז דאָך שוין די גאַנצע ערקלערונג מיט די הויכע ווערטער איבעריק, בפרט אַז ער איז ניט זיכער געווען, צי האָט ער זי ליבער איידער סאָניען, צי מאַניען, וואָס האָט דאָ אַ טאַטן... און אינמיטן פאַלט אַריין אין דער געזעלשאַפט גאָר אַ נייע באַקאַנטע און בעלקין אַנטדעקט אין איר אַזאַ מין איינ־אַרטיקייט, וואָס קיינער פון די אַנדערע באַזיצן ניט. אָבער אויך די נייע ווערט אין פאַרלויף פון עטלעכע אָוונטן אַזוי צוגעלאָזט, אַזוי נאָכגעביק אין געוויסע גרענעצן און בעלקין איז זיך מודה, אַז ער האָט זיך טועה געווען מיט זיין מיינונג...

— אַך, ברידער! — האָט ער אַמאָל אויסגערופן, טאַקע אין דער אָנוועזנהייט פון די באַקאַנטע — עס איז זיך ניטאָ אין וועמען צו פאַרליבן.

— פאַרליבט זיך אין מיר! — האָט איינע אַ קורץ געשוירענע פאָרגעשלאָגן.

— בעסער אין מיר! — האָט געחוזקט אַ צווייטע, מיט אַ סיגאַרעטל אין מויל.

— בעלקין! — ווענדט זיך אַ דריטע — מיך האָט איר שוין פאַרראַטן. דאַכט זיך פאָראַכטאָגן, ווען איר האָט מיך באַגלייט אַהיים, האָט איר דאָך מיר געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר געמאַכט גלויבן, אַז איר ליבט מיך.

— יאָ... געווים... איר זייט דעמאָלט געווען אַזוי אינ־טערעסאַנט... — שמייכלט בעלקין — ווער איז אייך שולדיק, אַז איר ווערט אַזוי געוויינלעך אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג.

ער זעצט זיך דאָך איבער ביי דער דריטער, נעמט זי אַן פאַר דער האַנט, באַטראַכט אירע פינגער און ענדלעך אנטדעקט ער:

— איר האָט וואונדערבאַרע פינגער.

און גיט צו פרעגן איר, שפּילט ער זיך מיט זי, נעמט זיי אַריין אין זיין האַנט און טראָגט זיי צו צו די ליפּן...

ער באַגלייט זי שוין אַהיים אויך... ביים שוועל פון איר צי־מער, נעמט ער זי פעסט אַרום און שיידט זיך ווי אַ פאַרליבטער.

אָבער גייענדיק צוריק, פילט ער אין האַרצן אַ ליידיקייט.

— אַך, די ליבע! די ליבע! — מורמלט ער, גייענדיק צוריק.— וואו געפינט מען זי... און וואָס איז ליבע בכלל?...

* * *

אַרויסרייסנדיק זיך פונם קרייז איז געווען בעלקינען שווער. מיט אַ שמייכל האָט ער זיך מודה געווען, אַז די ביטגער־וועלט איז אים פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. ער איז שוין אַזוי לאַנג אָפּגע־ריסן פון איר.

נאָר אָט האָט זיך צווישן די באַקאַנטע אַריינגעפּלאָנטערט אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען ניט נאָר פאַרהייראַט, נאָר וואָס האָט אויך דאָ געהאַט עלטערן, ברידער און שוועסטער, און האָט גע־וואוינט מיט זיי צוזאַמען. דער יונגערמאַן איז געווען אַ גוטמוטיקער, אַ מילדער און האָט צו איטלעכן פריינדלעך געשמייכלט און פלעגט אַלע וויילע זיך אַנטציקן:

— נו, אַ חברהלע! אַ פאַרגעניגן!

איבערהויפּט אָבער האָט ער זיין פריינדשאַפט אַרויסגעוויזן צו בעלקינען.

— איר געפעלט מיר, בעלקין! איך וועל אייך אַמאָל, אַ זונ־טאָג, געבן אַ ראַיד אויף מיין אויטאָמאָביל...

בעלקין האָט אינערלעך אויסגעלאַכט דעם דאָזיקן יונגן ביז־

נעסמאַן מיט זיינע קעלבערנע אויגן. אָבער אום צו דערפרישן זיך א ביסל, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען.

עס איז געווען א שיינער זומער-טאָג, א זונטאָג. בעלקין איז געזעסן אַליין אין קאַפע, וואו דער יונגערמאַן האָט געזאָלט קומען. געמען אים פאַר א „ראַיד”. בעלקין האָט שוין באַלד חרטה גע־קראָגן אויף זיין פאַרשפּרעכן. און וואָס וועט ער ריידן מיט אים? אזא פרעמדער, אזא ווייטער... ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין ערגעץ אַליין.

באַלד איז אָבער דער יונגערמאַן אריין, אָן איפּגעלייגטער, און צוגייענדיק צו בעלקינען, האָט ער אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: קומט שוין!

— טרינקט אויס א קאַפע! — האָט בעלקין פאַרגעלייגט.

— ניין, איך קען ניט... מיין שוועסטער זיצט אויפן אויטאָמאָביל אַליין.

— אייער שוועסטער?! — האָט בעלקין איבערגעפרעגט, ווערנ־דיק גליקלעך איבערראַשט.

— יאָ. וואָס וואונדערט איר זיך? מיינע א שוועסטער.

— הייסט עס, זיינען נאָך דאָ מענטשן, וואָס האָבן שוועס־טער... — האָט בעלקין געלאַכט.

— וואָס דען מיינט איר? — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט זיין גוטן שמייכל. — מיר האָבן עלטערן, ברידער און שוועס־טער, ווי עס פירט זיך ביי דער וועלט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט בעלקינען פון אויטאָמאָ־ביל אַרויס א פינקל געטאָן א הוט מיט גרויסע ברעגן און אויבן מיט א שיינעם ווייסן פעדער, וועלכן דער ווינט האָט מיט ליבע געצערטלט און צעבלאָזן... באַלד האָט ער שוין דערזען דאָס מיידל, דעם יונגנמאַנס שוועסטער. אויף בעלקינען האָט עפּעס א ווי געטאָן מיט יוגנט, פרישקייט און צערטלעכקייט.

דער יונגערמאַן האָט פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז מיין שוועסטער, לילי...

בעלקין האָט פאַרזיכטיק אויסגעצויגן די האַנט; לילי אָבער האָט בלויז א פריינדלעכן שמייכל געגעבן. איר האַנט האָט זי אים צוריק ניט אויסגעצויגן. דאָס האָט אָבער ניט געהייסן, אַז זי איז

ניט צופרידן מיט דער באַקאַנטשאַפט, עס האָט בלויז געהייסן, אַז מען גיט ניט גלייך די האַנט אַ פרעמדן יונגנמאַן...

בעלקין האָט עס אינסטינקטיוו באַגריפן און אינערלעך גע־לאַכט...

— אַ בירגער־טאָכטער...

אַזוי ווי קיין שאָפער איז ניט געווען, האָט דער ברודער אַליין געמוזט טרייבן די מאַשין. האָט בעלקין זיך געזעצט ביים ווענטל, לעבן דער שוועסטער.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך געמוזט צווינגען ניט צו זיצן צו נאָענט, אָפגערוקט, מיט שטאָט... מיט רעספּעקט צו דער פרוי... ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט פאַרריכט איר קלייד ביי די ווייכע שיך.

— אָך, אַן אמתע בירגער־טאָכטער...

ער וואָלט איר עפּעס אַזוי וועלן זאָגן, ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. ווער ווייסט ווי אַזוי צו זאָגן איר. יעדעס נייע וואָרט קען זי באַליידיקן. די איינציקע טעמע בלייבט דער וועטער.

— אַ וואונדערבאַרער טאָג!

לילי איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן.

— יאָ, אַ פּראַכטפולער טאָג...

די דאָזיקע צוויי ווערטער האָט זי אויסגעזונגען. בעלקין האָט אין די צוויי באַנאַלע ווערטער געפונען דעם העכסטן זין. „אַ פּראַכטפולער טאָג"...

„וואָס־זשע זאָגט מען איר איצט? יאָ, איז אַזוי ניט גע־וואונט מיט אַזעלכע... יאָ, ער ווייס שוין... ער וועט ביי איר פרעגן: וואָס זי לייענט... ניין, דאָס איז נאָך צו פרי... מיט אַ בירגער־טאָכטער מוז מען זיין פאָרזיכטיק...

דערווייל האָט ער זי בגנבה באַטראַכט. אַ וואונדערלעכע שיינ־הייט! און אַזאַ דוּפטנדיקע, טאַקע ווי אַ רויז... אָך, ווי אים ווילט זיך איר זאָגן עפּעס אויף זיין שטייגער... אָבער גאָט זאָל אויס־היטן... מען מוז זיין פאָרזיכטיק... לעבן אים, דאַכט זיך, איז גע־זעסן די עטיקעט אַליין...

ענדלעך האָט ער באַמערקט, ווי זי האָט אים אויך אָנגעקוקט.

באַמערקנדיק אָבער, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק, האָט איר פּנים זיך באַדעקט מיט אַ ראָזיקן שיין.

— אַך, אַן עכטע ביתער־טאָכטער! — האָט זיך בעלקין אַנט־ציקט. — אַלעס טראַגט זי אין האַרצן, אַלע טרוימען, פאַרלאַנגען, האָפענונגען. אַך, ווי אַזאַ קען ליבן!...

דער אויטאָמאָביל איז ענדלעך אַריינגעפאָרן אין אַ געגנט פון פעלד און ביימער...

ער האָט אַ געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן, וואָס פּאַסט פאַר איר:

— ווי שיין די נאַטור איז! — האָט ער אויסגערופן.

— אָ, פּראַכטפול... — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט פרייד. אויב אַזוי וועט ער גיין ווייטער.

— איר האָט ליב די נאַטור?...

— אָ, געוויס!... — האָט זי זיך שיר ניט פאַרכלינעט פאַר גליק.

דאָ האָט שוין בעלקין געוואַגט:

— אַלע שיינע מענטשן האָבן ליב די נאַטור...

נאָך דער פראַזע האָט ער זי אָנגעקוקט...

דער איינדרוק איז געווען קאָלאָסאַל. זי האָט זיך פאַרלוירן, גע־שוויגן אַ ווײַלע און קוים אַרויסגערעדט:

— זאָל איך אייך דאַנקען?...

„אַך, ווי שיין עס קלינגט!“, האָט בעלקין געטראַכט... ווי נאַ־יִוו. ער האָט זיך פאַרגעבריט זעצן זיך אַ ביסל נעענטער לעבן איר... פילן די צאַרטקייט פון איר פרישן וועזן.

ער האָט עס געטאָן שטיל, בגנבה...

זי האָט עס באַמערקט... און שטיל, בגנבה האָט זי זיך אָפּ־גערוקט.

אָבער דאָס האָט אים אַנטציקט... „אַזוי זיינען זיי...“ האָט ער זי פאַרענטפערט — אײדער זיי קענען, אײדער זיי ווייסן, ווער מען איז, איז מען פאַרזיכטיק. אַט דערין ליגט זייער צויבער.

ענדלעך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פרייען פּלאַץ, וואו אין דער מיט האָט זיך געפונען אַ רייכער רעסטאָראַן. בעלקין האָט פאַרגעשלאָגן זיך אָפּשטעלן און אַריין אינעווייניק.

— אָ, ניין! — האָט לילי זיך ווי דערשראָקן. — אין דעם רעסטאָראַן גיי איך ניט...

— אַך, אַנטשולדיקט! איך האָב ניט געוואוסט...

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך ערשט שפּעטער, ביי אַ געוויינ־לעכער „בעקעריי" אין אַ שטילער געגנט... בעלקין איז אַרויס דער ערש־טער, ווי די עטיקעט פאָדערט. ערשט איצט האָט ער געהאַט די געלעגנהייט אָננעמען איר פאַר די שפּיץ פינגער, איינגעהילט אין דער זיידענער האַנטשו, און געהאָלפן איר אַרויסגיין פון אויטאָ־מאָביל.

אָבער דורך די זיידענע האַנטשן האָט ער דערפילט דעם ציטער, וואָס עס איז איר דורכגעלאָפן ביי דער באַרירונג. זי האָט אים הערצ־ליך געדאַנקט.

אין דריי וואָכן אַרום האָט איינער פון זיינע באַקאַנטע גע־טראָפן בעלקינען אין גאַס.

— בעלקין, וואו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן?...

ער האָט געוואָלט ענטפערן: איך בין פאַרליבט... אָבער גלייך האָט פאַר אים דורכגעשוועבט דאָס געזיכט פון דער בירגער־טאָכ־טער לילי און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט הערן דעם ענטפער און עס וועט איר באַליידיקן. וועגן ליבע רעדט מען ניט אויף דער גאַס. און ער האָט אים אָפּגעפּטרט מיט עפּעס אַ תירוץ, און זיך געלאָזט גיין צו לילין, וועמען ער „נעמט היינט אויס" אין אַן אָנשטענדיקן טעאַטער, וואו מען שפּילט שעקספּירס אַ שטיק וועגן ליבע און אייפערזוכט...

# דורכגעלעבט

## הומאָרעסקע

סיי נאָך די יאָרן און סיי לויט זיין שאַפן איז יוסף ויסמאַן געווען פאַררעכנט אין זיין קרייז פאַר איינעם פון די גרויסע דיכטער. אַלט איז ער געווען צווישן אַכט און צוואַנציק און דרייסיק יאָר, און שאַפן האָט ער געשאַפן אין אַ געהויבענעם טאָן. צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט מיט זיין פעדער (און אַמאָל מיט זיין בלייַשטיפט — אויב קיין פעדער איז ניט געווען), איז געוואָרן דערהויבן, געלייטערט און געקראָגן אַ תיקון... ניט מער, די פאַרם איז צייטנווייז געווען צו ניי, און דערפאַר האָט מען אים ניט אין אַלע אויסגאַבן געדרוקט. מערסטנטיילס האָט ער זיך געדרוקט אין די „זאַמלונגען" פון די יונגע, וואָס קיין גרויסן אָפּזאַץ האָבן זייערע אויסגאַבן ניט געהאַט צוליב דעם, וואָס דער ברייטער קלאַס לעזער איז נאָך ניט דערוואַקסן צו זייערע מאָטיוון און פאָרמען.

אָבער יוסף ויסמאַן איז ביי זיך ניט נעהען געפאַלן. מיט גרויס גוטמוטיקייט האָט ער אַראָפּגעקוקט אויף די בערן פון דער ליטעראַטור, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע פלעצער אין די ערנסטע זשורנאַלן און צייטשריפטן און וואָס האָבן באַקומען די פיינע האָנאָראַרן. פון גאַנצן האַרצן האָט ער זיי דאָס פאַרגונען, און אַפילו זייערע אַלטמאָדישע שאַפונגען האָט ער אויך באַטראַכט ווי אַ שלעכטס, וואָס איז אומפאַרמיידלעך און וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן פאַרגיין, און עס וועט קומען די צייט פאַר אים און פאַר זיין גלייכן.

און דערפאַר איז יוסף ויסמאַן פול געווען מיט ליבע ניט נאָר צו אַלע מענטשן און אַלע באַשעפענישן, נאָר אַפילו צו אַלע שעפער פון אַלע עלטערע און פאָרמען...

און אָט מיט די דאָזיקע אָנשויונגען וועגן מענטשן און דיכטונג איז ער איינמאָל געגאַנגען פיר אַ זייגער ביינאַכט אַהיים, צו זיך,

אין זיין נייעם צימער, וואו ער האט געוואוינט אין איין טאג אויף דער צווייטער וואך.

דאס צימער האט ער טאקע געדונגען פון וואך. אפצאלן פארויס פאר א וואך איז אים געווען לייכטער ווי פאר א מאנאט. פאר דער ערשטער וואך האט ער טאקע באצאלט פארויס. נאר גייענדיק אזוי שפעט צו זיך אין צימער, האט ער זיך דערמאנט, אז ער וואוינט שוין דעם אנדערן טאג אויף דער אנדערער וואך און די פאר דאלאר, וואס ער דארף געבן דער פרוי פון הויז, האט ער נאך נישט געגעבן. עס קאן זיין, אז טאקע צוליב דעם איז ער אזוי שפעט געגאנגען אהיים. פיר א זייגער שלאפט זי שוין זיכער, אין דער דאזיקער שעה פון נאכט איז דער שלאף ביים מענטשן צום שטארקסטן...

די גאסן, וועלכע ער איז דורכגעגאנגען, זיינען געווען שטיל, און די הייזער זיינען געשטאנען אין דער טונקלקייט ווי פאנטאסטישע געשטאלטן. זיסמאן האט זיך גראד אין דער שטילקייט, ניט באגעגענענדיק קיין לעבעדיק וועזן, פארבענקט נאך מענטשן, זיך דערמאנט אן זיי אלע און זיי שטארק ליב באקומען, און ווען זיסמאן פארבענקט זיך, דערמאנט זיך און באקומט ליבע, — מוז ער עס גלייך אויסגיסן אויפן פאפיר! אמאל מיט א פען געטונקט אין טינט און אמאל מיט בלייפעדער בלויז. די שטימונג, וואס איז אים איצט באפאלן, די אידעען, בילדער און געשטאלטן, וואס האבן זיך טונקל געקייקלט אין אים און איבער אים, האבן זיך געבעטן טינט און פעדער און פאפיר. און דערפאר האט ער זיך אזוי געיאגט אהיים, וואו ער האט דאס געהאט.

די ערשטע שורה האט זיך געדראפעט אנהייבן: איר, ליבע מענטשן, גוטע מענטשן...

מען דארף נאר נישט אנמאכן א טומל ביים שליסן די טיר פון הויז, ביים אריינגיין אין צימער, ביים צומאכן די טיר, ביים אנצינדן דעם גאז, כדי נישט אויפצוועקן די פרוי.

און אין קאפ האט די ערשטע שורה פון דער דיכטונג אליין נישט אפגעלאזט און זיך ווידערהאלט נאכאנאנד.

„איר, ליבע מענטשן, איר, גוטע מענטשן!"

דאָס עפענען די ערשטע טיר, וואָס פירט נאָר אַריין אין לאַנגן קאָרידאָר, איז אַריבער בשלום, שטיל. זיסמאַן האָט בלויז געדאַרפט איבערגיין דריי טירן, און צו דער פערטער זיך אַליין טאָן אין עפענען — איז ער אַ געראַטעוועטער מיט זיין שאַפונג! נאָר דאָ האָט עפעס פאַסירט אומגעריכטעס: פון דעם ערשטן שטאָך האָט זי אַ שוועב געטאָן אַ געשטאַלט אין ווייסן, און נאָכדעם ווי דער גאַז האָט זיך ווי דורך אַ געהיימער האַנט אָנגעצונדן, האָט זיך די געשטאַלט פאַרוואַנדלט אין דער הויז־פרוי. זי איז געשטאַנען אומבאַהעגלעך אין איר לאַנגער נאַכט־העמד, אַ גרויסע, אַ דיקע, ביי דער טיר פון זיסמאַנס צימער, און מיט בייזע גרויסע אויגן אָנגעקוקט זיסמאַנען און שטרענג געפרעגט:

— האָט איר דאָס געלט?

— מאָרגן, גנעדיקע פרוי.

— וועט איר מאָרגן קומען. און דערווייל גיט דעם שליסל. ביי מיר מוז מען צאָלן פאָרויס.

כאָטש די הויזפרוי אין דער לאַנגער נאַכט־העמד, מיט איר גאַנצער באַנעמונג, האָט דערוועקט אַ געפיל פון עקל אין זיסמאַנס האַרץ, האָט אים אָבער אין קאָפּ געקלונגען די ערשטע שורה פון דער נייער שאַפונג און, איבערגעגעבן איר דעם שליסל פון צימער, האָט ער זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט פון הויז. בלייבנדיק אויפן גאַס, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דעם איינציקן קאַפע, וואָס איז אָפן אַ גאַנצע נאַכט.

דאָרט האָט ער זיך געזעצט אין אַ ווינקל, און מיט אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט געפונען אין טאַש, האָט ער זיך געזעצט שרייבן.

און די ערשטע שורה האָט זיך אָנגעפאַנגען:

„איר, ליבע מענטשן, איר גוטע מענטשן"...

און ערשט איז דאָס ליד אַרויס ווי ער האָט געוואָלט.

אויף מאָרגן האָט ער דאָס געשאַפענע איבערגעלייענט פאַר זיינעם אַ קאָלעגע, ביי וועלכן ער האָט שוין טאָקע גענעבמיקט. דער קאָלעגע האָט עס זייער געלויבט און צום סוף אויסגערופן:

— אַזוי פיל ליבע צו מענטשן, וואו נעמט זיך עס ביי דיר?

— איך האָב עס דורכגעלעבט, מיין ליבער, דורכגעלעבט.

— יאָ, מען פילט עס — האָט דער קאָלעגע פרום צוגעגעבן.

# מ ע נ ע ר

צו דעם אינטעליגענט הובינשטיין פלעגן זיך יעדן פרייטאָג אָונט צוזאַמענקומען אַלערליי „אַקסן", פון וועלכע דער גרעסטער טייל זיינען געווען אומפאַרהייראַטע לייט... די פּאָר געסט, וואָס האָבן יאָ געהאַט פרויען, האָבן זיי זעלטן מיטגענומען צו הובינשטיינען. מסתמא האָבן זיך זייערע פרויען אין דער דאָזיקער סביבה ניט אַריינגעפּאַסט. אַזוי-אַרום זיינען די קליינע צוזאַמענקומען ביי הובינשטיינען באַשטאַנען פון לויטער מענער. די איינציקע פרוי איז געווען די יונגע ווירטין פון הויז — מאַדאַם הובינשטיין.

זי איז געווען אַ פרוי פון הויכער אינטעליגענץ און האָט זי מיט איר האַלטונג, זי מיט איר קליידונג ניט שטאַרק אונטערגעשטריכט איר געשלעכט. געוויס האָט זי אויך דאָס איבעריק-ווייבלעכע פאַרמאָגט. אָבער דאָס האָט זי ווי בכוון רעדערונגען אין די הויך-אינטעליגענטע געשפרעכן, וואָס פלעגן דאָס הויז פאַרגעזעצט ווערן פון איין פרייטאָג ביז צווייטן — אַזוי גוט און אַזוי אומדערשעפּלעך זיינען זיי געווען, די געשפּרעכן, הייסט עס.

געוויס האָט מען אין געוויסע פאַלן געמאַכט אויסנאַמען פאַר איר ווי פאַר אַ פרוי. ווען עס פלעגט אַמאָל אויספעלן אַ שטול פאַר אַן אומדערוואַרטן גאַסט און פרוי הובינשטיין פלעגט זיך אויפשטעלן, איז געוואָרן אַרום טיש אַ שטיקל גערודער.

— ניין, ניין — איר זיצט!

און פאַרלייגן זיין פּלאַץ פלעגט פאַר דעם אומדערוואַרטן גאַסט יעדערער, וואָס איז געזעסן. נאַטירלעך האָט מען ענדלעך געמאַכט אַ פשרה און דער „איבעריקער" האָט זיך צוגעשפּאַרט אויך אַ צווייטנס שטול און דאָס געשפּרעך האָט זיך ווייטער געקייקלט און געצויגן לענגער און לענגער...

און די אלע הויכע געשפרעכן, וואס זיינען געפירט געוואָרן אין די פרייטאג-צונאכטס, האט קלארא — ווי רובינשטיינס פרוי האט געהייסן ביים ערשטן נאמען — גענומען אגלייכן אנטייל מיט די מענער, בלויז אמאל — צוליב דאמען-ערע — האט מען איר געגעבן די פריווילעגיע צו ריידן לענגער און ניט איבעררייסן זי, ווי עס פלעגט פאסירן ביי א צו הייסן געשפרעך, אבער צו פיל אויסנוצן איר רעכט האט קלארא נישט געוואלט. זי איז א מאדערנע פרוי און זי וויל נישט זיין ניט נידעריקער און ניט העכער פארן מאן.

קיין קאמפלימענטן אלס פרוי האט מען קלארען נישט געמאכט. און דאס שענערע קלייד, וואס זי פלעגט אנטאן לכבוד די געסט, איז איבער אומבאמערקט. איבעריקנס האבן זיך אירע אלע קליידער ניט אויסגעצייכנט ניט מיט צו שארפע פארבן, ניט מיט צו שרייענדיקן פאסאן און ניט מיט איבערגעהייגלעכן דעקאלטע. דאס רוב זיינען די קליידער געווען מיט קראגנס ביז צום האלז און די ארבל די לענג ביז צו די פינגער.

זי איז געווען פול מיט ערנסט און פארנעמקייט.

ביים אוועקגאנג פלעגט איר יעדער דערלאנגען די האנט און איבעריקע צערטלעכקייטן. דאס רוב א פאטראגענע און צערודערטע פון די הויכע פראבלעמען, וואס זיינען ארומגערעדט געווארן אין פארלויף פון אוונט, איז זי געזעסן פארנומען מיט אויפהייבן די היט, די מאנטלען און אמאל דעם שטאק פון יענעם באזוכער, וואס האט פארזיכערט, אז אן א שטאק איז ער ווי אן א האנט. זיין שטאק פלעגט אבער אלע מאל פארווארפן ווערן און קלארא האט געהאט גענוג מי אים אויסצוגעפינען.

דערפאר פלעגן מאנכע געסט זיך ארויסרוקן גאר אן א האנט-דרוק, און זיינען אפגעקומען, זאגנדיק בלויז א „גוטע נאכט“ — אמת, גענוג הויך אויפן קול...

אבער קלארא האט זיך דערפון ניט באליידיקט. זי האט גוט געוואוסט, אז דאס זיינען מענטשן פון א העכערער וועלט. נארישע עטיקעט, אלטע צערעמאניעס גייען זיי נישט אן... זי האלט איך נישט דערפון...

איר פלעגט דערנאך אויסקומען מאבן אָרדענונג אין צימער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַן איבער־עקערטער. צונעמען פון טיש די גלעזער, פון וועלכע פיל זיינען געווען אָנגעוואָרפן מיט האַלבע, פערטלעך און ברעקלעך פאפיראָסן, וואָס די רייכערער האָבן אין פלאַץ פון זייער געשפרעך אָנגעוואָרפן. זי האָט עס געטאָן מיט ליבע און קיינמאָל זיך דערויף נישט באַקלאָגט.

און אויפראַמענדיק דאָס צימער און וואַשנדיק נאָכדעם אין קיך די גלעזער, האָט זי נאָכגעדענקט אַז די אַלע געשפרעכן, וואָס זיינען נאָר־וואָס געפירט געוואָרן. אין אירע אויערן האָבן נאָך גערוישט גאַנצע אַזן האַלבע פראַזן. און דער לופט אפילו זיינען אומגעשפרונגען איינצלנע אפּגעהאַקטע ווערטער און זיך געדרייט און געזשומעט פאַרבײַ אירע אויערן, ווי לעבעדיקע פליגעלעך.

ערשט נאָכדעם ווי זי האָט געבראַכט אַלץ צוריק אין אָרדענונג, האָט זי זיך צערעדט מיט רובינשטיינען אַליין וועגן יעדן פון די אָוועקגייענדיקע געסט.

פאַר יעדן האָט זי געפונען אַ גוט וואָרט.

מייעראָוויטש איז זייער באַלעזן.

בערקאָוויטש איז אַ טיפער דענקער.

ביישעלסאָן איז אַ פילאָסאָף.

נחומזאָן איז אַן אמתער מאַרקסיסט.

מיט איין וואָרט — אַלע גרייסע, קליינע און מיטעלע פערוועגלעכקייטן.

* * *

איינמאָל איז צו רובינשטיינען געקומען צום באַזוך פון זיין געבורטסשטאָט אַ קרובהס אַ טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. דאָס איז געווען אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט געזוכט אַרבעט דאָ אין דער נייער וועלט. קיין אַרבעט האָט זי נישט געפונען. דאָס ביסל געלט איז איר אויסגעגאַנגען און זי איז געבליבן וואוינען ביי רובינשטיינען אין דער נישט באַזונדער גרויסער וואוינונג. קלאַרא איז געווען די ערשטע, וואָס האָט עס באַרגעשלאָגן.

דאס מיידל איז געווען אָן קיין שום בילדונג. קלאַרא האָט אויף איר געקוקט מיט גרויס רחמנות.

– אַן אומווּסנדע בהמה, – האָט זי די ערשטע צייט געשמייכלט צו רובינשטיינען.

רובינשטיין האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'האָט געהייסן: ווירקלעך אַ רחמנות – ווייס נעבעך גאָרנישט.

בײַ די פּרייטאָגדיקע געשפּרעכן איז די דאָזיקע מיידל געזעסן אַן אַזייט און זיך צוגעהערט ווי איינע פון אַן אַנדער וועלט. קלאַרא און רובינשטיין האָבן אַפילו ניט חושד געווען, אַז ווער פון די געסט זאָל זי באַמערקן. אַן אומווּסנד מיידל! פאַרשטעלן זי פאַר די געסט האָט סיי רובינשטיין, סיי קלאַרא געהאַלטן פאַר איבעריק.

קיינער האָט זי, דאַכט זיך, גאָרנישט באַמערקט.

נאָר איינמאָל, ווען אַ געשפּרעך האָט זיך פּלוצים איבערגעריסן און ס'איז שטיל געוואָרן, האָט דער באַלעזענער מאַיראַוויטש אַ קוק געטאָן אַהין, וואו דאָס אומווּסנדע מיידל איז געזעסן פאַרטראַכט אין איר אומווּסנהייט, די האַלב-נאַקעטע הענט אויף דער האַלב-אַנטבלויזטער ברוסט.

– ווער איז דאָס די מיידל? – האָט דער באַלעזענער מייעראַוויטש אַזוי זיך אַ פרעג געטאָן קלאָרן.

– אַ, זי... אַ שטיקל גאַסט, נעבעך, אַ זייער אומווּסנדע. קען קוים לעזן אַ ייִדיש ביכל.

– אינטערעסאַנט! – האָט מייעראַוויטש אויסגעשטאַמלט און נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער אומווּסנדער מיידל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מיקעלסאָן דער פילאָסאָף אויך פאַראינטערעסירט.

– זעט אויס זייער נאַיוו.

– יאָ, האָט קלאַרא נישט גערן צוגעשטימט.

איז שוין געוואָרן דרייסטער בערקאָוויטש, דער טיפער דענקער, וואָס איז דווקא געווען פאַרהייראַט, נאָר האָט זיין ווייב קיינמאָל נישט מיטגענומען מיט זיך, און האָט זיך אָנגערופן:

– זי שמעקט מיט פעלד...

– אַ קליינשטעטלדיקע... – האָט קלאַראַ דערציילט, מיט אַ האַלבן מויל.

האָט נחומזאָן דער מאַרקסיסט שוין אויך מיט באַקומען און פאָרגעשלאָגן:

– שטעלט זי אונז פאָר.

אַ ברירה האָט מען געהאַט. קלאַראַ אָבער האָט דאָס איבערגעלאָזט פאַר איר, פאַר רובינשטיינען.

– נו, זעלדע! – האָט רובינשטיין זיך געווענדט מיט אַ שמייכל צו דער מיידל. – שטעל זיך אויף איך וועל דיך פאָרשטעלן. געמיינט האָט מען, אַז זעלדע וועט זיך פאַרשעמען, אָבער מען האָט דווקא נישט געטראָפן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און דרייסט צוגעגאַנגען צום טיש און אויסגעצויגן איר האַנט.

עס איז געוואָרן אַ געיעג נאָך דער יונגער האַנט, וועלכע האָט זיך געטראָגן איבערן טיש, ווי אַ פליגל פון אַ ווייסער טויב, פון איינעם צום אַנדערן.

דער לעצטער האָט די האַנט באַקומען דער פילאָסאָף ביקעלסאָן. ער האָט זי געהאַלטן פעסט אין זיינע, אַריינגעקוקט דער מיידל אין די אויגן און מיט באַגייסטערונג געזונגען:

– עס פרייט מיך, ווירקלעך איך צו קענען...

האָט קלאַראַ געמיינט, אַז מען איז שוין יוצא, פאַרגעשטעלט און מען וועט ווידער צערײדן זיך וועגן די הויכע געגנשטאַנדן, און זי, דאָס אומוויסנדע מיידל, וועט צוריק אַוועקגיין. נאָר גראָד האָט זיך שוין דער געשפּרעך נישט געקלעפּט.

נחומזאָן דער מאַרקסיסט האָט זיין פּלאַץ אָפּגעטראָטן דער מיידל, און זי האָט באַדאַנקענדיק אויף איר שטייגער עס אָנגענומען.

און באַלד האָט זיך נחומזאָן טאַקע צוגעזעצט אויפן פאַרענטש פון שטול, אַזוי אַז דער מיידלס קאָפּ האָט זיך נישט ווילנדיק אָנגעלענט אָן זיין אַקסל...

האָט שוין בערקאָוויטשן, דעם טיפן דענקער פאַרדראָסן, וואָס נחומזאָן, מיט וועלכן ער איז קיינמאָל נישט איינפאַרשטאַנען, זיצט אַזוי אינטים מיט דער יונגער בליענדער מיידל. האָט ער זיך

אויפגעשטעלט, כלומרשט, ווי איס איז שוין נמאס געווארן זיצן, און האט זיך געשטעלט פונקט אנטקעגן דער מיידל.

דער געשפרעך האט זיך שוין גארניט געבונדן. נחומזאן האט פארגעשלאגן זינגען.

איך בין זיכער אז דאס מיידל קען זינגען.

— בלויז יידישע לידלעך — האט דאס מיידל זיך מודה געווען.

— יידישע, יידישע! — האט דער מארקסיסט אויסגעהופן, — מיר ווילן יידישע. מיר זיינען יידן, וואס הייסט עפעס! — האט ער זיך נאך מער אויפגעפלאמט, — דווקא יידישע.

— אבער זייער פראסטע. — האט דאס מיידל קאקעטיש זיך גע-קווענקלט.

— פראסטע, פראסטע! — האט דער פילאסאף אונטער-געכאפט. — מיר זיינען אלע פראסטע מענטשן.

דאס מיידל האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן זינגען דאס ליד פון דער פארלארענער ליבע.

אירע בעקלעך האבן זיך צעגליט, די אויגן האבן געלויכטן און די יונגע בריסט אונטערן ווייסן בלוזקעלע האבן זיך געהויבן די ווייסע האלדז־לעך.

די געסט האבן זיך אנטציקט.

— אך קאקאיא ראסקאש! — האט דער מארקסיסט אויס-געזונגען.

קלארא האט אויף אים געווארפן א בייזן בליק...

דאס מיידל איז געווארן אלץ פרייער און פרייער, האט דערציילט עפעס א קאמישן עפיזאד פון דער היים, און די פילאסאפן מיט די דענקער און די מארקסיסטן האבן זיך נישט געקענט באהערשן.

ווער עס האט איר א גלעט געטאן ניט ווילנדיק די האנט, ווער די האר פון קאפ און ווער ווי נישט ווילנדיק ארויפגעלייגט זיין האנט אויף איר אקסל אזוי זיך נישט ווילנדיק...

דאס מאל איז מען געזעסן שפעטער ווי אלעמאל. קלארא האט געמוזט מאכן צוויי מאל טיי. דאס אומוויסנדיקע מיידל האט

געוואלט העלפן. אבער דער מארקסיסט, וועלכער איז נאך אליין געווען איר שכן, האט איר אין דער שטיל אפגעהאלטן:

— ויצט — איר זייט א גאכט.

קלארא האט עס אבער געהערט און האט פאר זיך א מורמל געטאן:

— מענער זיינען זיי אלע.

# די ראָלע

נאָכדעם ווי מערי, אַ יונגע, שיינע מיידל מיט גרויסע אויס=דרוקפולע שוואַרצע אויגן, האָט פאַרלוירן איר באַשעפטיקונג אין דער קליידער=פאַבריק און אַ לענגערע צייט קיין אַרבעט ניט געקענט געפינען — האָט זי, בייז ווערנדיק אויף דער אַרבעט בכלל, באַשלאָסן צו זוכן איר גליק אויף אַ נייעם וועג.

זייענדיק פריי, איז זי געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכע באַזוכערין פון קינא, האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם לעבן פון די גרויסע סטאַרס פון דער קינא=וועלט. פון די פילם=זשורנאַלן, וואָס מערי האָט אָפט געלעזן, איז זי געוואויר געוואָרן, אַז אַ טייל פון זיי זיינען פריער געווען אָרעמע מיידלעך און נאָר דורך אַ צופאַל זיינען זיי געוואָרן גרויסע אַקטריסעס. איבערהויפּט האָבן זיי עס געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

ווען מערי האָט געלעזן וועגן זייערע גליקן, האָט זי אין זינען געהאַט אירע אויגן און האָט זיך דערמאָנט די מבינות פון אירע „אינטעליגענטע“ באַקאַנטע, סיי בחורים, סיי מיידלעך, אַז זי איז „געבוירן“ פאַר אַ שפּילערין אין קינא, זי דאַרף נאָר האָבן די געלעגנהייט.

און אומגייענדיק אַ לענגערע צייט אָן אַרבעט, האָט זי זיך איין מאָל געלאָזן אין אַ סטודיע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט אַרום ניו=יאָרק.

צושלאָגנדיק זיך צום דירעקטאָר, האָט זי אויסגעפּראַלט ווי אין פיבער איר פאַרלאַנג. ער האָט זי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע באַטראַכט, אַריינגעקוקט איר טיף אין די אויגן, און, קענטשיק בלייבנדיק צופרידן מיט זיי, האָט ער איר געהייסן קומען מאָרגן...

אויף מאָרגן האָט דער דירעקטאָר זי שוין אײַנגענומען ווי אַ באַקאַנטע, און האָט געפרעגט, פון וואָס פאַר אַ לאַנד זי קומט.

— פון רוסלאַנד...

— דאָס איז גוט! — האָט דער דירעקטאָר ווי אויסגעוווּנגען. —

מיר גייען פּראָדוצירן אַ גרויס רוסיש בילד. מיר דאַרפן האָבן מענטשן. קום אין אַ וואָך אַרום...

די וואָך האָט זיך געצויגן ווי יאָרן. אָבער דאָס זײַנען געווען גליקלעכע יאָרן... גליקלעכע ערוואַרטונגען. וואָס פאַר אַ ראָלע, למשל, וועט מען איר געבן? אפשר אַ רוסישע גרעפין, צי אַ געניראַלס אַ טאָכטער?

זי האָט די גאַנצע וואָך רעפּעטירט אין איר צימערל.

זי האָט זיך אַפילו פאָרגעשטעלט אין דער ראָלע פון דער רוסישער קייסערין. אָנשטאָט אַ קרוין האָט זי אַרומגענומען איר שטערן מיט איר שנור קרעלן...

פון גרויסע דערוואַרטונגען זײַנען בײַ איר די אויגן נאָך גרעסער געוואָרן.

אין אַ וואָך אַרום איז זי געקומען אינדערפרי אין סטודיע. דעם דירעקטאָר האָט זי שוין ניט געזען. איר האָט אײַנגענומען אַ מאַן, וואָס האָט געוואַרט בײַם טויער. אַרום זײַנען געווען אויסגעשטעלט אַווטאָמאָבילן און אַ גאַנצע מחנה סטאַטיסטן האָבן געוואַרט...

מען האָט זיי ענדלעך אַלע אַרײַנגעזעצט אין די אַווטאָמאָבילן און מען האָט זיך געלאָזט פאָרן ווײַטער פון דער שטאָט. בײַ אַ גרויסן, קוים מיטן אויג צו כאַפּן, שניייִקן פעלד, זײַנען די אַווטאָמאָבילן שטיין געבליבן. מען איז אַראָפּ די ערשטע.

זי איז געבראַכט געוואָרן אין אַ גרויסער, שנעל געבויטער סטודיע. דאָרט האָט מען איר געהייסן דעם מאַנטל מיט דער הוט אויסטאָן און אָנשטאָט דעם זיך אָנטאָן אַ גרויען קאַפּטאַן מיט אַ גרויטוך איבער דעם קאָפּ.

אַז זי איז אַרויס, האָט זי געזען אַ גרויסע מחנה, אַלע איבער־געקליידט אין אָרעמע קליידער. און געשטאַנען זײַנען זיי געבויגן.

— אַט אַזוי װאָלט איר אַלע גיין, אַנגעבויגן מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ.

די מחנה האָט געזאָלט פאָרשטעלן אַן עטאַפּ, באַגלייט פון קאָנוואָי אויף די סיביריער וועגן.

מערי האָט זיך אײַנגעהילט אין איר טוך און מיט לאַנגזאַמע טריט און אַ געבויגענעם קאָפּ געמאַרשירט אין דער מחנה... איבער דעם שנייִקן פעלד.

אַזוי האָט זי געמוזט קומען אַלע טאָג, דורכפירן איר ראָלע אַלס פּאָליטישע אַרעסטאַנטין אין איר היימאַט, אין רוסלאַנד...

פאַר אירע פרײַנד האָט זי אויספירלעך פון איר ראָלע ניט דערציילט. זי האָט בלויז אָנגעוואונקען, אַז זי האָט אַ קליינע אָבער סימפּאַטישע ראָלע.

— אין שפּיל פאַר אַ רעוואָלוציאָנערקע!

און נאָכדעם האָט זי געוויזן די קוויטלעך, וואָס זי האָט באַקומען פאַר יעדן טאָג שפּילן, אויף וועלכע זי וועט באַקומען אין דער קאַסע געלט, ווען דאָס בילד וועט זײַן געענדיקט.

— פינף דאָלאַר אַ טאָג!

האָבן אירע פרײַנד איר שטאַרק מקנא געווען, און מען האָט געמורמלט:

— אַ קלייניקייט אירע אויגן... מיט אַזוינע אויגן קען מען ווײַט אַוועקגיין...

די אויפפירונג פון דעם רוסישן קינאָ־בילד האָט זיך געענ־דיקט. די פילמס זײַנען שוין געווען פאַרפּאַקט ערגעץ אין טויזנ־טער עקזעמפּלאַרן און זײַנען צעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אויף איין שטיקל פילם איז מערי געטריבן געוואָרן פון קאָ־זאַקן איבער אַ שנייִקן שטיק פעלד, אַ דערשראָקענע, אַ דער־נידעריקטע, אַ געשענדעטע.

אָבער אין לעבן איז זי געוואָרן מער שטאָלץ, ווי פאַר דעם.

זי האָט בלויז געוואַרט, ווען וועט מען זיין דאָס מאָל אין ניו־יאָרק.

* *
*

די צייט איז געקומען.

זי האָט מיטגענומען איר נאָענטע פריינדין און איז אַוועק זען „זיך" און זיין זיך.

דער עטאַפּ האָט געראַפּט דורכגיין אין פערטן אַקט... און די חברטע האָט איר אַלץ געפרעגט:

— נו, מערי, וואו ביסטו ערגעץ... איך זע דיך ניט!...

— באַלד, באַלד, — האָט איר מערי פאַרויכערט.

און אָט האָט זיך באַוויזן אויפן לייוונט דער עטאַפּ. זיין דורכגיין האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן.

מערי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אירע בליקן אין דעם לייוונט און געזוכט זיך:

— שנעל, קוק, אָט בין איך... — האָט זי, דערזעענדיק זיך אין דער מחנה, געשלעפּט די חברטע צו זיך. — זעסט, אָט און גרויען טוך איבערן קאָפּ. אָט דאָס בין איך... אָט די אַיינגעבויגענע...

אָבער ביז די חברטע האָט זיך געכאַפּט, איז שוין דער עטאַפּ פאַרשוואונדן, און אויפן לייוונט האָט זיך באַוויזן אַנדערער פּאַלאַץ...

מערי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר חברטע און האָט זיך אַריינגעטרונקען מיט אירע אויגן אין פּאַלאַץ...

# די קראָם

(עטיוד)

דער מיטליאָריקער פּאָטער איז דורך דער הינטערטיר פון קראָם אַריין אין שטוב, וואו די פאַמיליע האָט געוואוינט, אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל און עפּעס אויסגעזיפצט.

— אַליין די קראָם געלאָזט. — האָט אַ פאַרביטערטע גע־מורמלט דאָס ווייב, שטייענדיק בײַם אויוון.

— ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, — האָט דער מאַן און פאָטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך האָב נאָך ניט געדאַוונט: זאָל דערווייל לאה אַריינגיין אין קראָם.

לאה, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, וואָס האָט געדאַרפט אין עטלעכע וואָכן אַרום אָפּפאָרן קיין אַמעריקע צו איר אַ שוועסטער און האָט זיך שוין געפילט ווי ניט קיין היגע און שוין אויף דער גאַנצער קרעמערײַ געקוקט פון אויבן אַראָפּ, האָט זיך דאָך נישט געשטעלט אַנטקעגן; פאַרקערט, זי האָט גלײַך געלאָזט איר אַרבעט און איז אַריין דורך דער שטוב־טיר אין קראָם.

זי האָט באַטראַכט די פּאָליצעס, וואו עס זײַנען געווען אויס־געשטעלט פאַרשיידענע בלעכן מיט אַלערליי נישטיקע סחורות, און האָט געשמייכלט, ווי איינע וואָס דאַרף באַלד דערפון פטור ווערן. אויף דאָס הויכע, שמאָלע פעסל הערינג, וואָס איז געשטאַנען רוגזה־דיק קעגן איר, האָט זי געקוקט מיט גרויס רחמנות.

— אויך מיר אַ סחורה... אין אַמעריקע וועט זי דאָס ניט אָנקוקן.

דורך דער לייכטער טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט די שטוב פון קראָם, האָט זיך דורכגעריסן דער טרויעריקער ניגון פון דעם טאַטנס דאַווענען:

„פטום הקטורת הצרי והצפירן וההלבונה"...

די ווערטער מיט דעם ניגון הערט זי שוין אזוי לאנג. זינט זי געדענקט דאוונט דער טאטע אין מיטן וואך און דער היים. כיי די ווערטער, סיי דער ניגון איז איר אריין אין די בלוט. אבער איצט, טראכטנדיק וועגן איר פארן קיין אמעריקע, האט עס גע־קלונגען אזוי ווייט און פרעמד. און זי האט געשמייכלט, ווי זי וואלט ניט געזען די טאכטער פון דעם, וואס דאוונט איצט, נאר א רייכע רייזנדערין, וואס איז געקומען פון א ווייט, גליקליך לאנד צו באטראכטן, ווי אזוי עס לעבט אן ארעם פאלק ערגעץ אין א פארווארפענעם ווינקל אויף דער וועלט...

זי האט זיך שוין פארגעשטעלט דאס הויז פון איר שוועסטער אין איינער פון די גרעסטע שטעט פון אמעריקע. דארט הייבט זיך ערשט אן דאס ריכטיקע לעבן פאר אזא יונג מיידל, ווי זי איז. ווי אזוי דארט איז, קאן זי זיך ניט פארשטעלן; זי ווייסט בלויז, אז דארט איז אנדערש; און דער אנדערש איז עפעס אזא גלענצנ־דיקער, אזא רוישיקער, אזא זינגענדיקער.

עס איז אריין א קונה; צום גליק – אירע א חברטע.

– לאה, דו פארסט טאקע? – האט זי די חברטע גערעדט מיט קענטיקער, כאטש באהאלטענער קנאה.

– נאך ווי פאר איך... – האט לאה געענטפערט מיט א שטראלנדיקן פנים.

– וועסטו שוין, הייסט עס, פטור ווערן פון דער קראם, מיט דער שטוב, מיט דער שטעטל... איך בין דיר מקנא.

– יא... איך פיל זיך טאקע גליקליך... – האט לאה גע־ענטפערט, – כאטש עס קאן זיין, אז איך וועל בענקען. מען זאגט, אז די ערשטע צייט בענקט מען זייער.

– ניטא וואס צו בענקען, – האט די חברטע בייז גערעדט.

און נאכדעם ווי זי האט גענומען עפעס אויף באָרג, איז זי ארויס ווי א פארשעמטע...

– ס'איז טאקע א רחמנות אויף איר, – האט לאה איבער־געטראכט, ווען זי איז געבליבן אליין, – זי בלייבט דא פינסטערן, געבעך.

און איר איינן גליק איז נאָך גרעסער געוואָרן.

דערווייל האָט זי דערהערט, ווי דער טאַטע האָלט שוין ביים כוף דאַוונען: ער מורמלט שוין שנעל, שנעל די לעצטע פּסוקים, וואָס איר איז שוין געווען באַקאַנט לויט דעם כלומרשט פריילעכן ניגון, מיט וועלכן ער פאַרענדיקט דאָס דאַוונען.

און באַלד איז ער טאַקע דורך דער שטיב אַריינגעגאַנגען צוריק אין קראָם.

– געלייזט עפּעס?...

– כמעט ווי גאָרנישט, – האָט לאה געמאָלדן ניט דרייסט.

– וואָס הייסט כמעט?... – איז דער פאָטער געוואָרן בייז. – אָדער יאָ געלייזט, אָדער ניט געלייזט.

– חנה צירלס האָט גענומען אויף באָרג אַ פונט זאַלץ...

– אַ פּדיון!... – האָט זיך דער פאָטער פאַרקרימט, און איז אַריין צוריק אין שטוב.

לאה איז געבליבן זיצן נאָך אַ ווײַלע אין קראָם, ביז די מאַמע וועט פאַרטיק ווערן און וועט זי אומבייטן.

– מילא, קיין סך וועל איך שוין ניט זיצן אין קראָם – האָט זי זיך אַליין געטרייסט, און האָט ווי מיט געזעגן-בליקן באַטראַכט אויף-דאָס-ניי די פּאָליצעס מיט די אַלערליי בלעכן, די זעקלעך זאַלץ, די קעסטלעך בעבלעך און אַרבעס, און טאַקע דאָס פעסל הערינג, ווי זי וואָלט אויסן געווען זיי דאָרט, חלילה, ניט פאַרגעסן.

דערווייל האָט זיך ווידער געעפנט די טיר פון קראָם פון גאַס-צו. עס איז אַריין דער בריוו-טרעגער און האָט מיט אַ שמייכל דער-לאַנגט אַ בריוו.

– פון אַמעריקע, – האָט ער אויסגעזונגען.

לאה איז, ווי שטענדיק, ווען עס קומט אָן אַ בריוו פון דער שוועסטער פון אַמעריקע, צעטומלט געוואָרן, געזוכט נערוועז צווישן דעם קליינגעלט פון שופלאָדל אַ קליינע מטבע, און גראָר ניט גע-פינענדיק אַזאַ, האָט זי דעם בריוו-טרעגער דערלאַנגט אַ גרעסערע מטבע.

דער בריוו־טרעגער איז ארויס א גליקלעכער און לאה האט שנעל אויפגעעפנט דעם בריוו...

„און ווייטער שרייב איך אייך", האט לאה געכאפט פון דער מיט, „אז די לאונדרי, דאס הייסט, די פראטשעשנע, האבן מיר פארקויפט, און מיר האבן געקויפט א גראסערי־סטאר, דאס הייסט בײ אײך א קראם פון באקאליי... איך האף דא צו מאכן ביזנעס; אבער עס איז שווער צו קריגן א מענטשן, דערפאר ווארט איך אזוי אויף לאהן, זי וועט מיר העלפן אין קראם"...

ווייטער האט שוין לאה ניט געקאנט לייענען.

— א קראם, א קראם! ווידער א קראם — האט זי געקרעכצט.

און ווי אזוי איז עס עפעס מעגלעך; גראד העט זי פארט שוין באלד אהין מיט אזעלכע גרויסע האפענונגען אויף א נײ לעבן, — נא דיר דארט ווידער דאס זעלביקע, — א קראם!

— אך, שלימזל מיינער! — האט זי פארבראכן מיט די הענט און זיך שיער ניט צעוויינט.

די טיר האט זיך געעפנט און עס איז אריין א קונה.

— גיב מיר, לאהלע...

נאר איידער יענע האט צייט געהאט ארויסצורעדן, האט איר לאה ביין אפגעהאקט:

— איך האב ניט קיין צייט... איך גײ שיקן די מאמען.

און אריינגייענדיק אין שטוב, האט זי ביין געזאגט:

— גייט ווער אריין אין קראם, איך קאן מער ניט זיצן...

זי האט באשלאסן דעם בריוו קיינעם ניט צו ווייזן. זאל מען ניט וויסן פון דעם אומגליק. עס איז א חרפה פאר לייטן...

און זי האט זיך ניט באדויקט, ביז זי האט ניט בשתיקה צעריסן דעם בריוו.

און עס האט זיך איר געדאכט, אז מיט דעם, וואס זי האט צעריסן דעם בריוו, האט זי אויך צעשטערט די קראם דארט, און דער ווייטער שטאט אין אמעריקע, וואוהין זי פארט אנהייבן א נײ לעבן...

---

# אין אַ וואָכעדיקן טאָג

(הומאָרעסקע)

עס איז געווען אַ גרויער, וואָכעדיקער טאָג. זעליג, אַ באַהייבטער יונגערמאַן, וואָס האָט ניט געהאַט די לעצטע צייט קיין ביזנעס און האָט געהאַלטן אין דינגען אַ „שאַפּקע“, און דערווייל אַרומגעגאַנגען ליידיק, האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דער פֿרייער צייט. איינמאָל, אַרומגייענדיק איבער די גאַסן פֿלומרשט זוכנדיק פּרנסה, האָט ער אַרום האַלב נאָך צוויי דעם זייגער בײַטאָג פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער געגנט פֿון יידישן טעאַטער.

פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס טעאַטער, דורכגעלייענט די אויפֿשריפֿטן מיט די נעמען פֿון די גרויסע שפּילער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז טאַקע שוין אַזוי לאַנג ניט געווען אין אַ טעאַטער און ווען מען שפּילט ערגעץ אין אַ טעאַטער בײַטאָג, וואָלט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אויף אַ פּאָר שעה, אָפּזיצן די צייט ביז ער וועט דאַרפֿן גיין ריידן וועגן דער „שאַפּקע“ און דערווייל פֿאַרגעסן אַ ביסל די צרות.

צום גליק, אָדער צום באַדויערן, איז טאַקע אין טעאַטער, ניט קוקנדיק אויפֿן וואָכעדיקן טאָג, געגאַנגען אַ גרויסע מאַטינע־פֿאָרשטעלונג. זעליג האָט ניט קיין סך געטראַכט, אַרײַן אין „האָל“ פֿון טעאַטער, צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געפֿרעגט אויף אַ ביליגן „טיקעט“.

דער „קעשיר“, וואָס האָט געוווּסט, אַז דאָס „הויז“ איז שוין פֿול און די אַלע טיקעטס — אויספֿאַרקויפֿט, איז געזעסן שטאָלץ אויף זײַן הויכן שטול, אָנגעקוקט מיט ביטול זעליגן און געזאָגט אין ענגליש:

— סטענדינג אָנלי... וואָן שילינג!

איז זעליגן שוין ניט אנגעשטאנען אוועקצוגיין צוריק און ער האט געזאגט אויך אין ענגליש:

— אלרייט! סטענדינג!

בצאלעל מיט ציטערדיקע הענט א שילינג און געקראגן א פלאץ צום שטיין, איז ער אריין אין טעאטער און האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן דעם ווענטל, וואס גרענעצט אפ די לעצטע ריי שטולן און זיך פארמישט מיט דעם שטייענדיקן עולם.

און כאטש ער איז געשטאנען און ענגשאפט און געדריקט געווארן פון אלע זייטן, איז אים דאך געווען זייער גוט אויפן הארצן. וואס, וואס ער האט פארשפעטיקט דעם סאמע אנהייב פון דעם „שטיק", איז ניט געווען צו באדויערן. אויף דער בינע איז גראד פארגעקומען פורים, מען האט זיך געגרייט צו דער פורימדיקער סעודה. דער גאנצער אנסאמבל, אלע פארשטעלטע אין א גרויסער פאמיליע, זיינען געזעסן אינמיטן דער בינע ארום א קילעכדיקן טיש מיט כל־טוב, און דער גרעסטער אקטיאר, אין א פרומען יידן מיט בארד און פאות פארשטעלט, האט לוסטיק אויסגערופן:

— און איצט, קינדער, וועלן מיר זינגען „שושנת יעקב"...

זעליג האט ניט נאר פארגעסן, אז עס איז איצט ביטאג, נאר אז עס איז א פאר וואכן פאר פסח... ער האט געפילט באַשיינפערלעך די פורימדיקע שטימונג, וואס האט זיך געטראגן פון דערווייטן, פון דער בינע צום גאנצן עולם, אויך ביז צו אים, ביי דעם ווענטל פון דער לעצטער ריי.

אין צווישן אקט האט זיך אפילו אנגעהויבן א ביסל צייט: עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער אלטער פאטער האט זיך באַנארישט און האט צו פרי זיינע קינדער איבערגעגעבן זיין פאַר־מעגן, און נאכדעם האט מען אים געהאלט וועצן אין דיך. אבער ־יידער זיינען אויך אין צווישן אקט געזונגען געהאט און די מוזיק האט יום־טובדיק צונעשפילט צו יעדן ליד, און די פייק האט צוגעפייפט הילכיק און רוישיק...

איבערהויפט האט זיך געפילט די שמחה אין טעאטער צווישן עולם גופא. עס איז ניט געווען קיין זאכעדיקער עולם, נאר א הויך יום־טובדיקער... ערשט נאכן דריטן אקט, ווען דער עולם

פון טעאַטער האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און געוואָלט אַרויסגיין ווער רויכערן, ווער טרינקען אַ גלאָז וואַסער, איז אַרויף אויף דער בינע אַ „טשערמאַן“ מיט אַ גאַנצער קאָמיטע, וועלכע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער בינע. און דער „טשערמאַן“ האָט זיך געשטעלט פאָרויס אין פראָנט פון דער בינע און אָנגעהויבן:

– ליבע ברידער! לאַנדסלייט פון אונזער שטעטל בידעווע... היינט איז ביי אונז אַ גרויסער יום־טוב — צען יאָר ווי אונזער סאָסייעטי עקסיסטירט און וועט נאָך, האָפן מיר, לאַנג, לאַנג עקסיסטירן.

דער רעדנער האָט גערעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט. זעליג האָט געשטאַמט פון אַ פוילישער שטאָט. פון דעם שטעטל בידעווע האָט ער קיינמאָל ניט געהערט, אָבער לויט דער טשערמאַן האָט ערקלערט, איז אויסגעקומען, אַז אַזאַ „שטאָט“ ווי בידעווע איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט, און גליקלעך איז דער, וואָס איז דאָרט געבאָרן געוואָרן.

עס זיינען געהאַלטן געוואָרן באַגריסונגען פון די איבעריקע, וואָס האָבן באַזעצט די בינע. איינער פון די באַגריסער האָט קורץ, אָבער מיט גרויס התלהבות אין טאָן אויסגערופן:

– צו פיל שטורעמען אין מיר מיינע געפילן, איך זאָל פאַר אייך, מיינע ברידער לאַנדסלייט, קענען אויסדריקן אין ווערטער וואָס איך האָב צו זאָגן. איך באַגריס דעם פּרעזידענט פון בידעווער סאָסייעטי, וואָס עקסיסטירט שוין צען יאָר, און לאָמיר האָפן, אַז זי וועט נאָך עקסיסטירן צום גליק פון אונזער לאַנד, פון אונזערע „מעמבערס“ און פון דעם פּרעזידענט. און מיר פּרעזענטירן אים מיט אַ גאָלדענעם קרוג.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער אַפּלויז פון גרויסן עולם. זעליג איז אינגאַנצן באַהערשט געוואָרן פון דער מתנה און פון דעם פרעמדן יום־טוב. עס האָט אים אויש ווי געטאָן, וואָס ער אַליין איז ניט קיין בידעווער. אָבער ער פילט זיך פאַראייניקט מיט'ן גאַנצן עולם און עס פרייט אים טאַקע פון טיפן האַרצן זייער ערפאָלג, און די מתנה, וואָס דער פּרעזידענט, אַ ווילד־פרעמדער ייד, האָט געקראָגן, שעצט ער זייער שטאַרק אָפּ.

אין פערטן אקט איז ווידער פארגעקומען פורים אויף דער בינע און ווידער א סעודה. די קינדער האבן זיך מיטן פאטער איבערגעבעטן, אים געמאכט צוריק פאר א פירער פון די געשעפטן און מען האט ווידער געזונגען „שושנת יעקב“, און די מוזיק האט רוישיק צוגעשפילט.

ארויס איז זעליג פון טעאטער צוזאמען מיטן עולם, מיט א מינע פון גרויס יום־טובדיקייט, ווי ער וואלט געווען א געבארענער אין בידעווע און וואלט דא געפייערט צוזאמען מיט זיינע לאנדסלייט דעם גרויסן יום־טוב פון זייער צען־יאריקער עקסיסטענץ.

און אז איינער פון עולם, שוין אן עלטערער מענטש, האט אים ביים ארויסגאנג אנגעקוקט און געפרעגט:

— א בידעווער, הא?

האט זעליג ברייט געענטפערט:

— יא, לאנדסמאן, א בידעווער.

— טאקע פון בידעווע גופא? — האט דער ייד זיך געוואונדערט.

— פון בידעווע גופא...

— באלאנגט איר צו אונזער סאסייעטי? — האט דער ייד פארדעכטיק געפרעגט.

— ווי דען?... האט זעליג ליב געשמייכלט. — שוין צען יאר... פון ערשטן טאג אן.

— א חידוש, וואס איך קען אייך ניט... איר קומט מסתמא זעלטן צו א מיטינג.

— איך בין שטענדיק פארנומען.

און אפגעזעגענענדיק זיך שנעל מיטן בידעווער לאנדסמאן, וועלכן ער האט איבעריקנס צעטומלט אינגאנצן, איז זעליג ארויס אויף דער וואכעדיקער גאס און זיך געלאזט גיין צו ריידן וועגן דער שאפקע; אבער ער האט לאנג זיך געפילט יום־טובדיק, ווי ער וואלט געווען איינער פון די סאמע „מחותנים“ פון דער בידעווער סאסייעטי. און די פורימדיקע ניגונים האבן זיך אים נאך לאנג געבאמבלט אין קאפ... און ער האט אפילו אליין אונטערגעזונגען „שושנת יעקב“.

און באַרענמפערט האָט ער זיך אַליין אין געדאַנק, אַז אַלע ייִדן זיינען דאָך סיי ווי סיי ברידער, און וויער יום־טוב איז דאָך אויך זיינער.

און דער יום־טובדיקער שמייכל איז ניט אַראָפּ פון זיין פּנים, אַפילו ביים שמועסן וועגן דער וואָכעדיקער „שאַפקע“, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קויפן, און דינגענדיק זיך, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט דאָס געפיל, אַז ער זיצט אין טעאַטער און פייערט אַ גרויסן יום־טוב.

# דאס פארגעסענע בוך

.1

איינס פון די שבתדיקע פארגעניגנס, וואס דבורה האט געהאט זינט נאך איר חתונה, איז געווען ביי איר צו לייענען נאך מיטאג דעם טייטש־חומש, וואס א פרומע מומע האט איר, צו איר חתונה, געגעבן דרשה־געשאנק. מען קאן נישט זאגן, אז דאס פארגעניגן איז איר אנגעקומען גרינג. דעם ערשטן יאר נאך דער חתונה האט זי נאך געשפילט די ראלע פון א יונג ווייבל, וואס איז נאך נישט אינגאנצן באפרייט געווארן פון די מיידלשע געדאנקען, האט זי די ערשטע שבתים נישט געוואגט זיך נעמען צום טייטש־חומש. עפעס האט זיך איר געדאכט, אז ווען זי וועט זיך אוועקזעצן שבת נאך מיטאג לייענען דעם טייטש־חומש, וועט זי זיך שוין מוזן אפגעזעגענען מיט איר יוגנט... דערצו האט זי זיך א ביסל געשעמט פאר איר יונגן מאן, יוספן, וועלכער איז געווען, אויב נישט קיין אפיקורס, חלילה, אבער שוין א ביסל היינט־העלטיק. פלעגט זי די ערשטע צייט בלויז דעם טייטש־חומש א בלעטער טאן, אריינקוקן אינעווייניק, ווי צו שפילן, און גלייך צומאכן אים.

אבער ווי נאר זי האט געבוירן דאס ערשטע קינד און האט שוין אינגאנצן זיך אפגעזעגנט מיט אירע אלע מיידלשע חלומות. איז גלייך קומענדיק צו זיך, און א פאר חדשים ארום, האט זי זיך יעדן שבת נאך מיטאג געזעצט ביים שבתדיקן טיש מיטן ווייסן טישטעך, לייענען די סדרה.

עס איז אויסגעקומען גראד אנהייב ווינטער. די סדרה, וואס איז דעמאלט „געגאנגען", האט דערציילט די געשיכטע פון יעקב און רחל און לאה. עס איז געווען א מין פרומער ראמאן... די

לאַגע פון לאהן האָט אסתרן שטאַרק גערירט. זי איז אײַנגאַנצן געווען אויף דער זייט פון לאהן און בײַ יעדן קינד, וואָס די געהאַסטע לאה האָט פון יעקבן געבוירן, האָט אסתרס פּנים פרוך און גליקלעך אויפגעשײַנט, שפּעטער־צו, אַז גאָט האָט שוין רחמנות געקראָגן אויף רחלען און ער האָט איר אויך געשענקט אַ קינד, האָט אסתרן אויך הנאה געטאָן און האָט זיך שוין אויך געפרייט מיט רחלס גליק...

און די ערשטע סדרה איז אסתרן אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט זי אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז זי האָט געוואָלט היסן וואָס ווײַטער וועט זײַן און זיך שוין נעמען צו דער צווייטער סדרה. אָבער זי האָט געוואוסט נאָך פון איר מאַמען, וועלכער זי האָט מיידלווייז געהערט יעדן שבת לייענען דעם טײַטש־חומש, אַז מער ווי איין סדרה אַ שבת דאַרף מען נישט לייענען...

דעם צווייטן שבת האָט זי שוין געלייענט די מעשה מיט יעקב און עשו, ווי אַזוי יעקב מוז אַנטלויפן און עשו יאָגט אים נאָך. בײַ דער סדרה, איז זי שוין אַרײַן אין דער אמתער ראָלע פון אַ טײַטש־חומש־לעזערין: עס איז איר אַרויסגעשוואומען דער ניגון פון איר מאַמען און זי האָט גענומען לייענען מיטן זעלבן ניגון און בײַ געוויסע רירנדע פּסוקים געווישט די אויגן, ווי אַמאָל איר מאַמע.

אַזוי איז מיט יעדער סדרה, דער טײַטש־חומש איר געוואָרן טייערער און ליבער. איר מאַן יוסף האָט זיך שוין דערוואוסט פון איר שוואַכקייט צום טײַטש־חומש, און אויך אײַדלקייט נישט אָפּגעלאַכט פון איר; נישט מער, ער האָט שוין געוואוסט די באַשטימטע שעה, ווען זי וועט זיך זעצן לייענען, פלעגט ער אַוועקגיין שפּאַצירן אין גאַס, אַמאָל טאַקע אין בית־מדרש הערן אַ מגיד.

האָט זי זיך טאַקע געפילט נאָך פרייער.

די צייט איז געגאַנגען. דאָס ערשטע קינד, איז שוין גרעסער געוואָרן, האָט זיך שטיל געשפּילט; אַ צווייט קינד, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן, איז געלעגן אין וויגעלע און איז אויך רויק געווען. פלעגט שוין אַמאָל אַרײַן אַן עלטערע שכנה, וואָס האָט נעבעך

אַליין נישט געקענט לייענען, און אסתּר פלעגט שוין דאַן לייענען נאָך העכער, כּדי די שכנה זאָל הערן.

מיט דער צייט האָט די באַשטימטע שעה פון טייטש־חומש־לייענען אָנגענומען אַ געוויסע גזשטאַלט. דאָס שטיבל האָט, אויבער שבתדיק, אויסגעזען נאָך הייליקער...

די ווענט, דאָס ביסל מעבל אַרום האָבן איינגעזאַפּט די אַלטע ווערטער, דעם ניגון, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין אַנדער ספר קען אין דער צייט נישט געלייענט ווערן, — סיי די שעה, סיי דאָס שטיבל זיינען מסוגל נאָר צום טייטש־חומש.

דאָס לעבן אין מיטן וואָך איז געוואָרן אַלץ שווערער. דער מסחר, וואָס יוסף האָט געמאַכט נאָך דער חתונה, איז נישט געגאַנגען, ער האָט נאָכאַנאַנד געזיפצט אומגעגאַנגען פאַרטראַכט און איינמאָל האָט ער זיך געווענדט צו אסתּרן און דערביי אויך געקוקט אויפן עלטסטן קינד.

— דו ווייסט, איך האָב באַשלאָסן פאָרן קיין אַמעריקע...

2.

אין אַמעריקע איז יוסף געוואָרן אַן אַרבעטער און אסתּרן געשיקט פּינקטלעך אַלע חודש אַ געוויסע סומע געלט. אסתּר האָט אָנגעהויבן לעבן בעסער, אָבער די בענקשאַפט נאָך יוספן האָט איר האַרץ באַטריבט. פלעגט זי זיינע בריוולעך לייענען עטלעכע מאָל אין טאָג און זיך טרוקן מיט זיי.

שבת אָבער איז געבליבן איר טרייסט דער טייטש־חומש.

פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז אַ בריוו פון יוספן פלעגט אָנקומען שבת, איז דאָס שוין געווען אַ שטיקל שטער צום טייטש־חומש. דעם בריוו פלעגט איר עפענען דאָס עלטסטע קינד. אָבער די פּאָר ענגלישע ווערטער, וואָס דער בריוו האָט פאַרמאָגט, האָט איר צעשטערט די שבתדיקע שטימונג. אין אַזאַ שבת האָט זי שוין געדאַרפט לייענען אַ פּאָר מאָל אַ פּסוק, ביז זי האָט באַנומען דעם ריכטיקן זין.

„און איך שיק דיר, מיין טייערע פרוי, אַרום 25 דאָלאַר מיט

מײַן פּיקטשער און איך בעט דיך, ה׳ זאָלסט מיר אויך שיקן דײַן פּיקטשער מיט דער פּיקטשער פֿון די קינדער...״.

דאָס וואָרט „פּיקטשער״ און „לעטער״ האַרמאָנירן אַזוי נישט מיט די ווערטער פֿון אַלטן טײַטש־חומש. זי טרײַבט זײ פֿון קאָפּ, נאָר זײ ווילן נישט אַרויסגײן... פּיקטשער, לעטער... דאָלאַר...

און זי פֿאַרטיפֿט זיך אין טײַטש־חומש און לײענט העכער, מיט אַ ניגון:

„און בלעם האָט געזאָגט, ווי אַזוי קאָן איך פֿלוכן, אַז גאָט פֿלוכט נישט״...

.3

אין דעם לעצטן בריוו, וואָס יוסף האָט איר אויסגעשריבן אויף ריכטיק ווי אַזוי צו פֿאָרן, ווי צו היטן די קינדער אין וועג, האָט ער איר אויך געשריבן, וואָס זי זאָל מיטנעמען אין אַמעריקע. געוויס האָט ער דעם טײַטש־חומש נישט דערמאָנט.

אָבער אסתּר האָט מיט גרויס ליבע און מיט אַ פֿרומער מינע אויך אַרײַנגעלײגט צווישן אַלע נײטיקע זאַכן, וואָס זי פֿירט מיט — דעם טײַטש־חומש.

ס׳ערשטע מאָל, וואָס זי האָט שבת דורכגעלאָזן לײענען דעם טײַטש־חומש, איז געווען אויפֿן שיף. דער אַרומיקער טומל אויפֿן דעק, דער מיש־מאַש פֿון אַלערלײ פּאַסאַזשירן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען אַ סך גויים; הײַנט דאָס היטן די צוויי קינדער מיט אַן עופֿעלע אויף די הענט... און דערצו איז דער טײַטש־חומש געווען אַזוי פֿאַרפּאַקט, אַז צו באַקומען אים וואָלט מען געדאַרפֿט אָנקומען צום קאַפּיטאַן אַליין... אויך פֿילט זי זיך אַזוי צעבראָכן און דער קאָפּ שווינדלט אַזוי.

זי וועט שוין דעם טײַטש־חומש לײענען דאָרט, אין דער נײַער הײם...

.4

די נײַע הײם איז געווען ערגעץ אין אַ סטריט דאַון טאַון. סײַ דאָס וואָרט „דאַון טאַון״, סײַ דער נאָמען פֿון דער סטריט

האט איר געקלונגען אזוי פרעמד, אז זי האט ניט געוואוסט, ווי אזוי אויסצורעדן עס ריכטיק אַ לענגערע צייט. אויך פרעמד איז איר געווען יוסף אַליין, אַ געגאָלטער, אָן וואָנסן אַפילו...

זי האט אָבער נישט געוואָגט אים צו זאָגן אַ וואָרט, צו מאַכן אַ באַמערקונג. ער זעט אויס אַזוי יונג און אַזוי שיין, כאָטש אַ ביסעלע אָפּגעצערט.

פון די געבראַכטע זאַכן פון דער היים האט יוסף גיטמושיק געלאַכט. דעם טייטש=חומש האט ער גענומען אין האַנט, אַ בלעטער=געטאָן און געזאָגט:

— דאָ, אסתּר, ווייס איך ניט, צו דו וועסט עס לייענען.

— וואָס איז, מען טאָר נישט?... — האט אסתּר מיט פאַריבל געפרעגט.

— איך ווייס? דו וועסט שוין זען. איך וועל דיר אוודאי נישט שטערן... איך אַרבעט דאָ שבת...

אסתּר האט אַ זיפץ געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

און זי האט דעם טייטש=חומש באַהאַלטן ווי אַ פאַרבאָטן בוך...

פונדעסטוועגן האט זי, קומענדיק צו זיך אין עטלעכע וואָכן אַרום, און פאַרבענקענדיק זיך נאָך דער היים, שטיל, בגנבה, אים אויפגעמאַכט און שטייענדיקערהייט אַ בלעטער געטאָן. האט זי זיך געכאַפּט, אַז זי ווייסט אַפילו נישט וועלכע סדרה עס גייט.

דערווייל איז אַריין די שכנה.

אסתּר האט גיך אַוועקגעלייגט דעם טייטש=חומש און פאַר= זודט געשמייכלט.

די שכנה האט אויסגעפּראַלט:

— אוי, מיסעס, איז היינט אַ ראָמאַן אין דער צייטונג, איז זאָג איך אייך אַ פאַרגעניגן... איר האט געלייענט? ניין? טאָ לייענט, פאָלגט מיר...

און אסתּר האט זיך גענומען לייענען דעם ראָמאַן אין דער צייטונג.

# ד ע ר  פ אָ ט ע ר

(ע ס י ו ר)

פון צו פיל בילדונג האָט זעליג ניט געהאַלטן. ווען זיינס אַ קינד, סיי אַ יינגל, סיי אַ מיידל, האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול, האָט ער גלייך זיך גענומען סטאַרען באַקומען פאַרן יינגל, צי פאַרן מיידל – די נייטיקע אַרבעטס־פּאַפּירן.

האָט זיך די ווייב, חיה, אַמאָל איינגעשטעלט און געזאָגט:

– סקוטר איז געראָטן, אפשר שיקן עס אין היי־סקול, ווי ביי לייטן...

פלעגט זעליג אַמאָל טאָן מיט דער האַנט און ענטפערן:

– שוין דאָ גענוג געלערנטע מענטשן אין אַמעריקע.

און אַז ער האָט געפילט, אַז זיין תירוץ איז קיין תירוץ ניט, האָט ער צוגעגעבן:

– איך בין ניט געקומען אַהער אין לאַנד צוצושטעלן דאָ טיטשערס און לאָיערס.

און ער פלעגט פאַרענדיקן מיט אַ פּסוק, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון דער היים:

– יגיע כפיך כי תאכל – אשריך...

פאַר אַ פּסוק האָט שוין חיה געהאַט דרך־ארץ, געגלייבט, אַז דאָס מיינט עפּעס גוטס, און זי האָט נאָכגעגעבן...

האָט זיך שוין זעליג געפילט גאָר צופרידן און האָט זיין מיינונג ברייטער דערקלערט:

– פאַרשטייסט, אַמעריקע האָט ליב אַרבעטער. ס'קומט אַמאָל צו אַ סיכסוך פון באָסעס מיט אַרבעטער, איז דער גאָווערנאָר אַליין אַ בורר און גלייכט אויס. דאָ אין לאַנד זיינען אַרבעטער געהויבן.

פונדעסטוועגן האט זעליג אין דער שטיל געחלומט, ווען ער אליין וועט אויפהערן צו ארבעטן.

און ווען מיט דער צייט האבן שוין געארבעט פינף קינדער, פון דער יונגער עני, וואס איז געווען בלויז פערצן יאר, ביז דעם עלטסטן באי אין הויז, הערי, וואס איז געווען ביי א פינף־און־צוואנציק, איז זעליג שוין געווען נאענט צו פופציק יאר און ער האט שוין גענומען טראכטן זיך אפצורוען.

ווער פון די ארבעטער־קינדער עס האט אים געבראכט דעם „ענוועלאפ“ שבת און ווער — מאנטאג; אבער געבראכט האט מען אים אלע וואך פינף „ענוועלאפס“ אנגעפילט מיט קנאקעדיקע פאפיר־געלט...

און צוזאמען מיט זיין ענוועלאפ, וואס איז וואס ווייטער געווארן דווקא מאגערער, צוליב דעם, וואס ער האט זיך שוין ניט אזוי געיאגט ביי דער ארבעט — איז די סומע געווען אזא, וואס האלטן זי אינגאנצן ביי זיך, איז שוין געווען א סכנה, און זעליג פלעגט אלע דינסטאג אוועקטראגן א טייל פון די געלטער אין באנק, אויף זיין נאמען טאקע.

עס איז בלויז א שאד, וואס גאר דער עלטסטער זון, דזשייקאב, האט שוין פאר צוויי יארן חתונה געהאט. מיט אים וואלט אוודאי נאך בעסער געווען. אבער דזשייקאב האט זיך געאיילט, חתונה געהאט און ער גיט שוין אוועק דעם ענוועלאפ זיין ווייבל.

איז אט דער ביישפיל מיט דזשייקאבן שרעקט טאקע אמאל זעליגן...

ס'איז דאך ניט שייך... א זון צי א טאכטער קאן דאך אייביק ניט ברענגען דעם ענוועלאפ דעם טאטן. א קינד מוז דאך אמאל חתונה האבן. פונדעסטוועגן איז דאס א שאד...

און אט דאכט זיך אים, אז הערי קומט אויך אמאל צו שפעט אהיים. ער זאגט, אז ער איז געווען אויף א מיטינג... נאר ווער ווייס — אפשר „גייט ער שוין אויס“ מיט א מיידל...

און כך הווה... אין א פיר וואכן ארום קומט הערי צו גיין — ס'איז געווען זונטאג בייטאג — טאקע מיט א מיידל.

און העריס נעקסטער ענוועלאָפּ איז טאַקע מאָגערער געוואָרן.

— וואָס, „סלאָו“ געווען די וואָך? — פרעגט פלומרשט זעליג...

— נאַ, ניט סלאָו — ווערט העריע אָפּנהערציקער — נאָר ווייסט דאָך, טאַטע, מען גייט אויס מיט אַ מיידל... און דאָס קאָסט געלט אין אַמעריקע...

נו, איז וואָס קאָן זעליג טאָן... אָפּריידן העריען פון דער מיידל פּאַסט ניט. דאָס מיידל, וואָס העריע האָט געבראַכט אין הויז פון יוצא וועגן, איז אַ מיידל אַ „ליאַלקע“, — און די קורצע צייט, וואָס זי איז געווען, האָט זי זיך געהאַלטן זייער איידל און אָנשטענ־דיק. זעט אויס פון באַלעבאַטישע עלטערן...

און זעליג איז שוין צופרידן, וואָס העריע איילט זיך כאָטש ניט צו חתונה האָבן און גייט נאָך דערווייל בלויז אויס מיט דער מיידל...

אַז ער וועט חתונה האָבן, איז גוד־באַי מיטן גאַנצן ענוועלאָפּ...

העריע אַליין וואָלט זיך טאַקע אפשר ניט געאײַלט, איז אָבער דער מיידלס עלטערן יאָגן צו:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית אַזוי אַרומצוגיין...

און איידער העריע האָט נאָך צייט צו מעלדן, אַז ער גייט אין גיכן חתונה האָבן, כאַפּט זיך זעליג, אַז בעסי, דאַכט זיך אַזאַ שטי־לע מיידל און איז אינגאַנצן איין־און־צוואַנציק יאָר, קומט שוין אויך שפּעט אַמאָל אַהיים...

און אויך איר ענוועלאָפּ, וואָס זי ברענגט מאַנטאָג (איר ענ־וועלאָפּ איז אַ מאַנטאָגדיקער...) ווערט מאָגערער...

באַטראַכט ער דעם ענוועלאָפּ און נאָכדעם זי און באַמערקט אויף איר אַ שפּאָגל נײַ טייער קלייד.

ווערט ער שוין גאָר צעטומלט. אויסריידן עס איר, איז דאָך ניט שייך — אַ היינטיקע מיידל און נאָך אין אַמעריקע, רעדט מען ניט אויס. קוקט ער אויף איר מיטן בליק, וואָס איז אַ באַטערלעך אַ פרעמודלעך, און ער רופט זיך אָן שוין ווי ער וואָלט געוואוסט אויף זיכער:

— עפּעס כאָטש אַ רעכטער באָי?...

— איך וועל מיט אים קומען, וועסטו זען...

אין דעם נעקסטן זונטאג קומען זיך שוין צונויף העריס מיט זיין מיידל און בעסי מיט איר באי.

די מאמע חיה, וואס איז ווייט פון מאטעריעלע חשבונות, שעפט נאר נחת. זי דערלאנגט כיבוד, די באוואוסטע שיסל מיט אראנדזשעס, באנאנעס און עפל.

זעליג אבער פילט זיך געענגט... ער גייט ארויס אויפן גאס, שטעלט זיך לעבן הויז און פילט זיך זינדיק...

אין א קורצער צייט ארום האט העריס חתונה מיט זיין מיידל, אויך בעסי מיט איר באי. די צוויי פארלעך מופן אוועק אין ווייטע געגנטן ארום ניו-יארק. בעטן איז ער שוין געווען געוואויר געווארן. שיינע רומס! צי העדין ציט איס אפילו ניט צו גיין. ער גלויבט איס, העדין, וואס קומט צו איס אריין, אויפן ווארט, אז זיינע רומס זיינען מיט אלע אימפרוווומענטס...

זעליג האט א גרעסערע זארג: גוידי, וואס איז, דאכט זיך, נאר האט א קליין מיידל געווען (אמת, זי ארבעט שוין אין א שאפ פינף יאר), האט שוין אויך א באי, און דווקא א רייכער באי, א ביזנעסמאן... צום שלימזל האט ער שיינע מיידלעך און מען כאפט זיי אויס...

דער ביזנעסמאן, שוין אן עלטערער באי, איז גאר אומגעדולדיק. ער הופט זי אלע טאג אין סטי-האל נאך לייסענס...

– וואס זאגסטו, טאטע, הא? – פרעגט גוידי, כלומרשט הי זי ווארט נאר אויפן טאטנס הסכמה...

– וואס איז שייך, טאכטער... קיין אלטע מויד ביסטו נאך ניט... ביי לייטן האט מען נאך פין אזא מיידל א נוץ... נאר גארנישט – צוהאלטן דיך קאן איך ניט...

ס'איז נאר א גליק, וואס איר באי, דער ביזנעסמאן, פארלאנגט ניט קיין שיינע קליידער – ער וועט איר אליין מאכן – זאגט ער...

און אויף גוידיס חתונה, וואס דער חתן דער ביזנעסמאן האט געפראוועט אויף זיינע הוצאות אין א האל, איז שוין געקומען די יינגערע טאכטער, אונטער נוידין, פלארא, אויך מיט א באי. זעליג האט גלייך דערקענט – ער איז שוין נעקסט...

און אַזוי ווי אויף דער חתונה איז זעליג גראָד געווען בגילופֿין, האָט ער זיי צוגערופֿן און געזאָגט:

— פֿלאָרא, טאָכטער מיינע, אויך דו פֿאַרלאָזט מיך באַלד — ס'איז טאַקע אַזוי, וואָס דו גייסט איס מיט אים... אדרבא, איך שטער דיר ניט...

פֿלאָרא, וואָס אונזער איר שיינקייט האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ גוטן האַרץ, איז געוואָרן גערירט, דערפֿילט דעם פֿאָטערס צער און געטרייסט:

— ניין, פּאַפּאַ, איך גיי נאָך ניט איס מיט אים — אַזוי אַ באַקאַנטער...

אָבער די טרייסט איז געווען אַ שוואַכע...

זעליג האָט געפֿילט, ווי אָט־אָט צעפֿליען זיך פֿון אים אַלע קינדער...

און באַלד, באַלד, נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, וועט ער מוזן ווידער שווער אַרבעטן, מיט אָווערטיים, און זיך באַנוגענען מיטן אייגענעם אייניקן ענוועלאָפּ...

---

# אַ וועלט־אידעע

עס איז געווען שפּעט אין נאַכט...

אין דיכטערס הויז איז געווען שטיל, ווי אין אַ קליינעם טעמפּל. די יונגע פרוי איז שוין געשלאָפן. דער געגנט אַרום איז אויך אנטשוויגן געוואָרן. ווען ניט־ווען האָט זיך דורכגעטראָגן דער גערויש פון אַ טראַמוויי אין אַ ווייטערער גאַס, ווי צו באַטאָנען מער נאָך די גרויסע שטילקייט.

וועגן שלאָפן האָט דער דיכטער ניט געטראַכט. ער איז געווען ווי אויסגעטאָן פון אַלע אידעען און מאָטיוון.

און דערפאַר איז אים אומעטיק געוואָרן. עס איז געווען די העכסטע צייט צו גיין שלאָפן. אָבער דער געפיל פון אומעט איז אים טייערער געוואָרן פאַרן שלאָף.

דאָס איז דער אומעט, וואָס זאָגט צו גרויסע פרייד...

ער האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטער.

„ווי שטיל!" האָט ער אַ מורמל געטאָן. געטראַכט, אַז אַזאַ שטילקייט האָט געמוזט הערשן איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן:

און מער איז ער שוין ניט געווען אומעטיק... עס האָט אים באַהערשט די אידעע און די גרויסע פרייד פון שאַפן.

— אַ וועלט־אידעע! — האָט ער אויסגערופן צו זיך אַליין.

ער האָט מיט גרויס אויפרעגונג געכאַפּט דאָס פּאַפּיר, די פעדער, די טינט.

ס'איז דאָ...

שנעלער, שנעלער! אַזאַ אידעע מוז געשאַפן ווערן אין איר ערשטן פלאַם... קילט זי אָפּ, שטאַרבט זי!...

ער האט אליין צו באשאפן די וועלט-אידעע: פאפיר, פעדער, טינט און די גרויסע שטילקייט...

ער האט גענומען זוכן די סיגארעטן...

ער האט געעפנט דאס קעסטעלע... שנעל איבערגעציילט און איז באפאלן א גרויסע אומרויקייט.

אינגאנצן אכט שטיק!

נאך זיין רעכענונג דארף די „וועלט-אידעע" פארצערן מיני-מום א צען שטיק.

בייס שאפן רויכערט ער זייער פיל. עס איז א געפאר אנצוהייבן...

ער וועט בלייבן אין סאמע מיט פון דער וועלט-אידעע, און רויך, און דער פלאם פון דער באגייסטערונג וועט זיך אויסלעשן.

ער קען זיך שוין...

דאך האט ער זיך אנידערגעזעצט צום שרייב-טיש.

וואס שטארקער דער געדאנק האט אים געיאגט, אלץ שטארקער האט ער געצויגן דעם רויך פון ווייסן, זיך פארצערנדיקן סיגארעט...

ביז דאס קעסטעלע איז געבליבן ליידיק...

ער האט נאך אבער ניט פארענדיקט די וועלט-אידעע.

עס האט אים בלויז אויסגעפעלט איין סיגארעטל.

די וועלט-אידעע איז געשטאנען אין גרויס געפאר...

ער האט זיך געלאזן איבער די צימערן ארומזוכן שטיקלעך פון סיגארעטן, וואס ער לאזט אמאל איבער.

ניטא... אין ערגעץ ניטא...

און דער געגנט איז אזא שטילער... ער זאל זיך אפילו באשליסן לאזן דערווייל די וועלט-אידעע און ארויסגיין אין נאכט זוכן סי-גארעטן, איז אומזיסט זיין גאנג... איבעראל איז פארהאקט און פארשלאסן.

לאזן, ווידער, די ענדע פון דער וועלט-אידעע אויף מארגן איז א סכנה, מארגן קען די באגייסטערונג אינגאנצן ניט קומען, ווי עס האט מאנכעס מאל שוין פאסירט...

ער האט ווידער געזוכט פארצווייפלט רעשטלעך פון סיגא-רעטן, וואס ער ווארפט אמאל פארשווענדעריש אוועק.

און דאָ פילט ער, ווי די ענדע פון דער וועלט־אידעע הייבט אן צו קילן.

אַך, אַ ביסעלע רויך....

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ליזע, זיין יונגע פרוי, ווייס שוין זיין שוואַכקייט, אַז ס׳פעלט אים אַמאָל אויס ביים שרייבן סיגאַרעטן, און אַז זיי גייען ביי אים גראָד אויס, דאַן ווען ער דאַרף זיי נייטיק. דערפאַר, אַז זי געפינט אין הויז אַ סיגאַרעט וואַלגערט זיך ערגעץ, באַהאַלט זי עס. זי האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געראַטעוועט אויף אַזאַ אופן.

ער האָט זי געוועקט:

– ליזע!

זי האָט זיך גלייך אויפגעוועקט, זיך אַנידערגעזעצט און אים אַנגעקוקט פאַרוואונדערט:

– שלאָפסט נאָך ניט?...

– ניין... איך האָב אַ וועלט־אידעע צו פאַרענדיקן... האָט ער, אַן אויפגערעגטער, געמורמלט...

– נו, פאַרוואָס־זשע ענדיקסטו ניט און גייסט ניט שלאָפן?...

– איך קען ניט... – האָט ער שוין אויסגעקרעכצט – מיר פעלט אויס איין סיגאַרעטל... אפשר ווייסטו ערגעץ, וואו ס׳ליגט אַ שטיקל כאַטש...

– ניין... – האָט זי מיט באַדויערן אָפּגעזאָגט.

– אַך, איך בין פאַרלאָרן! האָט ער געקרעכצט.

– און מאָרגן וועסטו ניט קענען ענדיקן? – האָט די יונגע פרוי, אינגאַנצן וואַכנדיק וואָך, געפרעגט מיט גרויס אַנטייל.

– מאָרגן איז זי פאַרלאָרן... עס איז אַ וועלט־אידעע! איך מוז זי שוין ענדיקן... איך ציטער אינגאַנצן פאַר אויפרעגונג...

– אָרעמער! – האָט די יונגע פרוי געשמייכלט, און אַרויפהאָפנדיק אויף זיך די „קימאָנאָ" און אָנטועַנדיק די שטעקשיך, איז זי אַוועק צו איר טואַלעט־שאַכטל זוכן.

– דו האָסט דען? – האָט ער אַ גליקלעכער אויסגערופן.

– איך האָב... – האָט זי אומציפרידן געמורמלט. – אָבער ווען דו קענסט זיך באַגיין אָן איך וואָלט בעסער געווען...

— פּאַרוואָס?... — האָט ער זי אָנגעקוקט.

— דאָס איז דאָס לעצטע סיגאַרעטל, וואָס איך האַלט אַלץ אָפּ צום אָנדענק. פון די ערשטע טעג פון אונזער באַקאַנטשאַפט. געדענקסט, האָסט מיר אַמאָל אין אַ רייכן רעסטאָראַן געקויפט בײַ דער סיגאַרעטן-פאַרקויפערין אַ שיין קעסטעלע מיט פּאַרפומירטע סיגאַרעטלעך... איינעם האָב איך דאָן אויסגערייכערט... אַכט האָסטו שוין אויסגערייכערט אין פאַרשיידענע שפּעטע אָוונטן, ווען די סיגאַרעטן זיינען דיר אויסגעגאַנגען... דעם לעצטן האַלט איך זייער טייער... אָבער אַז דו זאָגסט „אַ וועלט-אידעע"... וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר?... און זי האָט איראָניש געשמייכלט...

זי האָט אַרויסגענומען פון אַ שיין פּאַפּירן קעסטעלע דאָס לעצטע סיגאַרעטל.

דער דיכטער האָט עס מיט ציטערדיקע הענט גענומען...

נו, גיי און פאַרענדיק די וועלט-אידעע — האָט זי געשמייכלט.

דער דיכטער איז אָבער געווען אַזוי איבערראַשט פון דער אַנטדעקונג, פון דעם, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אָפּגעהיט די לעצטע מתנה, אַז ער האָט ניט געוואַגט.

— ניין, איך קען עס ניט אָננעמען! — האָט ער געשמייכלט...—

עס איז מיר אַ שאָד, אַז דיין ערינערונג זאָל אויסגיין מיט רויך...

— און די וועלט-אידעע?...

— הם... — האָט דער דיכטער זיך פאַרטראַכט, — די וועלט-אידעע??!

און שמייכלענדיק צו זיין יונגער פרוי, האָט ער געענטפערט:

— איך האָב שוין איצט אַן אַנדער וועלט-אידעע...

— אַזוי שנעל געענדערט! — האָט די יונגע פרוי געלאַכט... — וואָס פאַר אַ אידעע וועט דאָס זיין...

— ס'איז די איבּיקסטע וועלט-אידעע — האָט דער דיכטער זיך פאַרטראַכט, און נאָך אַ קליינער פּאַוזע האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— דאָס איז ליבע.

— ווירקלעך? — האָט זי די יונגע פרוי געחנדלט — גלויבסט נאָך אין ליבע?...

— יז האָסט מיר איצט געמאַכט נאָך מער צו גלויבן.

— אויב אַזוי, פּרויך איך שוין ניט דאָס סיגאַרעטל — האָט זי געלאַכט. — גיי און פאַרענדיק די וועלט־אידעע...

ער האָט גענומען דאָס סיגאַרעטל, עס אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט און גענומען עס אין מויל און דאָרשטיק פאַררויכערט.

— גיב מיר בלויז איין ציי! — האָט זי זיך תּנעודיק געבעטן.

— געוויס...

דער סיגאַרעט איז אויסגערייכערט געוואָרן בשותּפות.

איבערן צימער האָט זיך אויפגעהויבן אַ קליין וואָלקנדל רויך און איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן.

אָבער אין דעם דיכטערס האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן אַ נייער פלאַם.

# דער מאן אויף דער שטעלע

(א בילד)

אויפן קוק איז מר. מאיערס געווען אַ גליקלעכער און צופרידענער מענטש. געגאנגען שטענדיק ריין און זויבער געקליידט, מען קאן זאגן, אפילו עלעגאנט, כאטש ווען מען זאל זיך גוט צוקוקן, וואלט מען דערקענט, אז די קליידער, וואס ער טראגט, זיינען געקויפט מיט א לאנגער צייט צוריק. ווער רעדט דער ווינטערמאנטל איז שוין אזוי לאנג געקויפט, אז דער פאסאן איז שוין אויך ווידער אריין אין מאדע... אבער דאס באמערקט דאך קיינער נים. אויב מאיערס קאן זיך נים דערלויבן צו קויפן אפט אנצוגן און מאנטלען, דערפאר לאזט ער זיי אפט איבערפרעסן, און דאס פרעסן „טוט זייער גוט" זיינע לאנג-געקויפטע בגדים. איבערהויפט א צוויי־דריי טעג נאכן פרעסן האלטן זיי אן די באניינג און נאכדעם ווידער צום פרעסער.

דערפאר, אז מר. מאיערס פלעגט אינדערפרי ארויסגיין פון זיין הויז און דורכגיין די עטלעכע בלאקס, וואס פירן צום „על" — האט אים יעדער באגריסט ווי א פארמעגלעכן און בכבודיקן מענטשן. די באגריסונגען זיינען געווען לויט אט דעם סדר: דער מאן פון פרוכט-געשעפט; דער גראסערי-מאן אדער זיין ווייב, עס האט זיך געווענדט ווער פון זיי איז גראד געשטאנען ביים שוועל פון קראם; דער סטיישאנערי-מאן, דער לאונדרי-מאן, דער בארבער, דער מאן פון אייזן-געשעפט און נאך אייניקע. דאס זיינען געווען אלע די, ביי וועמען מיסעס מאיערס האט אויסגעגעבן דאס געהאלט, וואס ער, מאיערס, האט באקומען יעדן מאנטאג אין אן „ענוועלאפ", און באקומען האט ער עס דערפאר, ווייל ער האט אלע טאג, זעקס טעג אין דער וואך, אויפגעשטאנען זיבן א זייגער

אינדערפרי און געקומען האלב נאך ניין אין אפיס, וואו ער איז געווען א בוכהאלטער, געפירט די גרויסע געשעפטן פון דעם רייכן מר. פומפיק...

די באגריסונגען, וואס מר. מאיערס האט באקומען, זיינען געווען אויפן פריינדלעכסטן אופן, און קיין שום זייטיקע כוונות און צילן, בלויז דערפאר, וואס מר. מאיערס איז זייער א פיינער מענטש, און זיין פרוי, מרס. מאיערס, איז אן אייגענעמע פרוי; זי איז טאקע א גוטע „קאסטימער“, דינגט זיך ניט, ווי אן אנדערע קארגע ווייבל, און גאט זאל איר און אים טאקע העלפן.

מאיערס פלעגט זיי צוריק באגריסן נאך פריינדלעכער און מיט א געוויסן שמייכל, אין וועלכן עס האט זיך אפשר אויסגעדריקט א מין ליידן, וואס די באגריסער האבן עס, איבעריקס, ניט באמערקט. פארקערט, דער דאזיקער שמייכל האט צוגעגעבן מאיערס געזיכט נאך א מער אייגענעמען אויסדרוק. אזא ליבן, אזא מענטש-פריינדלעכן.

אבער אז ער פלעגט זיך באפרייען פון די צוויי-דריי נאענטסטע בלאקס און קומען שוין אויף דעם בלאק, וואו עס האט זיך אנגעהויבן פרעמדע טעריטאריע, איז שוין זיין שמייכל פארשוואונדן. א זיפץ, א טיפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסן פון זיין הארץ.

— עך, עך, — פלעגט ער טראכטן — אט די מענטשן, ווי וואלטן זיי דיך אנגעקוקט, ווען דו, למשל, אין א שיינעם פרי-מארגן פארלירסט דיין שטענדיקע שטעלע און זוכסט זיך אפ א נייע שטעלע א האלב יאר און דו גיסט זיי גארניט צו לייזן, אדער דו דארפסט ביי זיי בארגן...

— עך, עך!...

דערפאר האט ער זיך גליקלעך געפילט אויף די ווייטערע בלאקס, וואו מען האט אים שוין ווייניקער געקענט. שוין פרעמדע מענטשן, און ער גייט זיי ניט אן און קיין גוט-מארגן זאגן זיי אים טאקע אויך ניט. ס'איז גוט אזוי. דא פילט ער זיך פריי;

* * *

אין אָפּיס האָט ער געדינט טריי. ניט ווי אַ קנעכט, נאָר ווי אַ פריינד. און אַז ער וויל, איז דאָס גאָר זיין אייגן געשעפט. עס גייט איב לחלוטין ניט אָן, וואָס דער מר. פּומפּיק מאַכט אַ פאַרמעגן. דעם באַלאַנס מאַכט ער איינמאָל אַ יאָר. און דעמאָלט זעט ער טאַקע, אַז דאָס געשעפט מיטן פּראָפיט געהערט צו מר. פּומפּיק. איז דאָס אָבער בלויז אַ ציפער אין דעם דיקן בוך. דאָס בוך אָבער איז זיינער, מאַיערס. ער פירט אים, ער באַהאַלט אים אַלע פאַרנאַכט אין דער אייזערנער קאַסע און נעמט אים אַלע אינדערפרי אַרויס, ווי אַן אייגענע, אַ נאָענטע זאַך...

דערשרעקן דערשרעקט זיך מאַיערס בלויז דאַן, ווען מר. פּומפּיק איז אין אַ שלעכטער לוינע. עס פּאַסירן אַזעלכע טעג זייער אָפּט. ער קאָן אַריינקומען אין אָפּיס און אַוועקגיין אָן אַ גוט־מאָרגן און אָן אַ גוד־באַי.

דעמאָלט ערשט דערפילט מאַיערס, אַז דער געשעפט איז טאַקע מיסטער פּומפּיקס און אַז ער איז נאָר אויף אַ שטעלע ביי אים, און גאָט זאָל היטן, ווען מיסטער פּומפּיק זאָגט אים אַמאָל אָפּ...

מר. מאַיערס האָט ניט קיין איין דאָלאַר אָפּגעשפּאָרט.

און נאָך אַזאַ שלעכטן טאָג, ווען מאַיערס גייט אַ היים און קומט אַריין אין די פּאָר נאָענטע בלאָקס און עס הייבן זיך ווידער אָן די קעפּ־נייגונגען פון די פרוכטהענדלער, גראָסערי־מאַן און סטיישאָנערי־מאַן, און די איבעריקע — באַפאַלט אים אַ פּחד.

— עס קאָן דאָך קומען אַ טאָג, ווען די אַלע גוטע, איידעלע מענטשן וועלן דיך ניט דערקענען...

און ביי אַזאַ געדאַנק איז אים שווער זיי צוריק צו ענטפערן, און ער באַמיט זיך זיי אויסצומיידן.

דאַמאָלסט קומט ער אַהיים אַן אומעטיקער, טוט אויס פאַרזיכטיק דעם מאַנטל און באַטראַכט אים מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. מיסעס מאַיערס גייט אים אַנטקעגן און דאָס יינגסטע קינד לויפט נאָך:

— נו, מאַיערס, וואָס טוסטו דאָ? — שמייכלט זי.

— אָט איך קוק אויפן מאַנטל. ער איז נאָך גאָר נישקשה...
הא, וואָס זאָגסטו.

נאָר דאָס קינד כאַפּט זיך גלייך קריטיקירן:

– ניין, פּאַפּעלע, דיין מאַנטל איז שוין ווידער אַלט, גיב אים אויספּרעסן.

– יאָ... שמייכלט ער צוריק – דאָס קינד איז גערעכט – מען דאַרף אים געבן אויספּרעסן.

און ער גיט דאָס קינד אַ גלעט אין בעקעלע. דערוויל דערהערט זיך אַ קלינגען אין טיר.

די טיר עפנט זיך אויף און עס קומט אַריין דער פּרוכטמאַן מיט אַ קויש פון פאַרשיידענע גרינסן.

ער בלייבט שטיין אין האָל און וואַגט ניט אַריינצוגיין צו מר. מאַיערס טיפער אין די חדרים...

מר. מאַיערס וויל אים אַריינרופן, אָבער מיסעס מאַיערס טוט עס פאַר אים...

זי גראַבלט זיך אין איר פּאַקעטבוך און נעמט אַרויס דאָס לעצטע געלט צו באַצאָלן.

אַז דער פּרוכטמאַן זעגנט זיך אָפּ גבנעדיק, ווענדט זיך מאַיערס צו זיין ווייבל:

– מען מיינט, אַפּנים, אַז מיר זיינען גבירים... האָ?

– יאָ... – שמייכלט מרס. מאַיערס צוריק – איך גיב נאָר אַ באַשטעלונג, ברענגט מען גלייך אין שטוב אַריין...

דאָס דערשרעקט נאָך מער מר. מאַיערסן. דאָס ברוגזע, בייזע געזיכט פון זיין באָס, מר. פּומפּיק, מאָלט זיך פאַר זיינע אויגן אַלץ בולטער און בולטער...

# די אויפשריפט

נאָך אַלע צופעליקע גליקן און לייכטע ערפאָלגן, וואָס מירן האָט געהאַט אַלס שיינער אומפּאַרהייראַטער יונגערמאַן און איבערהויפּט אַלס באַקאַנטער מאָלער, וועמעס בילדער עס זיינען ניט נאָר אָנערקענט געוואָרן, נאָר פון צייט צו צייט אַפילו פאַרקויפט געוואָרן ביי מאַנכע אויסשטעלונגען — נאָך אַלע גליקן און ערפאָלגן פלעגט ער ענדלעך בלייבן איינזאַם און אָפט ניט האָבן מיט וועמען צו פאַרברענגען זיין פרייע צייט, ווען ער איז ניט געשטימט צו אַרבעטן. אָבער ניט געשטימט צו אַרבעטן איז ער געווען טאָקע דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפילט איינזאַם, און עס איז נישט געווען, ווער און וואָס עס זאָל אים באַגייסטערן, אָנצינדן, אויפריכטן.

אַ ראַפינירטער, מיט אַן אויסגעפיינערטן געשמאַק, סיי אין באַצוג צו קונסט, סיי אין באַצוג צו מענטשן, האָט ער קיין ברייטע באַקאַנטשאַפט ניט געהאַט. דער קרייז, וואו ער האָט זיך אַרומגעדרייט, איז געווען קליין און אויך אין דעם קליינעם קרייז האָט ער זיך ניט געפילט מיט אימלעכן, צי מיט איטלעכער היימיש.

די לעצטע צייט האָט ער זיך ביי אַ קליינער „פּאַרטיע" באַקענט מיט אַן אינטערעסאַנטער מיידל. זי האָט גראָדע געהערט צו יענעם טיפּ פרויען, צו וועלכן מירן האָט שטענדיק געהאַט אַ נייגונג, — אַ שלאַנקע, מיט אַ לענגלעכן געזיכט און נאַכגיביקן אויסדרוק אין די גרויסע פאַרבענקטע אויגן. אויסריידנדיק מיט איר אינגאַנצן עטלעכע ווערטער, אין פאַרלויף פון אָוונט, וואָס איז איבעריקנס דורכגעגאַנגען רויִק און פריילעך — האָט ער זי ענדלעך פאַרלאָרן. ער האָט אַפילו ניט געוואוסט ווער איז מיט איר געקומען, און ניט באַמערקט, ווער עס האָט זי אַוועקגענומען אַהיים.

איר געשטאַלט האָט פאַר אים אין אומבאַשטימטע פאָרמען, שאַטנהאַפט געשוועבט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט אין דער

צייט אָנגעוואָרפן עטלעכע עסקין, וואָס האָבן איבעריקנס ניט געהאַט צו איר קיין ענלעכקייט. אין די דאָזיקע עסקין האָט ער בלויז אויסגעגאָסן זיין בענקשאַפט צו יענער, וועמעס נאָמען ער האָט אפילו ניט געהערט.

אין ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צו אים געקומען דער מאָלער קאַלין, אַ הויכער בחור, מיט גרויע, אויסדרוקלאָזע אויגן, מיט אומגעלומפּערטע הענט און האָט אויסגעדריקט מיט איבערגעטריבענער התפּעלות זיין באַגייסטערונג וועגן מירינס אַרבעטן, איבערהויפּט וועגן איינער פון די אָנגעוואָרפענע פּרייען-קעפּלעך, האָט ביי מירינען גלייך פאַרלאָרן דאָס דאָזיקע בילד זיין ווערט, און ער האָט זיך אָנגערופן ווי צו-להכעיסדיק:

– מיר געפעלט עס דווקא נישט...

– אַך, וואָס רעדט איר — איז קאַלין אויפגעשפּרונגען און געדרייט מיט זיין גרויסן קאָפּ, אויף וועלכן די געדיכטע צעשויבערטע האָר האָבן זיך געוואָרפן אין אומאָרדענונג – וואָס רעדט איר? – דאָס בילדל איז דאָך אַ מייסטערווערק... ווען איך האָב געלט, קויף איך עס ביי אייך...

– נעמט עס אייך אָן געלט! — האָט מירין מיט גרינגשעציגונג געזאָגט.

– אָ, איר שענקט עס מיר... איך בין אייך זייער דאַנקבאַר... זייער...

און נעמענדיק דעם קאַרטאָן אין ביידע הענט, מיט אַ איבערגעטריבענער ליבשאַפט און פרייד, האָט קאַלין זיך גענומען בעטן:

– שרייבט נאָך עפּעס אָן... שרייבט, אַז עס איז אַ מתנה פון אייך.

מירין, וואָס האָט געקוקט שטענדיק אויף קאַלינען מיט ביטול און געוויסן רחמנות-געפיל און וועמעס אַרבעט ער האָט אין האַרצן שטענדיק אויסגעלאַכט – האָט גרייסמוטיק גענומען אַ פּענזל, אַריינגעשטעקט אין אַ געוויסער שוואַרצער פאַרב און זיך גענומען שרייבן...

– שרייבט עפּעס אַ גוט וואָרט — האָט זיך קאַלין געבעטן.

און מירין האָט אָנגעשריבן: „אַ מתנה אַ גוטן פריינד אין קאָלעגע. א. קאַלין... פון ב. מירין“.

אַז קאַלין האָט די אויפשריפט איבערגעלייענט, איז ער אויך אונ־טערגעשפרונגען פאַר גליק. מירינען האָט שוין הנאה געטאָן, וואָס ער קען מאַכן גליקלעך אַזאַ ווייטן מענטשן ווי קאַלין...

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און זיך צערעדט מיט אים, ווי מיט אַ קאַלעגע.

— קענט איר נישט די מיידל, וואָס איז געזעסן אויף דער פאַרטיע — אַ שלאַנקע, מיט בלויע אויגן, אַזאַ פאַרטראַכטע... מיט אַ לענגלעכן פנים... אַ צוריקגעהאַלטענע... מען האָט זי מיר אַפילו פאָרגעשטעלט, נאָר איך האָב פאַרגעסן איר נאָמען. אַ טייערע מיידל.

— ווער קען עס זיין? — האָט קאַלין שפּוניק פאַרקנייטשט דעם שטערן. שלאַנקע מיידלעך זיינען דאָרט געווען עטלעכע... בלויע אויגן אויך... איינע, מיס לוריע, איז מיינע אַ באַקאַנטע... זאָל עס זיין זי? אויב די — האָט איר אַ גוטן געשמאַק... כי־כי־כי — האָט זיך ענדלעך קאַלין צעלאַכט — מיר „געפעלט" זי אויך... אָבער וואָס־ווען? איך האָף ניט אויף ערפאָלג.

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט און גענייער באַטראַכט דאָס בילד מיט דער אויפשריפט.

און אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער מיט דער מתנה און איבערהויפּט מיט דער אויפשריפט פון דעם באַקאַנטן, אַנערקענטן מירין, איז קאַלין, מיטן בילד אונטערן אָרעם, אַרויסגעפלויגן פון מירינס סטודיע.

* *
*

דאָס צווייטע מאָל האָט שוין מירין געטראָפן דאָס מיידל אויף אַ קאָנצערט. ער האָט זי ביי אַן אַנטראַקט געגריסט און זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט פאַרגעסן איר נאָמען.

— לוריע — האָט זי אויסגערעדט און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

ער האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, אויסדריקן זיין בענק־שאַפט נאָך איר, פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזען. נאָר באַלד איז זי אויסגעוואַקסן לעבן אים קאַלין, אַ גליקלעכער.

אַ באַגייסטערטער. און ווי מורא האָבנדיק צו איבערלאָזן מירינען צו לאַנג אַליין מיט מיס לוריע, האָט ער זיך גלייך געווענדט צו איר:

— דו קענסט זיך, אַלוא, מיט מר. מירין, יאָ?

— יאָ, מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן — האָט זי שטיל געענטפערט.

— אָ, יעס... איר קענט זיך... זייער שיין... און ער האָט זי ווי אַן אייגנטום אָנגענומען פאַר דער האַנט און אָפּגעהיט זי פון מירינס בליקן.

מירין האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם ווי אין אַ קאָמישער לאַגע. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער מוז גיין אויף זיין פלאַץ... מען וועט זיך טרעפן ביים אַרויסגאַנג, נאָכן קאָנצערט...

ביים אַרויסגאַנג האָט ער זי שוין נישט געפונען...

אויך קאַלינען האָט ער שוין נישט געזען. און עפּעס ווי אַן אָפּגענאַרטער, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, איז ער אַוועק אַהיים...

* * *

געטראָפן האָט ער זי אין אַ יאָר אַרום עפּעליק אין דעם אונטערגרונד־באַן. ער האָט זי גלייך דערקענט; אָבער איר אויסדרוק איז געוואָרן געענדערט... די תמימותדיקע שעמעוודיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט איז אינגאַנצן אַריבער.

— מיס לוריע, ווי גייט עס? — האָט זיך מירין אויפריכטיק דערפרייט.

— אַלרייט — האָט זי שמייכלענדיק געענטפערט — איך הייס אָבער נישט מיס לוריע.

— ווי דען?

— מיסעס קאַלין — האָט זי געשמייכלט און האַלב פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איר האָט חתונה געהאַט מיט קאַלינען, איז מירין געוואָרן איבערראַשט און, אָנגעקוקט די שיינע יונגע פרוי, האָט ער אויסגערופן:

— אַך, מיין גאָט! איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט...

– און קאַלין האָט יאָ געוואָגט... האָט זי צווײדײטיק געשמייכלט—
אָבער רעכנט אײך – איז זי אַרײנגעפאַלן אין אַ וואַכעדיקן טאָן –
עס איז אים נישט אַזוי לײכט געווען מיך צו געווינען...

– מיט וואָס האָט ער אײך פאַרט געוואונען?

– מיט אײער מתנה, און איבערהויפּט מיט דער אויפ־שריפט... – האָט זי ווי האַלב טרויעריק אויסגערופן.

און נאָך אַ קלײנער פּויזע האָט זי צוגעגעבן:

– איר דאַרפט וויסן, אַז פון אײך האָב איך שטענדיק גע־טרוימט... אָבער איך האָב נישט געגלויבט, אַז מיר זאָל זײן באַשערט אַזאַ גליק... נו, האָב איך זיך פאַרליבט אין אײערן אַ נאָענטן פרײנד, וועלכן איר האָט געשענקט אַזאַ שײן בילד... דאָס בילד אויף דער וואַנט... קומט אַמאָל צו אינז, זעט איר עס זען.

– זיכער. איך וועל קומען – האָט מירין פײערלעך צוגעזאָגט און האָט איר שמייכלענדיק אַרײנגעקוקט טיף אין די אויגן, ווי מיט דאַנקבאַרקייט.

זי האָט אים אָנגעקוקט צוריק מיט דעם זעלבן שמייכל...
זײ זײנען בײדע געווען גליקלעך און זיך געפילט, ווי בײדע האָבן פאַרלירנדיק געוואונען.

# אין גרים

(מיניאַטור)

דער טעאַטער־קריטיקער, שוין אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן, מיט אַן ערנסט שטרענג פּנים, איז געזעסן אין דער לאָזשע און מיט גרויס קאָנצענטרירונג נאָכגעפֿאָלגט דאָס שפּילן פֿון די אַקטיאָרן אויף דער בינע. דאָס „שטיק" איז געווען אַ לייכטס, אָדער בעסער געזאָגט — אַ לייכטזיניקס. איינער, אַ באַקאַנטער אַקטיאָר, אַ מאַן אין דעם קריטיקערס יאָרן, האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ צעבאַלעוועט יינגל אין אַ רייכן הויז. ער האָט געטראָגן אַ קינדערישן אָנצוג, די הויזן — קורצע, אַזוי אַז עס האָבן זיך אַרויסגעזען די זאָקן. דאָס האָט נאָך דעם אַקטיאָר אין דאָס שפּילן זיינס קאָמישער געמאַכט.

דער טעאַטער־קריטיקער האָט מיט דעם אַקטיאָר גראָד מיט אַ פּאָר טעג צוריק פֿאַרבראַכט אין אַ קאַפֿע־הויז און די טעמע פֿון זייער געשפּרעך איז געווען וועגן דער עלטער, וואָס רוקט זיך אָן אויף ביידן.

און איצט, זעענדיק אים אין דער ראָלע פֿון אַ קליין יינגל, וואָס רעדט קינדישע רייד, מיט אַ קינדערשער שטים, און שפּרינגט און זינגט און לאַכט און מאַכט לאַכנדיק דעם גרויסן עולם, וואָס האָט פֿון זיין שפּילן גרויס הנאה געהאַט, — האָט דער קריטיקער דערפֿילט גרויס רחמנות צו דעם באַקאַנטן אַקטיאָר און זיין בליק איז נאָך ערנסטער געוואָרן...

ער האָט אָבער ניט געוואָלט קאַליע מאַכן די שטימונג פֿון אַקטיאָר, וועלכער האָט צו אים פֿון דער בינע אַלע ווייל אַרויסגעקוקט ווי מיט אַ געבעט, און דער קריטיקער האָט זיך אָנגעשטרענגט אויב ניט צו לאַכן, איז כאָטש צו שמייכלען און דערמיט אַרויסצו־

ווייזן, אַז אויך ער אַמיזירט זיך, סיי מיט דעם „שטיק“ און סיי מיט דעם שוישפּילער, וואָס האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ קליין־ייִנגל...

בײַ פריילעכע, שטאַרק קאָמישע מאָמענטן פלעגט ער דעם שוישפּילער איבעררייסן מיט אַפּלאָדיסמענטן אינמיטן שפּיל, און צוצוגעבן אים מער מוט.

געטאָן האָט עס דער קריטיקער אויס מיטגעפיל צום שוישפּילער, וואָס אויף די עלטערע יאָרן מוז ער זיך נעבעך באַשעפטיקן מיט אַזעלכע חוזקדיקע ראָלן און פאַרשטעלן זיך פאַר אַ קליין נאַריש ייִנגל, אין קורצע הויזלעך...

בײַ איין קאָמישן מאָמענט, ווען דער באַקאַנטער שוישפּילער איז שוין אַריין אין אַזאַ רט און האָט זיך ייִנגלש איף דער בינע געלאָזט שפּרינגען, מיט אַ תמעוואַטן אויסדרוק אויפן פּנים, כּדי צו אַמיזירן נאָך מער דעם עולם, האָט זיך דער קריטיקער פאַרשעמט, ניט געקענט שוין קוקן אויף דער בינע און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט.

אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, האָט ער באַמערקט, אַז בײַ אים אַליין, זיצנדיק אין לאָזשע פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, זיינען אַרויסגערוקט די הויזן, אַזוי אַז עס זעען זיך אַרויס די קאָלירטע זאָקן זיינע; אויך ער, דער קריטיקער, זעט אויס ווי איינער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קליין־נאַריש ייִנגל...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פוס אויפן באָדן, געצויגן אין געהיים די הויזן אַלץ נידעריקער, צו באַדעקן די זאָקן, און זיך פאַרטראַכט.

און אים האָט זיך אַלץ נעדאַכט, אַז ער איז אַליין אויך אַ ייִנגל, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי קומען זען אַט דאָס שטיק מיט די כּלומרשטע קאָמישע סיטואַציעס, וואָס זיינען אייגנטלעך ניט מער ווי אַ שפּיל פאַר קליינע קינדער...

ער אין זיינע יארן, וואס האט גענדאַרפט זוכן סיי פאר זיך, סיי פאר אַנדערע דעם זין פון לעבן, וועט, נאָכדעם, ווי ער וועט קומען אהיים, זיך אוועקזעצן ביים טישל און מיט גרויס ערנסט שרייבן וועגן אַט דעם „שטיק“ אַן אַרטיקל און אפשר נאָך אויסזינגען שבחים צו דעם שוישפילער, וואס האט אַזוי געלונגען געשפּילט...

און באַלד איז דאָס געפיל פון רחמנות, וואס ער האט ערשט געפילט צום עלטערן שוישפילער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפיל פון רחמנות צו זיך אליין, נאָך אַ שטאַרקערן, אַ בייסנדיקערן.

ער האט געוואָלט לאָזן דאָס שטיק אינמיטן און אַנטלויפן, זיך ראַטעווען...

נאר אַט איז געפאַלן דער פאָרהאַנג, דער טעאַטער האט אָנגעהויבן הילכיק צו אַפּלאָדירן. דער פאָרהאַנג האט זיך ווידער אויפגעהויבן און דער שוישפּילער, נאָך אַלץ פאַרקליידט און גרימירט ווי אַ יינגל, איז אַרויס און זיך אַ גליקלעכער, אַ שיינענדיקער, גענייגט פאַרן עולם.

און באַלד האט ער זיך געווענדט מיטן בליק צום קריטיקער.

דער קריטיקער, וועלכער האט זיך שוין אויפגעשטעלט אויף אוועקצוגיין, האַלטנדיק דעם הוט אין דער האַנט, האט שנעל אוועקגעלייגט דעם הוט אויפן שטול און גענומען שטאַרק אַפּלאָדירן, אויסרופנדיק מיט באַגייסטערונג דעם נאָמען פון שוישפילער.

דער שוישפילער האט זיך עקסטרא צו אים גענייגט און אויסגעזען ווי אַ גליקלעך קינד...

האט דער קריטיקער אויף שנעל באַשלאָסן, אַז ער וועט דאַסמאָל אָנשרייבן וועגן אים עפּעס אַזוינס, וואס וועט אים באַלויגען פאַר זיין שפּילן אין אַזאַ ראָלע... און אַ גאַנצער זאַץ האט זיך שוין דורכגעטראָגן אין קריטיקערס קאָפּ:

„מיט זיין שפּיל האט ער אונז אוועקגעטראָגן אין דער וועלט פון קינדהייט און פרייד“...

— טעאַטער איז טעאַטער! — האט ער פאַר זיך אַ מורמל געטאָן, ווי זיך צו פאַרטיידיקן פאַר דעם קומפטיקן אַרטיקל...

און וואַרפנדיק ביים אַרויסגאַנג אַ בליק אין שפּיגל און דערזעענדיק ביי די שלייפן די זילבערנע פאַסן האָר, האט זיך אים

געדאַכט, אַז ער אַליין איז אויך גרימירט... זיין באַקאַנטער, דער שוישפּילער, אין אַ גרים פון אַ יינגל, און ער אין אַ גרים פון אַן עלטערן מאַן. אָבער טעאַטער שפּילט ער אויך...

און באַמערקנדיק דעם עולם אַרויסגיין פון טעאַטער, האָט ער פיל פון זיי באַטראַכט. אַ טייל פון זיי שוין עלטערע זיי ער זעען אויס מיט זייערע נאָך שיינענדיקע אויגן פון באַגייסטערונג ווי גליק־לעכע קינדער, ווי זיי אַליין וואָלטן זיך גרימירט, ווי ערשט דער שוישפּילער...

ער האָט איינעם אַ באַקאַנטן אָפּגעשטעלט.

— נו, ווי געפעלט איך?

— אָט, זיך אַמוזירט אַ ביסל! — האָט יענער געענטפערט און קינדיש־גליקלעך געשמייכלט.

דער קריטיקער האָט אים אָנגעקוקט און אויך אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן.

# אַ מאָדנע מיידל

(עסיי)

די דרייסיק־יעריקע רחל זעט אויס, אַדאַנק איר גוטסקייט און איר פרייען האַלטן זיך, יינגער ווי אירע יאָרן. אַפילו אַן אומבאַקאַנטער מענטש, וואָס רעדט מיט איר דאָס ערשטע מאָל, וועט ניט קיין טעות מאַכן און וועט זי ניט היפּן מיסעס אָנשטאָט מיס, ווי עס פּאַסירט אַמאָל דער טעות מיט עלטערע מיידלעך, וואָס דאָס פּאַרשאַפט זיי גרויס עגמת־נפש. אינערלעך אָבער, איז רחל געווען נאָך עלטער ווי אירע יאָרן. פיל דורכגעלעבט, ערפאַרן, האָט זי שוין אויף אַלץ געקוקט מיט דעם קלוגן שמייכל, וואָס צעשטערט יעדע פּאַרביקע אילוזיע.

פונדעסטוועגן האָט זי געזוכט נייע פריינדינס צווישן יינגערע. אַז זי האָט זיך באַקאַנט מיט דער יונגער יטיינער אין לויסטיקער ענין, האָט זי יענער שוין ניט אַפּגעלאָזט. געגעבן ענין איר אַדרעס און געבעטן, זי זאָל אַרויפקומען צו איר נאָך דער אַרבעט.

עני, וואָס איז געקומען קיין ניו־יאָרק פון דער פּראָווינץ און זיך נאָך געפילט עלנט אין דער גרויסער שטאָט, האָט רחלס פריינדלעכקייט אָנגענומען מיט אָנערקענונג. אייב רחל האָט אַפילו אויסגעזען עלטער פאַר איר, איז זי דאָך אָבער יונג גענוג צו זיין אירע אַ חברטע, און דערצו האָט ענין אונטערגעקויפט רחלס גוטסקייט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

אַריינגעקומען איז דאָס ערשטע מאָל עני צו רחלען פול מיט באַגייסטערונג. אירע אויגן און איר יונג פּנים האָבן אויסגעדריקט גרויס אַנטציקונג. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בוך.

נאָכן באַגריסן זיך האָט זי אויסגעפּראַלט:

— אוי, רחלע, טייערע, לייען איך איצט אַ בוך, איז זאָג איך אייך, אַז זינט איך לעב האָב איך אַזוינס ניט געלייענט.

רחל, אַ פיל באַלעזענע און פון אַ סך ביכער אַן אַנטטוישטע, האָט אַ שמייכלענדיקע גענומען פון עניס האַנט דאָס בוך, אײַפּגעעפנט און איבערגעלייענט דעם טיטל:

— אָ, מאָפּאַסאַנס... האָט זי אַ שמייכל געטאָן — יע, איך האָב עס געלייענט. שוין לאַנג...

— אַ גאַנץ פיין בוך... שיינע זאַכן דאָ, — האָט זי גאַנץ קאַלט געזאָגט איר מיינונג.

— און מיר דאַכט זיך, אַז קיין שענערס איז גאָר ניטאָ. איך בין אַנטציקט. איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן, — האָט עני אין איין אָטעם געריימט דאָס בוך...

„ס'איז אַ מין באַגייסטערונג!" האָט רחל גוטמוטיק געשמייכלט פון איר נייער, יונגער חברטע. זי האָט אָבער ניט געוואָלט צעשטערן איר אילוזיע.

נאָך אַ קליינעם געשפּרעך וועגן בוך האָט עני, ווידער אַן אויפגערוימטע, זיך געווענדט צו רחלען:

— אוי, רחל, מען ווייזט היינטיקע וואָך אויף בראָדוויי אַ בילד, איז דאָס, זאָגט מען, גאָר אַ וואונדער. קומט לאָמיר גיין.

פאַר די צוועלף יאָר, וואָס רחל געפינט זיך אין ניו־יאָרק, האָט זי זיך אָנגעזען אַזוי פיל בילדער אין קינאָ, אַז איר דאַכט זיך שוין, אַז קיין נייע בילדער זיינען שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ און וועלן שוין מער ניט זיין... נאָר צוליב דער יונגער פריינדין וועט זי גיין זען.

אַריינקומענדיק אין דער העל באַלויכטענער בראָדוויי, וואו דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען, איז עני גלייך איבערראַשט געוואָרן.

— אַך, ווי שיין דאָ איז! זעט די פייערן: עפּעס ווי, אַ גרויסער יום־טוב!

— יע, דאָ איז שיין — האָט רחל נאָכגעגעבן דער באַגייסטערטער ענין, און אַליין האָט זי געזשמורעט די אויגן און געטראַכט:

„וויפיל מאָל בין איך שוין דאָ געווען. עס ענדערט זיך גאָרניט, אַלץ די זעלבע שפּרינגענדיקע פייערן".

זיי זיינען אַריין אין דעם טעאַטער. רחל האָט שוין דעם טעאַטער געקענט. איר האָט שוין געדאַכט, אַז ער איז אַלט געוואָרן. זי געדענקט, ווי דער טעאַטער האָט זיך מיט אַ צענדליגג יאָר צוריק אויפגעבויט.

ענִי אָבער האָט זיך באַגייסטערט שוין ביים אַריינגאַנג.

— אַזוי ווי אין אַ חלום! — האָט זי רחלען אַריינגעסודעט אין אויער, און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי פריַיע פלעצער.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט די אוּווערטיורע פון „מאַרטאַ“. רחל האָט שוין די אוּווערטיורע געהערט הונדערטער מאָל.

אָבער ענין האָט די מוזיק אַוועקגעטראָגן אין נייע וועלטן.

— מיין גאָט, ווי שיין! וואָס שפּילן זיי עס, האָ, רחל? מען דאַרף קריגן אַ פּראָגראַם.

רחל האָט געשמייכלט: אַ מאָדנע מיידל.

קומענדיק צוריק מיטן פּראָגראַם, האָט זי אַריינגעקוקט, געזוכט, ענדלעך געפונען.

— „מאַרטאַ!“ — האָט זי געמורמלט אַ גליקלעכע — „מאַרטאַ“, קיינמאָל ניט געהערט... אַך, ווי וואונדערלעך...

אַז דער אָרקעסטער האָט געענדיקט שפּילן, האָט ענִי די ערשטע אין טעאַטער אָנגעהויבן ווילדיק צו אַפּלאָדירן.

רחל איז געבליבן זיצן רויִק.

— וואָס אַפּלאָדירט איר ניט, רחל, האַ? — האָט ענִי רחלען אָנגעקוקט אַ באַליידיקטע.

— עס זיינען דאָ אָן מיר, וואָס אַפּלאָדירן, האָט אָבער גלייך צוליב געטאָן ענין און געשענקט די מוזיקאַנטן אַ פּאָר אַפּלאָדיסמענטן.

ענִי האָט גליקלעך געשמייכלט.

דער טייל פון בילד, וואָס מ'האָט געציינט אויפן לייוונט, איז געווען אַ נייער... לויט דעם שריפטשטעלערס מעלדונג, איז דאָס ערשט פּראָדוצירט געוואָרן דאָס יאָר. רחל האָט דאָס נאָך זיכער ניט געזען. אָבער וואָס ווייטער דאָס בילד האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ באַקאַנטער איז רחלען געוואָרן דער אינהאַלט. זי האָט שוין געוואוסט, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן.

— אַז איר ווילט, ענִי, קאָן איך אייך זאָגן, ווי עס וועט זיך ענדיקן... — האָט רחל געשמייכלט...

— ניין, ניין, זאָגט מיר ניט אויס, איך בעט אייך — האָט זיך ענִי ווי דערשראָקן... און האָט זיך מיט די אויגן איינגעטרונקען אין דעם לייוונט, אין די אויפשריפטן און בילד און די העלדן.

פון טעאַטער איז ענִי אַרויס מיט אַ שיינענדיקן פנים. די אויגן האָבן געלויכטן.

רחל האָט זיך געפילט מיד, אָבער ענִיס פרייד האָט איר אינערלעך געוואַרעמט און געמוטיקט.

— נו, ענִי, געפעלט אייך?

— וואָס הייסט? — האָט זיך ענִי ווי אָנגעצונדן — אַ וואונדערלעך בילד. היינט דאָס שפּילן פון די סטאַרס. און איר פרעגט נאָך, צי עס געפעלט מיר? איך בין אַנטציקט!

* *
*

אין אַ שבת פאַרנאַכט איז ענִי געקומען צו רחלען מיט אַ נייע בשורה: עס איז היינט אַ באַל פון די יונגע סאָציאַליסטן. זי האָט שוין געקויפט צוויי בילעטן...

— רחל, איר מוזט גיין מיט מיר, עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער באַל — האָט זי אויסגעזונגען.

רחל האָט זיך געפילט פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט עטוואָס מיד, און בכלל זיינען איר אַלע באַלער דעריסן געוואָרן. און איבערהויפּט דאָס קומען אַהיים פון באַל אַ אויסגעשעפּטע, אַן איבגעליידיקטע פון אַלע אילוזיעס...

אָבער די יונגע ענִי איז אַנטקעגן איר געשטאַנען אַ ליכטיקע, פול מיט ערוואַרטונגען, גרייט אויף גרייסע גליקן.... און רחל האָט ערשט אַ זייגער צען נאָכגעגעבן און שמייכלענדיק מיט ביטול, זיך דאָך אָנגעטאָן צו גיין אויפן באַל....

דער זאַל, וואו דער באַל איז פאָרגעקומען, איז געווען פול מיט יוגנט. דער אָרקעסטער, אַ רוישיקער, האָט געשפּילט אַ וואַלס. אינמיטן זאַל איז אָנגעגאַנגען דער טאַנץ פון פּאָרלעך. ביי די זייטן האָבן בחורים, יונגע, עלטערע, „אַרומגעפּאַרעט“ אַהים יונגע בליענדע

מיידלעך, אַן איינציקער בחור איז פאַרבייגעגאַנגען ענין, אָנגעקוקט זי, געשמייכלט צו איר און פאַרגעשלאָגן צום טאַנצן.

– איך קען דאָך אייך ניט – האָט ענין ווי אויסגעוואונדן.

– נו, וועט איר מיך קענען... – האָט ער זי נייגעריק אָנגעקוקט.

– ווי שיין איר לאַכט.

– אַזוי, עס געפעלט אייך? און זי האָט זיך נאָך קלינגענדיקער צעלאַכט.

ענדלעך איז זי מיטן יונגן בחור פאַרשוואונדן אין ראָד פון די טאַנצנדיקע. רחל האָט זיי נאָכגעקוקט, געהיט מיט די אויגן.

„זי וועט זיך צו אים..." האָט רחל אַטראַכט געטאָן.

– צוגעקומען איז שוין ענין צו איר מיטן בחור געאָרעמט.

– דאָס איז מיין פריינדין, רחל. באַקענט זיך.

רחל האָט אים, ווי איגנאָרירנדיק אָנגעקוקט.

– איר ווייסט, רחל, ער איז דאָך אַ פּאָעט, – האָט ענין מיט התפעלות זיך באַרימט, באַטראַכטנדיק פון דאָס ניי דעם יונגן בחור.

– אָ, אַזוי... אַ פּאָעט...

און רחל האָט זיך דערמאָנט, אַז דער עלטסטער, פון וועלכן זי איז מיטגעריסן געוואָרן, און טאַקע אויף אַ באַל, איז געווען אַ פּאָעט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

אָבער אין פאַרלויף פון באַל האָט ענין פאַרלוירן ניט נאָר דעם פּאָעט, נאָר נאָך עטלעכע בחורים, מיט וועלכע זי האָט זיך אַמוזירט אין טאַנץ און אין געשפּרעך.

איינער פון זיי האָט איר אַפילו אַ קוש געטאָן.

זי האָט עס, גייענדיק צוריק אַגליקלעכע פון באַל, דערציילט רחלען און פריילעך געלאַכט.

– אַזוי פּלוצלונג! – האָט זי זיך אַנטציקט.

– אַך, ענין, איר זייט אַ מאָדנע – האָט רחל זי גוטמוטיק גע-מוסרט – איר ווערט אַזוי מיטגעריסן.

אָבער באַלד איז איר די מאָדנע מיידל געוואָרן באַקאַנטער און באַקאַנטער. זי האָט שוין געקענט אַזאַ איינע מיט יאָרן צוריק... ווער איז דאָס געווען?

אַך, דאָס איז זי דאָך אַליין געהען אַזאַ...

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עָנ׳ איז ערשט אַלט אַכצן יאָר און זי הייבט ערשט אָן. אַלץ איז פאַר איר ניי און טשיקאַווע...

און ערשט דאַמאָלסט האָט זי ענין ליב געקראָגן, ווי איר פאַר־שוואונדענע יוגנט, ווי אירע שענסטע ערינערונגען.

און זי האָט נאָכגעפאָלגט אין געהיט ענים טריט, ווי זי וואָלט אין איר געהערט דעם אָפּקלאַנג פון איר אייגענער יוגנט...

---

# אַ פֿאָרשלאָג

ניימאַן איז געזעסן אין זיין בתורישן צימער און געוואַרט אויף גאָלדען מיט אומגעדולד, מער ווי די פּאָר פֿריערדיקע מאָל, ווען ער האָט געוואַרט אויף איר קומען, אום דערנאָך ערגעץ צו גיין, פֿאַר־ברענגען דעם אָוונט.

דאָסמאָל האָט ניימאַן באַשלאָסן צו מאַכן איר אַ פֿאָרשלאָג.

דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין געדאַנק נאָך מיט אַ וואָך צוריק, ווען ער האָט גאָלדען געזען אין אַ זייער אינטערעסאַנטן ליכט, סיי פֿיזיש סיי מאָראַליש.

אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט אינערלעכן פֿייער, און ווי אים האָט זיך געדאַכט, מיט ליבעס־לוסט; און אין אַלגע־מיין האָט זי אויסגעזען ווי אַ מאַסקירטע מאַדאָנע... מאָראַליש־זיינען אים געפֿעלן געוואָרן אירע מיינונגען וועגן אַ באַליבטן שריפֿטשטעלער, פֿון וועלכן ער לייענט שוין דאָס צווייטע בוך און איז ממש אַנטציקט. דאָס בוך באַהאַנדלט טאַקע פּראָבלעמען פֿון ליבע. זי, גאָלדע, קען שוין דעם שריפֿטשטעלער פֿון עטלעכע ביכער, און זי האָט גערעדט וועגן אים מיט דער גרעסטער אַנטציקונג.

און נאָכדענקענדיק די גאַנצע וואָך וועגן איר, איז אים יעדן טאָג קלאָרער געוואָרן, אַז זי, גאָלדע, איז די איינציקע, וואָס איז ווערט צו ווערן זיין פֿרוי.

ווי אַזוי? צי אויפֿן מאָדערנעם אופֿן לעבן צוזאַמען אין איין וואוי־נונג, אָדער טאַקע אַריינגיין צו אַ „דזשאַדזש“ (ער האָט טאַקע אַ באַקאַנטן דזשאַדזש...) — וועגן דעם וועט מען שוין דורכקומען נאָך דער ליבעס־ערקלערונג; דער עיקר איז, אַז די פֿראַגע אַליין האָט ער שוין פֿעסט באַשלאָסן.

און כאטש גאָלדע האָט פון איר זייט נאָך מיט קיין איין וואָרט ניט געגעבן קיין אָנצוהערעניש, אַז זי איז ווילִיק איר לעבן צו פאַר־בינדן מיט אים, איז ער דאָך זיכער געווען, אַז זי וועט זיין פאַר־שלאָג אָננעמען מיט גרויס פרייד.

ער שטעלט זיך שוין פאָר, ווי אַזוי זי וועט דאָ בלאַס און דאָ רויט ווערן, און אפשר נאָך אָנמעכטיק פאַלן אין זיינע אָרעמס.

און די דאָזיקע פאַרשטעלונג האָט ביי אים שוין אַרויסגערופן איינגענעמע געפילן און זיין אומגעדולדיקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן.

נאָר אָט האָט מען אָנגעקלונגען. ער איז שנעל אַרויס פון צימער, וואָס איז געווען דער ערשטער פון דער וואוינונג, עפענען די טיר, כדי די ווירטין זאָל ניט זען. ניט חלילה וויל זי וועט שטערן, נאָר אין אַזאַ געהויבענעם מאָמענט וויל ער, אַז קיין זייטיק אויג זאָל זי ניט זען. און אים איז געלונגען. ער האָט גלייך גאָלדען אַריינגעצויגן מיט אַ שטילן פליסטערן אין זיין צימער און גלייך פאַרמאַכט די טיר.

גאָלדע, אַ הויכע שלאַנקע ברונעטקע, מיט גרויסע, אויסדרוק־פולע, שוואַרצע אויגן און ריטמישע באַוועגונגען, האָט זיך אָנ־פאַנגס פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן אויפנעמען פאַרלוירן. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער און אַ פאַרווירטע געקוקט אויף ניי־מאַנען.

— נו, גאָלדע, מאַכט זיך באַקוועם. טוט אויס דעם זשאַקעט און, מיט איין וואָרט, פילט זיך ווי אין דער היים.

אין דעם „ווי אין דער היים“ האָט ער אַריינגעלייגט אַ טיפע כוונה... גאָלדע אָבער האָט די כוונה ניט פאַרשטאַנען, און זי האָט ווי אַ דערשראָקענע זיך אומגעקוקט צו דער טיר.

— פאָלגט איר דאָך ניט... — איז ניימאַן געוואָרן שוין פאַ־מיליערער און זיך גענומען העלפן איר אַראָפּציען דעם זשאַקעט.

— ניין, באַמיט זיך ניט, ניימאַן: מיר וועלן דאָך לאַנג ניט זיצן. מיר וועלן דאָך גיין ערגעץ פאַרברענגען.

— געוויס וועלן מיר גיין פאַרברענגען... — האָט ניימאַן גע־שמייכלט מיט הנאה. — איך וויל אייך אָבער, איידער מיר גייען, איבעררעשן מיט עפּעס...

– איבּערראַשן?... – האָט גאָלדע איִם אָנגעקוקט – מיט וואָס קאָנט איר מיך איבּערראַשן?

– מיט וואָס? – האָט ניימאַן זיך פאַרגעבּרייט צו אַנטדעקן איר דעם גרויסן סוד – נאַטירלעך, ניט מיט אַ רינג, ווי עס פירן זיך די בּאַיס פון פאָלק... איך גלויבּ קוים, צי וואָלט איר אַזאַ רינג געטראָגן.

– וואָס רעדט איר, ניימאַן? איך פאַרשטיי אייך היינט ניט...

דאָ האָט ניימאַן זיך געכאַפּט, אַז ער האָט ניט גענומען דעם ריכטיקן טאָן און האָט זיך אַליין אַ ביסל פאַרלוירן.

אַ ווײַלע האָט צווישן זיי בּיידע געהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט.

ניימאַן האָט זי ענדלעך אָנגענומען פאַר דער האַנט, און קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין, האָט ער געזאָגט:

– איר קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט... איך פיל אַליין, אַז איך בּין איצטער וואונדערבּאַר, אָבּער דאָס קומט פון שטאַרקע געפילן, וואָס לאָזן זיך ניט אַרויסזאָגן...

און אָננעמענדיק זיך מיט מוט, האָט ער, קוקנדיק איר מער דרייסט אין די אויגן, אַרויסגעפּלאַצט:

– גאָלדע, איך האָבּ אייך ליבּ...

– אָט דאָס אַלץ? – האָט גאָלדע זיך צעלאַכט – נו, און דערפאַר זענט איר אַזוי דערשראָקן געווען?...

– עס איז אַ וויכטיקער מאָמענט אין לעבּן, גאָלדע... האָט ער זיך פאַרטיידיקט.

– יאָ, זיכער – האָט גאָלדע נאָך אַלץ געשמייכלט. – אָבּער אייער בּאַגעגענען מיך, אייער האַלטונג האָט מיך איבּערגעשראָקן.ווירקלעך, איך דערקען אייך ניט... געווען אַ פיינער, קלוגער בּאַי, און פּלוצים אַזוי נאַריש געוואָרן.

פונדעסטוועגן האָט זיך גאָלדע דערפילט פרייער, און אפשר גליקלעכער. זי האָט אָנגעקוקט ניימאַנען. פון זיין פּנים איז נאָך אַלץ ניט אַראָפּ דער נאַרישער אויסדרוק. דאָך האָט זי אויסגעטאָן דעם זשאַקעט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אינמיטן צימער.

ער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אין אַן אומבּאַהאָלפענער פּאָזע און זי אָנגעקוקט.

— איז וואס ענטפערט איר מיר, גאלדע?

גאלדע האט זיך א ווײלע פארטראכט און באלד זיך אנגערופן:

— איך וועל אייך זאגן... איך האב מיר די ליבע אנדעריש אויסגעמאלט... עפעס קומט עס איצט ארויס אזוי אומראמאנטיש... עפעס אזוי אומאינטערעסאנט...

נײמאן האט זיך באליידיקט. זיין שטאלץ האט זיך אין אים דער־וועקט.

ער האט געזוכט, מיט וואס צו פארגלעטן זיין פעלער, זיין שוואכקייט.

און ער האט שטיל געשוויגן א ווײלע און באלד זיך געווענדט:

— א, שוין שפעט. איך גלויב, אז מיר דארפן שוין גיין. אלנפאלס, איך מוז שוין גיין. איך זייך שוין צו לאנג אין צימער.

— יא, קומט... האט זי ארויסגערעדט.

ער האט איר העפליך געהאלפן אנטאן דעם זשאקעט, און זיך באמיט ניט אנצורירן זי מיט דער האנט.

דאס האט זיך איבערגעגעבן גאלדען ווי מאשינאל.

— איר זענט ברוגז? — האט זי קאקעטיש שמייכלענדיק אים אנגעקוקט.

— אין קעגנטייל — האט ער צווידייטיק געענטפערט.

— אין קעגנטייל? — האט זי ווידערהאלט ווי מיט פארוואונדע־רונג זיין ענטפער... ס'הייסט, איר זייט צופרידן, וואס איך האב אייך „יא" ניט געזאגט...

— כמעט... האט ער געלאכט.

— גייט שוין, גייט... איר זייט א ווילדער מענטש... האט זי זיך געהנדלט.

— נו, אויב א ווילדער, דארף דאך אייך ניט ארן, וואס איך ציי צוריק מיין פארשלאג, איך מיין, מיין ליבעס־דערקלערונג.

— איר ציט צוריק?... — האט גאלדע זיך שוין בייז געקרימט, איר האט דאך כמעט זיך נאך ניט ערקלערט... זאגט נאכאמאל, איך וויל עס הערן ריײטלעך — האט זי אים אנגעקוקט מיט דארשטיקע בליקן.

– פריילין, איך ליב איך! – האָט ער בלומרשט אַרויסגע־זונגען טעאַטראַליש.

– גייט, איר זייט אַ ציניקער – האָט זי זיך געקלאָגט – זאָגט ערנסט.

– איך קען איצט ניט זיין ערנסט.

– בין איך אָבער איצט ערנסט... – האָט גאָלדע זיך מודה געווען. און נאָך אַ קליינעם שווייגן איז זי צוגעגאַנגען צו ניימאַנען, אים אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש געטאָן...

ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי זיך שוין איינע די אַנדערע געזאָגט „דו". אָבער ניימאַן האָט אַלץ זיך געמיט ניט צו פאַרלירן זיין שטאַלץ...

# די פאַרבלאָנדזשעטע

האַרטמאַן, אַן אינטעליגענטער און ערנסט דענקענדער יונגערמאַן, איז מער געווען גענייגט צו די שיינהייטן, וואָס האָבן זיך געפינען אין דעם גרויסן קרייז פון זיינע באַקאַנטע, אָבער אַלס העפלעכער און גוט דערצויגענער מענטש, האָט ער די געוויינלעכערע און וויניקער אינטערעסאַנטע מיידלעך קיינמאָל ניט איגנאָרירט. פאַרקערט, מיט זיי איז ער צייטנווייז געווען נאָך העפלעכער און אַפילו פריינדלעכער ווי מיט די שענסטע. ער האָט זיך אָבער שטענדיק באַמיט מיט די ניט אינטערעסאַנטע ניט צו אָפט צו טרעפן זיך, וואָס דאָס איז אים ניט אַלעמאָל געלונגען.

ווי גרויס דער קרייז פון די באַקאַנטע איז ניט געווען, זיינען דאָך די פלעצער, וואו מען פלעגט זיך טרעפן, געווען באַגרענעצט, און דערפאַר די געלעגנהייט צו טרעפן זיך זייער אַן אָפטע. די ריכטונגען זיינען ביי דעם קרייז געווען כמעט איינע און די זעלביקע. איז ערגעץ אין אַ האַל אַן אונטערנעמונג פאַר אַ געוויסן נייטיקן צוועק, וואו עס לייענען פאַר באַרימטע שריפטשטעלער, איז סיי דער צוועק, סיי די שריפטשטעלער נאָענט אַלעמען פון דעם קרייז און דאָרטן באַגעגנט מען זיך אַלע. איז ערגעץ אַ קאָנצערט פון אַ פּיאַניסט, וואָס שפּילט אויף אַ נייעם שטייגער, זיינען אַלע פון דעם קרייז בעלנים אויף דעם נייעם מין פּיאַנאָ-שפּילן. טאָמער אַ באַל פון אַ ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע. טרעפן זיך די זעלבע באַקאַנטע אויפן באַל...

און ביי די אַלע פלעצער טרעפט לעאָן צווישן אַנדערע די באַקאַנטע מיידל פעניע, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס צייכנט זיך מיט גאָר ניט אויס. זי פילט זיך איבערהויפּט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע צווישן די אַלע באַקאַנטע, וואו מען זאָל זי ניט טרעפן. האַרטמאַן, ווי קאָרעקט ער באַציט זיך צו אַלע באַקאַנטע, זוכט דווקא ניט צו פיל

פארברענגען מיט דער דאזיקער פעניען. ניט אזוי וואס אים געפעלט ניט איר שיינקייט, ווי איר אומעטיקייט. עפעס מאנט זי שטענדיק מיט די אויגן... אמת, דאס איינציקע, וואס עס איז שיין אין איר, זיינען די אויגן, גרויסע, בלויע. נאר אט דווקא דאס מאנען, די שטומע נאכגעביקייט האט הארטמאן ניט ליב. ער ווארפט זיך מיט איר דורך בלויז מיט צוויי-דריי פראזן און אנטשולדיקט זיך און אנטלויפט צו די אינטערעסאנטערע, צו די שענערע און צו די מוטיקערע מיידלעך...

אבער קוים קערט ער זיך אפ פון יענע, און פעניע וואקסט ווידער אויס פאר זיינע אויגן — אליין. דא ווערט שוין הארטמאן ווייכהארציק. „זי איז זייער עלנט“ — טראכט ער און ער גיט איר א פרעג, ווי א פארזארגטער: „מיט וועמען זענט איר, פעניע, געקומען?

און פעניע דערציילט, אז געקומען איז זי מיט העלענען, נאר זי האט זי אין „קראוד“ פארלארן...

האט שוין הארטמאן אן ארבעט צו געפינען פאר איר העלענען. העלענען אבער איז ניט אזוי לייכט צו געפינען. העלען איז זייער א שיין און לעבעדיק מיידל. איר באקאנטשאפט ציילט זיך אין די צענדליגער. און טאמער געפינט ער זי שוין יא, איז זי אזוי שיין, אזוי אנציענד, אז הארטמאן פארברענגט מיט איר אליין און פארגעסט אינגאנצן אן פעניען...

אמאל אבער געלינגט אים פעניען צו פארזארגן מיט א חברטע צו גיין אהיים, דעמאלט איז יער גליקלעך: אראפ א יאך... וויל באגלייטן פעניען אהיים איז ניט פון די אנציענדע לאסטן פאר אים.

אמאל פאסירט אבער, אז ביים ארויסגאנג ווערן אלע באקאנטע פארלארן, צעשיטן זיך אין די פארשיידנסטע ריכטונגען. הארטמאן קוקט זיך ארום, זוכט עמעצן פון די, וואס זיינען אים נאענט, ערשט — פאר אים שטייט ווי דער עלנט אליין — פעניע..

— פעניע! — איר זייט געבליבן גאר אליין? — בייזערט זיך הארטמאן, אבער און זיין בייזערן זיך איז דא א סך פארזארגטקייט, פאטערלעכקייט. פעניע דערפילט עס. שמייכלט ווי מיט הכנעה און ענטפערט:

— א נאווינע מיר צו גיין אליין אהיים.

— אַליין? איך וועל אייך ניט לאָזן אַליין, איך וועל אייך אָפּפירן.

ער דערפירט זי בלויז ביז דעם בלאָק, וואו זי וואוינט. זי פאַר־זיכערט אים, אַז דער בלאָק איז אַרויקער און ער קאָן שוין זיך אומקערן...

ער דריקט איר די האַנט אויס דאַנקבאַרקייט און בלייבט דאָך שטיין אַכטונג געבן, ביז זי גייט אַרויף אויף די טרעפּ און זי ווערט פאַרשוואונדן.

און האַרטמאַן לאָזט זיך גיין צוריק, ערגעץ אין קאָפּע, זוכן די שיינהייטן, די פריילעכע, די אינטערעסאַנטע.

* * *

און אַט איז האַרטמאַן אַרויס פון טעאַטער, וואו דער גאַנ־צער קרייז האָט זיך געפונען, און זיך געשטעלט וואַרטן אויף איינער אַ נאָענט־געוואָרענער באַקאַנטער מיידל, מיט וועלכער ער איז איינגעטלעך אין טעאַטער געקומען און האָט מיט איר אָפּגערעדט, אין די אַנטראַקטן, צו נעמען זי נאָכן טעאַטער ערגעץ אין אַ לוסטיקן פּלאַץ. געהאָפט האָט ער אויף עפּעס אַ שיינעם גרויסן גליק.

און ער האָט זיך געהיט ניט צו טרעפן מיט קיין אַנדערן, און אַפילו ניט מיט קיין אַנדערער, וואָס זאָלן אים צעשטערן די האָפענונג.

און אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט ער ווידער דער־זען פאַר זיך פעניען. זי איז געשטאַנען אַליין און עפּעס נאָכ־געדענקט.

געשטאַנען איז זי אַפילו אין פּראָפיל. האַרטמאַן איז ניט גע־ווען זיכער, צי זעט זי אים צי ניט... ער האָט שוין גענו־מען זיך אוועקשלייכן פון איר, אָבער פון איין זייט די ניט־פּינקט־לעכקייט פון דער, וואָס האָט אים געדאַרפט דאָ באַגעגענען, און פון דער צווייטער זייט דאָס מיטגעפיל צו דער עלנטער פעניען האָט אים ניט געלאָזט זיך אוועקגנבענען פון איר.

ער האָט שטרענג אָנגערופן זי ביים נאָמען:

— פעניע!

— א, איר, הארטמאן! — האט זי הבנעהדיק געשמייכלט. — איר ווארט אויף עמעצן?...

הארטמאן איז בייז געווארן:

— ניין, איך ווארט אויף קיינעם ניט. וואס שטייט איר דא?

— איך וויים... כ'האב געווארט אויף א חברטע — האט זי מיט א לייכטער איראניע אי מיט באדויערונג געענטפערט; און גלייך צוגעגעבן:

— אבער עס איז שוין קיינער ניט געבליבן, איך וועל שוין גיין אליין...

— אליין, אליין — האט הארטמאן זיך געבייזערט — איר ווייסט דאך, אז איך וועל אייך ניט לאזן אליין. קומט, איך וועל אייך אפפירן.

— אייך איז דאך שווער און ניט אינטערעסאנט, איך וויים דאך...

זי האט אויף אים איפגעהויבן אירע גרויסע אויגן. הארטמאן האט, לויט דערפארונג, אין בליק עפעס דערקענט.

אין אויפגערעגטן מוח האט אים עפעס דורכגעבליצט. ער האט זיך פארוואנדלט אין אן אנדערן.

— ניט אינטערעסאנט, זאגט איר — האט ער אנגעהויבן דיי־פלאמאטיש און אנגערירט זי ביי דער האנט — נו, און אייך? אייך? הא, איך אייך?...

— איר זייט שוין גאר אינטערעסאנט... נאך מער ווי אינ־טערעסאנט.

— פרייט עס מיך — האט הארטמאן זי שוין גענומען אונטער־ארעם און געדריקט צו זיך.

און באלד האט ער ראש א פרעג געטאן:

— איר וואוינט אליין אין א צימער?...

— יא, אליין — האט זי רויק געענטפערט.

הארטמאנען האט די בייזע מחשבה באהערשט שטארקער.

— איך בין א בעלן צו זען אייער צימער — האט ער געזאגט, שוין צוקומענדיק צו איר הויז.

– יאָ, איר קאָנט אַמאָל אַריינקומען, איר וועט זיין אַ גוטער גאַסט – האָט זי פול מיט דאַנקבאַרקייט זיך געווענדט צו אים.

– איך וועל איצט אַריינגיין... אמת, פעניע, – האָט ער איר אַריינגעשושקעט אין אויער.

– ניין, איצט איז אוממעגלעך... אַזוי שפּעט...

ער האָט זי אָנגעקוקט און איז געבליבן איבערראַשט און פאַרחידעט. פאַר אים איז געשטאַנען איינע פון די שענסטע מיידלעך, וואָס ער האָט ווען באַגעגנט. איר בליק איז געווען שטאָלץ און מוטיק, און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי זיין הערשערין...

– פעניע, איר זענט אַזוי וואונדערלעך שיין...

– איך דאַנק אייך, האַרטמאַן, איך האָב עס זעלטן געהערט פון אַ מאַן... אָבער איצט דאַרף איך שוין אַרויפגיין... גוטע נאַכט – און זי האָט אים אויסגעצויגן די האַנט.

– גוטע נאַכט, פעניע, גוטע נאַכט, – האָט ער באַגייסטערט געזאָגט און זי מיט באַוואונדערונג אָנגעקוקט... אַך, ווי שיין זי איז... פעניע! פעניע.

און אויף מאָרגן האָט ער זי שוין אָפּגעוואַרט, נאָר ער האָט זי גראָד ניט געפונען.

ערשט אין אַ וואָך אַרום האָט ער זי געטראָפן אויף אַ פאַרלע־זונג. ער איז גלייך צו איר צוגעגאַנגען, פריינדלעך זי באַגריסט און פאָרגעשלאָגן:

– איך וועל אייך נאָך דער פאַרלעזונג אָפּפירן אַהיים.

– יאָ, זיכער – האָט זי ליבלעך געשמייכלט.

אָבער גראָד דאָס מאָל האָט ער זי ביים אַרויסגאַנג פון זאַל פאַרלאָרן.

ער איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט די אויגן.

– אויף וועמען וואַרט איר, לעאָן?

– אויף פעניען... האָט איר זי ניט געזען?...

– יאָ, געזען... זי איז, דאַכט זיך, אַוועק מיט דייווידן...

און האַרטמאַן האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויף אַן אמת פאַר־בענקט נאָך עמעצן...

# דער שוואַכער צד

### .1

דער בריוו וואָס בערנשטיין האָט באַקומען פונם לענדלאָרדס זון, – אַ לאָיער, וועלכער האָט, איבער זיין לאָיעריי, אויך פאַרוואַלטעט דעם פאַטערס הייזער, ווייל דער לענדלאָרד, מר. בערנאַרד זשאַלקין, איז שוין געווען צו אַלט, – דער בריוו איז געווען געשריבן אין אַ זייער שטרענגן און אָפיציעלן טאָן. דאָס איז געווען נישט קיין געוויינלעכער בריוו, נאָר אַ „לאָיער-לעטער“. דער טאָן איז געווען האַרב און אויפן געזעצלעכן וועג. און דער בריוו איז געווען פול מיט דראָונגען. עס האָט געהייסן, אַז דער טענאַנט מר. בערנשטיין האָט עובר געווען אויפן אַגרימענט צו צאָלן יעדן ערשטן פון מאָנאַט און אַט איז שוין דער „ניינטער“ און ער האָט נאָך ניט באַצאָלט.

און אַזוי ווי דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל; אַזוינס האָט שוין פּאַסירט אין פאַרלויף פון דעם יאָר, זינט בערנשטיין איז אַ טענאַנט אין דעם הויז, נומער 319 – איז ער אים מתרה, אַז מען וועט אים רופן אין געריכט און מען וועט אים געזעצלעך צווינגען אַרויסציען זיך פון די רומס.

בערנשטיין, וואָס האָט שוין גערעכנט די סומע היינט אַרויסצושיקן, האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט באַשלאָסן גיין אַליין צום זון, צום לאָיער, און דערלאַנגען אים אייגנהענטיק דאָס געלט. שיקן מיט דער פּאָסט האָט ער שוין מורא געהאַט, עס זאָל ניט זיין צו שפּעט, וואָרעם מער פעלט ניט בערנשטיינען צו קומען אין געריכט. ער ווייס אַפילו ניט ווי אַ געריכט-הויז זעט אויס, אָבער אים דאַכט זיך, אַז צו מישפּטן זיך איז ער ניט דער מענטש, און ווי גערעכט ער זאָל ניט זיין, וועט ער ניט קאָ-

נען באַווייזן... וואָרעם לויטן קאָנטראַקט איז דאָך טאַקע דער לענדלאָרד און לאַיער גערעכט...

האָט ער מיט אַ כּיוון „צעריבן“ אַ שעה פון זיין ביטאַגיקער אַרבעט און האָט זיך געלאָזן, אַ זייגער האַלב נאָך איינס, מיט אַ קאַר צום לאַיער, מר. זשאַלקין.

דעם גאַנצן וועג איז ער פול געווען מיט שרעק און מיט האַס. לויטן טאָן פון בריוו האָט זיך אים דער לאַיער, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געזען — ווייל די רענט פלעגט קומען מאַגען — זיינע אַ שוועסטער — פאַרגעשטעלט פאַר איינעם פון די שרעקלעכסטע באַשטעפענישן: גרויע קעציש׳ע אויגן, אַ בייזער פּנים, און ווער ווייס, ווי אַזוי וועט ער פון אים אָפּשניידן.

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם ריכטיקן קאָרנער, בערנשטיין איז אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צום הויז, וואו דער דער אָפיס פון לאַיער האָט זיך געפונען.

דאָס איז געווען אַ הויכער און פיל-שטאָקיקער בנין און דער בנין איז באַשטאַנען פון לויטער אָפיסעס. ער האָט געזוכט אויף די גרויסע שילדן, וואָס זיינען געווען אויסגעהאָנגען פון ביידע זייטן אויף די געמאָלטע ווענט, און ענדלעך געפונען דעם אָפיס פון זיין בעל-דבר. ער איז אויפן צוועלפטן שטאָק. עס איז גאָר אַ סכּנה צו אַזאַ גזלן צו קריכן אַזוי הויך...

ער איז פול מיט פּחד אַריין אין עלעוויטאָר, וואו אַ שוואַרצער עלעוויטאָר-באָי האָט אים גלייך געשלעפּט אין דער הויך און ביים צוועלפטן שטאָק געעפנט די טיר און אַרויסגעלאָזט אים מיט נאָך מענטשן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבער אַלע זייטן, איבער לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר אויפן צוועלפטן שטאָק.

בערנשטיין האָט גענומען לעזן די אַלערליי אויפשריפטן אויף די טירן, און ענדלעך האָט ער געפונען אַ באַשיידענע אויפשריפט פון זיין לענדלאָרד און לאַיער.

ער איז אַריין. קעגנאיבער זיין בליק איז געהאַנגען אַ זייגער, וועלכער האָט געוויזן צען מינוט צו צוויי. אין קליינעם, ענגלעכן אָפיס איז געזעסן אַ יונגע מיידל און עפּעס געקלאַפּט מיט די

פינגער אויף אַ שרייב־מאַשין. זי האָט זיך נאָכלעסיק אומגעקוקט און געפרעגט אין ענגליש:

– אייער נאָמען?

בערנשטיין האָט אַ ביסל פאַרשעמט, און אַ ביסל דערשראָקן זיך אַנטפּלעקט מיט זיין נאָמען. דאָס מיידל האָט אַ גוטמוטיקן שמייכל געטאָן און ווי אויסגעזונגען:

– אָ, מר. בערנשטיין, זיצט! ער וועט באַלד קומען...

אַ שטיין איז בערנשטיינען אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן. די מאַש־ניסטין איז אַ גוטע, אַן אידעלע. און זיין אומרו איז שוין קלענער געוואָרן. בערנשטיין האָט שוין גענייער באַטראַכט דעם אָפיס. ער האָט באַמערקט צוויי שראַנקען אָנגעפילט מיט פאַרשטויבטע ביכער, אַזוינע דיקע און שווערע. אַלץ מסתמא וועגן הייזער, לענדלאָרדס און טענאַנטס... אויפן שרייב־טיש זיינען געלעגן אין קופּקעס פאַרשיידענע פּאַפּירן, אַלע געשריבן אויף אַ מאַשין, פּאַפּירן אין אַלערליי פאָרמען און אַלץ אַזעלכע דראָענדיקע, שטרענגע און באַשטראָפנדיקע. צווישן זיי מוז אַוודאי ליגן אַ פּאַפּיר וועגן אים אויך.

ער האָט געטאַפּט דאָס פּעקל געלט אין טאַש און זיך גע־טרייסט. דאָס געלט, וואָס ער האָט געבראַכט, וועט אים פאַרטיידיקן.

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק און געקוקט אויפן זייגער. די מאַשיניסטין האָט פון דער אַרבעט אַרויס אים באַרויקט:

– מר. זשאַלקין וועט יעדע מינוט אָנקומען.

נאָר אָט האָט זיך די טיר געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַ הויכער בלאָנדער מאַן, פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, מיט זייער אידע־לע געזיכטסצוגן, מיט בלויע אויגן, אונטער זיי טונקעלע פאַבן פון אַ שווערער מידקייט...

בערנשטיין האָט אים אָנגעקוקט און איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אויך דעם לאָיערס אַ קרבן. ער האָט דערפילט צו אים אַ מין רחמנות־געפיל און זאָגאַר אים, אומבאַקאַנטערהייט, געגריסט.

דער הויכער בלאַסער יונגערמאַן האָט פריינדלעך צוריקגעענטפערט און איידל געפרעגט:

– ווי איז אייער ווערטער נאָמען?

— דאָס איז מר. בערנשטיין — האָט די מאַשינעסטין געענט־פערט — ער וואַרט שוין דאָ בײַ אַ פערטל שעה.

— אָ, מר. בערנשטיין, — האָט דער יונגערמאַן נאָך פריינדלעכער אויסגערופן און, איבערפירנדיק די האַנט איבערן שוין עטוואָס גע־קנייטשטן שטערן, זיך אָנגערופן:

— נו, זאָגט אַליין, מר. בערנשטיין, וואָס פאַרשאַפט איר מיר אַזוי פיל לייד. איך בין פאַרוואָרפן מיט אַזוי פיל אַרבעט, עס איז אפילו ניטאָ קיין צייט צו עסן און דאָ קומט איר מיט אייער ניט־פינקטלעכקייט און מען מוז אייך בריוו שרייבן און דראָען אייך... ווייער ניט איינגענעם פאַר מיר. האָט איינזעעניש מיט מיר, איך בעט אייך, מר. בערנשטיין.

הייסט עס, אַז דאָס איז ער אַליין טאַקע, דער שרעקלעכער לענדלאָרד און לאַיער, און ער בעט זיך בײַ אים, בערנשטיינען, רחמים...

און בערנשטיין האָט זיך דערפילט אַזוי זינדיק, און אַזוי אומדערפאַרעמדיק קעגן אָט דעם שוואַכן, איידעלן יונגנמאַן מיט די איידעלע געזיכטסצוגן, אַז ער האָט זיך אויפריכטיק, ווי פאַר אַ שוואַכערן פאַר זיך, אַנטשולדיקט:

— עס איז ווירקלעך ניט שיין פון מיר, מר. זשאַלקין, בין היינט אָן וועל איך זיין פינקטלעך.

און ער האָט שוין אַ דרייסטער און אַ שטאַרקער אַרויסגענומען די סומע, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, און אַוועקגעלייגט פאַר דעם פאַרמאַטערטן און מידן מר. זשאַלקין, וואָס האָט פאַרטראַטן זיין פאָטער. דעם אַלטן לענדלאָרד...

מר. זשאַלקין האָט דאָס געלט גענומען מיט אַ מינע, ווי איינער גייט אויפהייבן אַ משא, פויל געציילט, נאַכלעסיק אַוועקגעוואָרפן צוריק אויפן טיש און ווידער גענומען פריינדלעך בעטן זיך:

— פליז, מר.. בערנשטיין, זייט פינקטלעך. איר ווייסט ניט, וויפל צרות איך האָב צוליב אייך. אָט, למשל, וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט דעם געלט. דעם פערטן פון יעדן חודש טראָג איך אַריין אין באַנק אַלע סומען, וואָס מיר נעמען איין פון די טענאַנטס. מ'דאַרף דעפאָנירן פריער, נאָר מיר וואַרטן אויף אייער

סומע, איר פארשטייט. אבער ווי לאנג קאן מען האלטן געלט ביי זיך אין קאסע? נו, וואס זאל איך איצט טאן. אט אזוי לייד איך פון אייך זייער פיל און מוז אייך אזוינע שטרענגע בריוו שרייבן. איך בין ניט קיין גזלן, גלויבט מיר, ווייט ניט קיין גזלן...

נאך דער אויספירלעכער ערקלערונג האט זיך בערנשטיין דערפילט נאך מער פארשולדיקט. ער האט אנגעקוקט דעם בלייכן, מאגערן מר. זשאלקין מיט דעם מידן אויסזען און ער האט זיך ניט געקאנט באפרייען פון א גרויסן געפיל פון רחמנות.

און אגאנצן וועג, פארנדיק צו זיין ארבעט, האט אים דער געפיל ניט אפגעלאזט.

אים האט זיך געדאכט, אז ער האט דארט אין אפים איבער־געלאזט אן אומגליקלעכן, הילפלאזן מענטשן — זיין רייכן לענדלארדס זון...

.2

דער אלטער לענדלארד בערנארד זשאלקין, וועגן וועמען ס'איז אומגעגאנגען א לעגעדנע צווישן זיינע „טענענטס“, אז ער פארמאגט ביי א דריי גאסן הייזער — פלעגט אליין נאך דעם רענט ניט קומען. ניט ווייל ער איז געווען צו גוטהארציק דערצו, אדער צו שטאלץ צו גיין אליין מאנען, נאר ווייל ער האט געהאט איך וועמען זיך צו פארלאזן — זין, איידעמס, טעכטער און שניר, קיין עין־הרע ניט, לרוב. די זין זיינען געווען פון דער פראפעסיע לאיערס, און ווען עס איז געווען טראבעל מיט די טענענטס, האבן די דאזיקע זין, איבערהויפט איינער פון זיי. שוין געוואוסט וואס צו טאן, אז דער טענענט זאל ניט זיין קיין עקשן, — אדער ער זאל צאלן, אדער ער זאל מופן. וואוהין? דאס איז דעם זון, דעם לאיער, ניט אנגעגאנגען. פון זיינטוועגן — אפילו אין דער רייכסטער געגנט, אין דעם גרעסטן אפארטאמענט...

מאנען דעם רענט פלעגט אין דעם הויז קומען די עלטערע טאכטער, א העלע בלאנדינקע, מיט גוטמוטיקע געזיכטסצוגן און מיט גרויסע בלויע אויגן. אין עס איז, אנקוקנדיק זי, געווען א וואונדער ביי מאנכע טענענטס, וואס זיינען געווען מער באאבאכט־

דיק, ווי אַזוי אַזאַ איידעלע פרוי קומט דווקא פונקט דעם ערשטן און נאָך פאַר צען אין דער פרי נאָכן רענט...

טאַמער פלעגט גראַד דעם טאָג ביי מאַנכע טענענטס קיין געלט ניט זיין אָנגעגרייט, און קיין טשעק שרייבן האָט מען אויך גראַד יענעם טאָג ניט געקאָנט, איז זי שוין געוואָרן שטרענגער און אין אירע גרויסע אויגן האָבן זיך שוין אָנגעצונדן פייערלעך, וואָס האָבן ביז געלויכטן, און זי פלעגט שוין וואָרענען:

— מיין פּאַפּאַ וועט ווערן זייער בייז.

און זי האָט כמעט ווי באַפוילן ארויסשיקן גלייך אַ טשעק, ווייל נאָכאַמאָל קומען האָט זי קיין צייט ניט. זי האָט נאָך געגוג הייזער, איבער וועלכע זי דאַרף גיין קאָלעקטן...

דעם טשעק פלעגט מען שוין ארויסשיקן אויפן נאָמען פון לענדלאָרד אַליין, ב. זשאַלקין... דעם ערשטן פולן נאָמען זיינעם האָט ניט יעדערער געוואוסט, און ניט יעדן האָט עס אינטערעסירט. כאָטש צום אַלטן האָט מען אייגנטלעך קיין טענות ניט געהאַט. ער פלעגט דווקא קומען אָדער — ריכטיקער געזאָגט — אריינפאַלן צו אַ טענענט אינמיטן מאָנאַט און פרעגן, צי איז אַלץ אין אָרדענונג. טאַמער האָט מען געענטפערט, אַז ניט, מען דאַרף האָבן אַ „פּלאָמ־בער“, פלעגט ער פאַרקנייטשן זיין אַזוי אויך געקנייטשטן פנים און מורמלען:

— טע־טע־טע... ווי לאַנג, דאַכט זיך, אַז מען האָט געפיקסט...

און אַז מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז געפיקסט האָט מען מיט אַ יאָר צוריק, האָט ער אָנגעקוקט דעם טענענט מיט פאַרשנדיקע בליקן, שוין זיך מער ניט געאַמפּערט און געזאָגט:

— אָלרייט, מירן זען...

און ער פלעגט פאַרשווינדן אויף אַ נאָך לענגערער צייט.

אין דעם באַשטימטן טאָג פלעגט ווידער קומען די טאָכטער מיט די גרויסע בלויע אויגן און מיטן איידעלן אויסדרוק, שטעלן זיך ביים טיר און פאָדערן דאָס אירקע מיט אַ זיסן שמייכל.

טאַמער האָט מען איר ניט געגעבן, פלעגן אירע אויגן זיך אָנ־צינדן און זי פלעגט שטרענג אָנזאָגן:

— שיקט מאָרגן אַרויס אַ טשעק.

און דער טענענט האָט שוין געשריבן אַ טשעק אויפֿן נאָמען פֿון לענדלאָרד: ב. זשאַלקין.

איינמאָל האָט צו די טענענטס דערגרייכט אַ קלאַנג, אַז דער לענדלאָרד איז קראַנק. האָט עס יעדן שטאַרק פֿאַרדראָסן. אַ בעַ־סערער טענענט האָט אַפֿילו אין האַרצן גאָט געבעטן, ער זאָל געזונט ווערן. וואָרעם דער אַלטער בערנאַרד זשאַלקין האָט, לויט זיין אויסזען און לויט זיין ריידן די עטלעכע געציילטע ווערטער, געמאַכט דעם אַיינדרוק פֿון אַ גאַנץ סימפּאַטישן מענטשן.

אָבער די גוטע ווּאונטשן פֿון דעם היב טענענטס האָבן ניט געהאָלפֿן. צי די אַלטקייט ויינע, צי די שטאַרקע פֿאַרקילונג — אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער אַלטער לענדלאָרד איז געשטאָרבן. און די טענענטס האָבן צווישן זיך פֿילאָזאָפֿירט:

— מען שטאַרבט...

און אַן אַנדערער האָט ניט מיט קיין בייזער כוונה, נאָר צוליבן ביסעלע הומאָר, וואָס ער האָט באַזעסן, צוגעגעבן:

— יאָ, אַפֿילו לענדלאָרדס שטאַרבן אויך.

האָט שוין דאָס באַליידיקט די געפֿילן פֿון דעם טענענט בערנשטיין, וואָס איז געווען אַ הומאַנישער מענטש און פֿילאָזאָפֿיש געשטימט, — ווי שוין באַקאַנט איז ער טאַקע געווען פֿון די אומפּינקטלעכסטע צאָלער, — און ער האָט איבערגעשלאָגן:

— וואָס הייסט לענדלאָרדס אַפֿילו אויך?... אַלע ויינען פֿאַרן טויט גלייכע מענטשן...

דאָס איז געווען דעם 28טן פֿון אַ געוויסן מאָנאַט.

דער זעלביקער הומאַניש־פֿילאָזאָפֿישער טענענט, מר. בערנ־שטיין, איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, צי וועט דאָס מאָל אויך קומען די טאָכטער דעם ערשטן. ער איז אין האַרצן געווען זיכער, אַז ניט. זי איז אין טרויער און זי וועט ניט האָבן קיין מוט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אויסנוצן דעם אומגליק און האָט דאָס מאָל דווקא אָנגעגרייט דאָס דירה־געלט צו דעם ערשטן.

און ער האָט טאַקע האַלב געטראָפֿן. געקומען איז די טאָכטער

ניט דעם ערשטן, נאָר דעם דריטן, און מיט אַ שעה שפּעטער ווי שטענדיק – אַ צען מינוט פאַר עלף אין דער פרי.

דערווייל איז אין די צוויי טעג, ניט ווילנדיק, אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל פון דעם געלט... די טאָכטער האָט, ווי געוויינלעך, זיך געבייזערט: אָבער אַזוי ווי זי איז געגאַנגען אין אַ שוואַרצן טרויער־הוט, איז דער כּעס אידער ניט געווען אַזוי בולט.

דער טענענט, וואָס איז געווען געשטימט הומאַניש־פילאָזאָפיש, האָט געזוכט ווערטער צו טרייסטן איר. אָבער זי האָט קענטיק ניט געהאַט צו פיל צייט. זי האָט בלויז געבעטן גלייך מאָרגן אַרויסשיקן דעם טשעק, און איינמערקזאַם געמאַכט, אַז מען זאָל אַזוי גוט זיין ניט שרייבן ב. זשאַלקין נאָר – ד. זשאַלקין, – עס זאָל ניט זיין קיין טראָבל אין דער באַנק.

און ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט מר. בערנשטיין שטי־מונגספול געפילאָזאָפירט פאַר זיין פרוי:

– הערסט, אַ מענטש האָט געלעבט, געלעבט, זיך דערוואָרבן הייזער, פאַרמעגנס און אַז ער איז פאַרשוואונדן, האָט זיך בלויז געענדערט אין איינציקער אות – פון אַ „ב“ איז געוואָרן אַ „ד“...

און בערנשטיין האָט זיך פאַרטראַכט...

# נ י י ע ר  י ח ו ס

(ע פ י ז א ד)

צי באַגעגענען דעם גאַסט, וואָס האָט געדאַרפט קומען מיט דעם צוג צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג, איז באַשטימט געוואָרן הושי׳ק ליוואַי, דער רייכסטער פון די הוסישע יידן אין דער שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער וויטער „סאַוט" (דרום). דער נאָמען פון דעם גאַסט, וואָס האָט געדאַרפט האַלטן דאָ אַ לעקציע, איז ליוואַיען געווען באַקאַנט נאָך פון דער אַלטער היים אין רוסלאַנד, ווען ער, ליוואַי, האָט געהייסן לעווי, איז געווען אַן אַרבעטער און האָט געהערט צום „בונד". איצט איז ליוואַי אַ רייכער מאַן און האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין די אַמאָליקע חלומות. ביים נאָמען פון גאַסט, וואָס דאַרף קומען, איז דאָס פאַרגאַנגענע צוריק אַרויפגעשוואומען אין זיין זכרון. דער גאַסט איז נאָך אַלץ דער זעלביקער קעמפער, וואָס געווען, כאָטש מיטגעגאַנגען מיט דער צייט. און ער, ליוואַי, וואָס? אַ רייכער מאַן געוואָרן, מיט געשעפטן, מיט הייזער און מיט אַ גרויסער, טייערער „קאַר", ווי ער רופט זיין „בעקער"־אַווטאָמאָביל...

האָט ער, פון איין זייט, געוואָלט דעם גאַסט איבעראַשן מיט עשירות. זאָל ער טאַקע זען, וואָס פון אַ היימישן אַרבעטער, אַ קעמפער, קאָן ווערן אין אַמעריקע. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער זיך געשעמט און אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי באַהאַלט מען פון אָט דעם דאָזיקן גאַסט זיין רייכקייט...

איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער וועט טאַקע קומען באַגעגענען דעם גאַסט צו דער באַן אין דער טייערער קאַר, ער וועט אָבער מיטנעמען דעם איינציקן אַרבעטער צווישן זיי, הורוויץ און זיין פרוי, מיט וועלכע מען קאָן נאָך אויסריידן אַ וואָרט פון אַרבעט,

פון „באוועגונג“, רעוואָלוציע און וועגן צווייטן צי דריטן אינטערנאַ־ציאָנאַל... און דער גאַסט וועט כאָטש באַלד ניט דערקענען, צו וועמען ער איז אַריינגעפאַלן. מיט די הורוויצעס וועט ער, ליוואַי, אַליין זיך אויך פילן אָרעמער, רעוואָלוציאָנערער, און צו וועמען דער אויטאָמאָביל געהערט וועט דער גאַסט ניט וויסן.

איז ליוואַי, אָנגעטאָן אין זיין וואָכעדיקסטן אָנצוג, צוגעפאָרן צו די הורוויצעס. געטראָפן האָט ער אין דער וואוינונג בלויז די פרוי. הורוויץ האָט געאַרבעט ערגעץ אין אַ צווייטער גאַס.

מיסעס הורוויץ אַליין, וואָס איז שוין געווען אַ מאַמע פון דער־וואַקסענע קינדער, איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס. ביי די פילע געלעגנהייטן, וואָס איר מאַן האָט דאָ געהאַט זיך אַרויפצואַרבעטן, איז ער אַלץ געבליבן ביי זיין פרעס און שער און נאָדל... דערפאַר איז ער טאַקע געווען דער שטאָלץ פון דעם קרייז, וואו עס האָבן זיך געפונען די געוועזענע אָן האָבן זיך געטוליעט אין די פרייע שעהן איינע צו די אַנדערע, ווי שאָף אין אַ פאַסטעך... איבערהויפּט זי, די ווייב, וואָס אַלע האָבן זי גערופן מיט איר ערשטן נאָמען, חנה, איז געווען איבערגעגעבן דער אידעע, ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן אין דער היים. איבּ איר איז נישט באַשערט צו געפינען זיך צווישן אין אַרבעטער־קלאַס, נאָר צווישן רייך געוואָרענע, ווייס זי אָבער, אַז ער איז נאָך דאָ, ער עקסיסטירט נאָך אין דער וועלט... איר מאַן אַליין, וואָס פלעגט קומען פון דער אַרבעט אַ מידער, פלעגט עס איר דערמאָנען. דערפאַר, אַז ליוואַי פלעגט אַמאָל זיך וועלן אָפּרוען פון זיין רייכקייט, פלעגט ער אַמאָל ביטאָג צופאָרן מיט זיין טייערער קאַר צו די הורוויצעס, אַריינגיין אין דער אָרעמער וואוינונג און כאַפּן אַ געהויבענעם שמועס...

דאָס מאָל האָט ער אָבער צו תנהן זיך באַצויגן מיט מער רעספּעקט, ווי אַלעמאָל. די קליינע וואוינונג מיט די אָרעמע מעבל האָט געגלעט זיין בליק. עס האָט אים דערמאָנט אין די פּראָלעטאַרישע וואוינונגען אין דער היים. און ער האָט זיך יום־טובדיק אָנגערופן:

— איך בין איך, חברטע, געקומען נעמען אין מיין קאַר צו פאָרן באַגעגענען דעם גאַסט...

חנה איז מיט אַ מינע פון געפאַלנקייט און געהויבנקייט צוזאַמען אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַן אַלטן מאַנטל און איז אַרויס.

דערזעענדיק לעבן הויז ליוואַיס גרויסע קאַר, האָט זי זיך פאַרשעמט, אַ שמייכל געטאָן, ווי פאַרשולדיקט, און איז אַריין און זיך אַוועקגעזעצט לעבן ליוואַיען.

ער האָט געגעבן אַ דריי דאָס רעדל און זיך געלאָזט איבער די גרויסע, ברייטע גאַסן פון דער קליינער, ווייטער שטאָט.

ביים דעפּאָ איז ער שטיין געבליבן. חנה איז אַרויס. נאָך איר ליוואַי. צום אָנקומען פון דעם צוג איז נאָך געווען ביי אַ צען מינוט. ליוואַי האָט באַטראַכט חנהן און איז געווען גליקלעך: זי זעט אויס פונקט ווי אַ „חברטע" אין דער אַלטער היים.

און אים איז גלייך איינגעפאַלן, אַז דעם גאַסט וועט ער אַוועקפירן טאַקע צו איר אויף מיטאָג.

— חנה, איר ווייסט, מיטאָג וועט דער גאַסט עסן ביי איך. ווי מיינט איר, האַ?

— נו, געוויס, מיט פאַרגעניגן...

— איר פאַרשטייט, ביי אייך וועט ער זיך פילן היימישער... ביי מיר אין דער היים איז, ווייסט איר דאָך..

חנה האָט שטאַלץ געשוויגן. זי האָט זיך איצט, אין דער מינוט, געפילט באמת רייכער פאַר ליוואַיען...

— אַ, איך ווייס, ער איז זייער אַן איבערגעגעבענער דער אידעע, אַן אידעאַליסט...

ליוואַי האָט פרום אָפּגעזיפצט.

דער צוג איז אָנגעקומען. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אַלערליי פּאַסאַזשירן, עלטערע, יינגערע, מאָגערע און דיקע. חנה און ליוואַי האָבן יעדן באַטראַכט און ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ברונעטן מאַן, מיט שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן באַוואָרנט אין אומרויִק עמיצן געזוכט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ יידישע צייטונג — אַ סימן, אַז דאָס איז ער און מען זאָל אים נישט פאַרביטן; אין דער צווייטער האַנט — אַ קליינעם טשעמאָדאַן, וואָס איז אויך געווען גענוג סימן, אַז דאָס איז דער גאַסט.

חנה האָט טאַקע דערפילט, אַז דאָס איז ער, אַ נאָנטער, אַן אייגענער...

ליוואַי אָבער האָט מיט דרך־ארץ און פּרעמדקייט איר אָנגעקוקט און נישט געוואָגט עפּעס צו זאָגן.

— דאָס זענט איר, חבר — האָט חנה, אַ לויכטנדיקע, זיך געווענדט צום גאַסט און אָנגערופן זיין נאָמען.

— יאָ, איך... איר האָט דערקענט, הייסט עס, נאָך דער צייטונג...

— מען דערקענט שוין אַן אייגענעם סיי ווי סיי — האָט חנה געשמייכלט פריינדלעך.

ליוואַי איז געשטאַנען און נישט געוואוסט, ווי צו האַלטן זיך, וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין „קאַר", וואָס איז געשטאַנען הינטערן דעפּאָ און זיך ענדלעך אָנגערופן:

— קומט פאָרן.

זיי זיינען אַלע דריי אַרויס פון דעפּאָ.

חנה איז אַריין אינעווייניק, נאָך איר דער גאַסט. ליוואַי האָט זיך געזעצט ביים פראָנט און, ווי אַ באַלייידיקטער, גענומען טרייבן דעם גרויסן אווטאָמאָביל.

דער אווטאָמאָביל איז פאַרבײַגעפאָרן די געשעפטס־גאַסן, וואו עס האָט זיך געפונען ליוואַיס גרויסער „סטאָר".

ער האָט אויף דער סטאָר אַ וואָרף געטאָן זיין בליק און האָט דעם אווטאָמאָביל געלאָזט לויפן שנעלער, שנעלער, ווי אין דער מינוט וואָלט ער געוואָלט אַנטלויפן פון אַלע זיינע געשעפטן.

ערשט צופאָרנדיק צו חנהס וואוינונג, האָט ער פרייער אָפּגע־אָטעמט, און איז אַרויס ווי פון אַ געפענגעניש.

מיט זיכערע טריט איז ער אַריין אין דער וואוינונג פון דער אָרעמער חנהן. דער מאַן, הירוויץ, איז שוין געווען אין דער היים.

— טאַקע לכבוד דעם גאַסט געוואָרפן די אַרבעט — האָט ער, ווי יום־טובדיק אַרויסגערעדט.

— וועלן מיר טאַקע אַלע אינאיינעם עסן מיטאָג — האָט חנה, אויך אַ יום־טובדיקע, געמאָלדן — און איר, ליוואַי... איך מיין, חבר ליוואַי, וועט אויך עסן...

ליוואי איז נישט געווען הונגעריק, נאָר צוליב דעם וואָרט „חבר“, וואָס זי האָט אים היינט דאָס ערשטע מאָל גערופן, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם כּבוד צו עסן אַן אָרעמען מיטאָג בּיי אַן אָרעמען פּראָלעטאַריער...

# נאך דער שיידונג

(עטיוד)

די גוטע ווערטער, וואס יעדערן פון דעם יונגן פּאָרל איז נאך דער חתונה אויסגעקומען צו הערן — אים פון יונגע, רייצנדע מיידלעך און איר פון שיינע יונגעלייט — האט זיי ניט נאר ניט געפרייט, נאר אויפגערעגט, גערייצט. וואס קומט שוין איצט ארויס פון די אלע גוטע ווערטער, אז ער, ווי שיין און ווי אינטערעסאנט ער זאל ניט זיין, געהערט שוין צו איר; און זי, ווי רייצנד זי זאל ניט זיין, געהערט שוין צו אים...

פריער, ווען זיי זיינען געווען פריי, איז זיי ניט אויסגעקומען צו הערן וועגן זיך אזוינע גוטע מיינונגען. אסתר פלעגט אויך פריער באקומען א קאמפלימענט פון מאנכן יונגן בחור, אבער ווי נאר זי האט עם אנגענומען ערנסט און זיך געוואלט באקענען נעענטער מיט דעם יונגמאן, איז יענער ווי אפגעקילט געווארן, און באלד האט זי אים שוין געזען מיט אן אנדערער.

אויך יוסף האט פריער קיינמאל ניט געהערט, אז ער איז אזוי אינטערעסאנט. פלעגט אים א מיידל אמאל זאגן א גוטווארט, זיך חנדלען צו אים, איז ווי נאר ער האט געוואלט מיט איר נעענטער ווערן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס מיידל איז דווקא פון אים ניט שטארק אנטציקט, און ענדלעך האט זיך ביידנס ערפאלג אויסגעלאזט דערמיט, וואס יוסף איז אסתרן נאך געטרייער געווארן און אסתר האט דערפילט, אז דער איינציקער, אויף וועמען זי קאן זיך פארלאזן, איז יוסף.

אין אזא מאמענט פון געטריישאפט האבן זיי באשלאסן חתונה האבן.

און ערשט נאך דער חתונה האט זיך אנגעהויבן ביידנס ערפאלג ביי אנדערע, ביי די פריערדיקע באקאנטע.

ווען אסתּר האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אין אַ געזעלשאַפט פון יונגע לייט אָן יוספן, האָט זי באַמערקט די הערצ־ דרינגענדע בליקן, וואָס פאַלן אויף איר. עס האָבן אויך ניט געפעלט געוויסע אָנדייטונגען, פאַרשלאָגן, און אַ דרייסטערער האָט אָפן אַרויס־ געזאָגט:

— אַך, אסתּר, צו וואָס האָט איר אַזוי פרי חתונה געהאַט? איר זייט אַזוי שיין...

— פאַרוואָס האָט איר מיר עס פריִער ניט געזאָגט? — האָט אסתּר ווי אַ ברוגזע זיך געחנדלט.

— פריער... הם... פריער — האָט דער יונגערמאַן געזוכט אַ תּירוץ — פריער האָב איך מורא געהאַט פאַר אייער שטענדיקן באַגלייטער, פאַר יוספן...

— נו, טאָ האָט איצט נאָך מער מורא...

און אַ בייזע האָט זי זיך געשיידט מיטן יונגנמאַן.

זיך געטראָפן אין אָוונט מיט יוספן אין זייער קליינער וואוינונג, האָט זי אים פאַרגליכן מיט יענעם יונגנמאַן, און יוסף האָט אין אירע אויגן פאַרלאָרן.

יוסף, ווידער, וואָס האָט אויך אין גאַס זיך באַגעגנט מיט אַן אַמאָליקער באַקאַנטער מיידל און האָט געהערט פון איר אַזוינע גוטע ווערטער, וואָס ער האָט קיינמאָל, פאַר דער חתונה, פון איר ניט געהערט, איז אויך געווען פאַרבענקט און ניט צופרידן. ער האָט אָנגעקוקט אסתּרן, געזוכט מיטן בליק אין איר יענע שיינקייט, וואָס זאָל אים אָנצינדן, און האָט ניט געפונען. און דער זעלבער צייט האָט זיך פאַר אים געטראָגן די געשטאַלט פון דער מיידל, וואָס ער האָט געזען ביי טאָג... אירע רייד האָבן אים נאָך געקלונגען אין די אויערן. איר שמייכל האָט נאָך אים ערגעץ גערופן...

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט, אסתּר? — האָט ער געזוכט עפּעס צו זאָגן איר און האָט דאָס יונגע ווייבעלע אָנגעקוקט מיט פאַרדראָס.

– איך טראַכט? האַ? איך האָב גאָרנישט געטראַכט – האָט זיך אסתּר ווי דערשראָקן, האָט אַ שמייכל געטאָן און גאַכלעסיק געפרעגט:

– נו, וואָס האָסטו היינט עפּעס אויפגעטאָן?

– אַט, געזוכט פּרנסה – האָט ער אַ שטאָמל געטאָן.

– טאָקע זייער אינטערעסאַנט... – האָט זיך אסתּר ווי געקלאָגט. – איך האָב געמיינט, נאָך דער חתונה וועט זיך ערשט אָנהייבן דאָס אמת שיינע, מיט אַמאָל: פּרנסה געזוכט... ווי אָרעם...

– נו, וואָס קאָן מען טאָן... אַזוי פירט זיך עס... דער מאַן מוז שפּייזן די פרוי...

– ניין, יוסף, איך פאַרלאַנג עס ניט. מיר געפעלט עס ניט...– האָט זיך אסתּר געבעטן. – איך וועל טאָקע זוכן אַרבעט, איך וויל אויף מיר אַליין פאַרדינען. איך וויל ניט זיין אָפּהענגיק פון דיר.

– וואָס, דו האָסט חרטה?... – האָט יוסף געפרעגט און פאַרשנדיק זי אָנגעקוקט.

– חרטה?... איך ווייס... עס געפעלט מיר ניט אַזוי צו לעבן... איך בין נאָך יונג. איך וויל נאָך פריי זיין.

פאַר אירע אויגן האָט דורכגעשוועבט דער יונגערמאַן, וועלכן זי האָט באַגעגנט בייטאָג.

אויך פאַר יוספן האָט זיך דורכגעטראָגן די געשטאַלט פון דער מיידל, וואָס ער האָט באַגעגנט.

נאָך אַ שטילקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן דעם פּאָרל, האָט יוסף זיך אָנגערופן:

– אויב דו ווילסט זיין פריי, קאָנסטו; וועל איך אָבער אויך זיין פריי... האַ? – ער האָט זי אָנגעקוקט און געוואַרט אויפן איינדרוק.

– נו, געוויס... מאָגסט זיין פריי – האָט אסתּר קאַלט געענטפערט. – נאָך מאָרגן נעם איך אַ צימער פאַר זיך...

– ווי דו ווילסט, – איז יוסף באַליידיקט געוואָרן.

* * *

די אַרבעט, וואָס אסתּר האָט געזוכט, האָט זי אין עטלעכע טעג נאָך דער צעשיידונג מיט יוספֿן לייכט באַקומען. נאָך דער אַרבעט האָט זי זיך געפֿילט פֿריי, ווי אַמאָל.

גייענדיק פֿאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, איז זי אַריין אין אַן אומבאַקאַנטן רעסטאָראַן. זי האָט ניט געוואָלט טרעפֿן זיך מיט יוספֿן.

אָבער אויך יוסף האָט מורא געהאַט צו טרעפֿן זיך מיט אסתּרן, און ער איז אויך נאָך זיין באַשטעפּטיקונג אַריין אין וועלבן אומבאַקאַנטן רעסטאָראַן. אָבער אַז ער האָט איר שוין געטראָפֿן, האָט ער זי באַגריסט.

זי האָט אים מיט אַ שמייכל געענטפֿערט.

סיי זיין באַגריסונג, סיי איר שמייכל זיינען געווען ניי פֿאַר ביידן.

– איר קאָנט זיך זעצן דאָ, עס איז דאָ פּלאַץ — האָט אסתּר פֿאַרגעלייגט מיט אַ נייעם שמייכל.

יוסף האָט זיך, אַ פֿאַרשעמטער, געזעצט איר אַנטקעגן.

אין די עטלעכע טעג, וואָס זיי האָבן זיך ביידע ניט געזען, האָבן זיך זייערע דערוואַרטונגען ניט דערפֿילט. דאָס האָבן זיי דערקענט איינע אין דעם אַנדערנס בליקן.

אָבער דאָך האָט יוסף געפֿרעגט.

– נו, אסתּר, ווי לעבט זיך עס אַליין... גוט, האַ?

– און ווי לעבט זיך איך, יוסף?

יוסף האָט זי אָנגעקוקט און זיך שיר ניט צעלאַכט.

– איך גאָר, אסתּר?

– נו, געוויס... מיר זיינען דאָך פֿרעמדע.

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צו איר.

קעגנאיבער אים איז געזעסן אַ יונג, בליענד מיידל.

– אסתּר, טייערע – האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

– שוין גאָר טייערע — האָט זי זיך בייז געוויצלט.

זי האָט אויך אים אָנגעקוקט – קעגנאיבער איר איז געזעסן אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן. איצט איז שטענדיק געווען איר אי-דעאַל...

און זי האָט זיך אָנגערופֿן:

— וועט איר מיך באַגלייטן נאָכן עסן?

— וואוהין דען?

— איך האָב אַ צימער.

— וואו?

זי האָט אָנגערופן די גאַס.

— אָך, אַזוי ווייט — האָט ער געשפּאַסט. — איך זאָג דיר, איך בין שוין אַזוי געפאַלן, אַ ביסל זעלטן נעענטער... דו וועסט פאָרן, אסתּר, צו מיר?...

— צו אַ פרעמדן יונגנמאַן? — האָט זי אים אָנגעקוקט ערנסט.

— אסתּר, ביסט קיינמאָל ניט געווען אַזוי אינטערעסאַנט...

אַרויסגייענדיק פון רעסטאָראַן, האָט ער זי גענומען אונטער אָרעם, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער פירט איצט צו זיך אַהיים דאָס גליק.

אַריינקומענדיק אין זעלבן צימער, וועלכן זי האָט ניט לאַנג צוריק פאַרלאָזן, איז זי אַ פאַרשעמטע געבליבן שטיין אויפן שוועל.

— צינד אָן די עלעקטריע, יוסף — האָט זי זיך געבעטן.

אָבער איידער די עלעקטריע איז אָנגעצונדן געוואָרן, האָט זי יוסף אַרומגענומען און שטאַרק געדריקט צו זיך.

און ביידן האָט זיך געדוכט, אַז זייערע פאַרלאַנגען זיינען דערפילט געוואָרן. און איידער ער האָט ליכטיק געמאַכט, האָט אסתּר אַרויסגעזאָגט:

— איך זע דיך איצט אַן אַנדערן, אַ נייעם.

— און איך דיך אויך אַזוי — האָט ער איר געענטפערט, און זיך ניט געקאָנט גענוג אָנקוקן אויף איר שטראַלנדיקן געזיכט...

# הײנטיקע גרינע

אז עס איז געװארן פרײ דער װעג צו שיקן פעקלעך אין געלט קײן אײראפע, האט נײטען ערשט זיך דערמאנט אן זײן משפחה אין דער הײם: צום גליק איז פון זײן משפחה אין דער הײם געװארן בלױז אײן אנקל, װאס איז, לױט זײנע בריװ, שטארק פאראָרעמט געװארן, און ער האט אױך אן אײדעלן אופן געבעטן הילף. נײטען, ניט קײן גרױסער פארדינער און דערצו א באװײבטער, האט פונדעסטװעגן מיט שמחה אװעקגעשיקט די ערשטע הילף — א פעקל שפײז מיט קלײדער און אױך א ביסל געלט מזומנים. אױף דעם געלט האט ער געהאט א קבלה אין פיר חדשים ארום, אױף דעם פעקל שפײז אין זעקס חדשים, און אױף די קלײדער, װאס ער האט ארױסגעשיקט, צוליב דעם ארטיקן שװערן װינטער, גלײך נאך סוכות, האט ער געהאט א קבלה ערשט אין אנפאנג יוני. יעדער בריװ, װאו עס איז באזונדער געמאלדן געװארן פון די דערהאלטענע שפײז, קלײדער און געלט, איז געװען געשריבן אין א זײער דאנקבארן טאן, כאטש מיט גרױס װערדע, און געגעבן אנצוהערעניש אױף אן אײדעלן אופן, אז אױב דעם גוטן פלימעניק איז ניט שװער, זאל ער זײ אױך װײטער ניט פארגעסן.

אין די בריװ זײנען אױך געװען צוגעשריבן גרוסן פון דעם אנקלס עלטערע קינדער. איבערהױפט פון דעם עלטערן זון, נײטענס קוזין. ער האט שױן געשריבן אין רוסיש, געגעבן אנצוהערעניש, אז ער װאלט זיך געװאלט זען מיט אזא קוזין, און זיך אונטערגעשריבן „גרישא“. און עס האט נײטענען זײער הנאה געטאן, װאס דער אנקל האט אזא װאױלן זון, און הערכשמועסנדיק זיך מיט זײן װײבל װעגן אים, האט נײטען אמאל א זאג געטאן:

– עס וואלט טאקע געווען א יושר אראפצוברענגען אים אהער: וועדליג זיין רוסיש דארף ער זיין גאר א מענטש. הא, וואס זאגסטו, אסתר?

– געווים... עס איז א מצווה צו העלפן זיי דארט. מען קאן קריגן ווי עס איז אויף א שיפסקארטע און די איבעריקע הוצאות און ברענגען אים אהער.

נאטירלעך איז עס פאר נייטענען אליין שווער געווען צו טאן; האט ער זיך געווענדט צו די ווייטערע קרובים, וואס געפינען זיך שוין דא, און מיט זייער הילף האט אים ענדלעך נייטען ארויסגעשיקט א וויזע, א שיפסקארטע און א ביסל געלט.

נייטען האט מיט גרויס אומגעדולד ערווארט דעם קוזינס קומען. עפעס האט ער זיך געפילט געהויבן, וואס ער, ערשט א יאר צען אין לאנד, קאן שוין אראפברענגען א מענטשן אהער. זיכער וועט דער מענטש, ווען ער וועט קומען, וויסן ווי אזוי צו באדאנ־קען אים פאר אזא זאך; און אז ער, נייטען, וועט זיין אויג פון אים ניט אראפנעמען, זען אים שטיצן, דעם קוזין, ביז יענער וועט זיך ארויפארבעטן, און בכלל זיין אים א לערער און וועג־ווייזער.

עס זאלן נאר ניט זיין קיין צרות מיטן אראפנעמען אים. ער, נייטען אליין, איז נאך ניט קיין בירגער; די וויזע האט אויסגעארבעט א ווייטערער קרוב, דווקא א בירגער; יענער זאל כאטש האבן צייט צו קומען אין עליס־איילאנד.

און נייטען האט זיך געפילט פאראנטווארטלעך פאר דעם נייעם מענטשן, וואס דארף קומען און וועלכן ער מוז פארזארגן.

און אז די שיף איז אנגעקומען, איז שוין נייטען געלאפן צום ווייטערן קרוב, וואס איז א גרויסער יחסן אלס בירגער, און אים געווארנט צו גיין וואס פריער אראפנעמען און גלייך פון שיף ברענגען אים דעם קוזין גרישא. ווארעם ער, אלס ניט קיין בירגער, וועט אליין גארנישט קענען העלפן. אזוי האבן אים געזאגט מענטשן, וואס וויסן.

און יענעם טאג האט זיך נייטען געפעדערט זייער פרי, ניט גע־גאנגען צו דער ארבעט און געזוכט א וועג, ווי אזוי צוצוקומען צו דער שיף, וואס ס'איז אים, נאך אלע באמיונגען, ניט געלונגען.

האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טויער, וואָס פירט צום אַריינגאַנג צום הייליקן אינזל, און געוואַרט ביי עטלעכע שטונדן.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, איז אים ענדלעך נמאס געוואָרן וואַרטנדיק, האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם וויטן קרוב, אַז יענער וועט שוין דעם קוזין היינט — מאָרגן באַפרייען.

און ער איז דערווייל אַוועק אַהיים.

— נט געקאָנט בשום אופן צוקומען, — האָט ער זיך פאַרענט־פערט פאַר זיין ווייבל.

— דו ביסט קיין בריה ניט, מיין מאַן, — האָט אסתר גוט־מוטיק געשמייכלט.

נייטען האָט זיך פאַרשעמט. טאַקע ניט קיין בריה. וואָלט ער געקענט דעם גוטן ענגליש, וואָלט ער אפשר ווי עס איז געפועלט ביי די באַאַמטע; אָבער ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו דינגען זיך, האָט זיך דער באַאַמטער צעלאַכט און אָן קיין שום דרך־ארץ צו נייטענען, וועלכער ברענגט אַראָפּ אַ קוזין פון אייראָפּע, האָט ער אים אַלץ אָפּגעשטופּט.

און ער האָט זיך מודה געווען:

— מיין ענגליש ריידן הרגעט מיך אַוועק.

נו, יע... האָט אסתר געשמייכלט, האָסט שוין געמעגט קענען זיך דורכריידן אַמאָל מיט אַן אַמעריקאַנער.

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ קלינגען, אסתר און נייטען זיינען געלאָפן צו דער טיר.

עס איז אַריין דער וויטער קרוב, דער בירגער, און נאָך אים אַ פרעמדער, שיינער, יונגער בחור.

נייטען האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געטראַכט:

— ווער איז דער?

— נאַט, איך האָב אַייך געבראַכט אַייער קוזין. ער האָט געוואָלט הוקא צו אַייך — האָט דער קרוב געשטופּט דעם יונגנמאַן פאָרויס.

— גרישאַ! — האָט זיך נייטען ווי דערשראָקן, — שוין „אַראָפּגענומען“, ווי אַזוי?

– איר שפּילט זיך מיט אים; אַז איך בין געקומען, איז ער שוין געווען פרײַ. קוים דערקענט, לויט דעם משפּחה־אָנבליק.

– אַזוי גאַר, אַליין? – האָט נייטען ניט געקאָנט קומען צו זיך פון באַוואונדערונג, דערמאָנענדיק זיך, וואָס ער האָט זיך מיט צען יאָר צוריק אָנגעליטן, ביז מען האָט אים „אָראָפּגעלאָזט"; און דאָ – אַזוי לײַכט, גאָר אָן קיינעמס לאַפּקעס, אָן טענות.

– ווי אַזוי, טאַקע, גרישאַ? – האָט ער זיך נאָכן באַגריסן און צעקושן זיך געווענדט צו אים דאָך ווי אָן עלטערער צו אַ ייִנגערן און ווי אַ שטאַרקערער צו אַ שוואַכערן – דערקלער מיר חי אַזוי?

– מײַן ענגליש ריידן האָט זיי אימפּאָנירט.

– האַ, וואָס? – האָט זיך נייטען ווי דערשראָקן.

– דער „גרינער" קען דאָך ענגליש! – האָט דער ווײַטער קרוב געשמייכלט, – פאַר דיר קאָן ער זיכער בעסער, און עס איז אַ סברא, אַז פאַר מיר אויך – אַ מענטש!

נייטען האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און באַטראַכט דעם גאַסט ווי אַ וואונדערלעכע ערשיינונג...

*   *
*

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז שוין פון „גרישען" קיין זכר ניט געבליבן; ער האָט שוין געהייסן „העריי" און געאַרבעט טאַקע מיט נייטענען אין איין שאַפּ און שוין געהאַלטן דאָרט בײַ איבער־יאָגן אים אין שכירות... אָבער דאָס האָט נייטענען ניט אַזוי געאַרט, ווי דאָס, וואָס גייענדיק צוריק אַהיים פון דער אַרבעט און פאַרבײַגייענדיק אַ סטענד, האָט ער, נייטען, געקויפט זײַן ייִדישע צייטונג, און העריי האָט געקויפט די „איוונינג וואָרלד"...

און ניט נאָר האָט זי העריי געלעזן ווי אַ וואַסער, נאָר אַפילו געהאַט אַ כּוח צו קריטיקירן איר ענגליש:

– ס'איז ניט קיין עכטער ענגליש...

און אַז הערי האָט אַמאָל אַרייַנגעקוקט אין דער יידישער צייטונג, האט נייטען געהאַט אַ זכיה...

און פאַר זיך מיט קנאה געמורמלט:

– היינטיקע גרינע!

---

# פ ר י י נ ד

(ז ט י ו ד)

צו זיבעצן יאר האט ראזע, אראנק אירער אן עלטערער פריינדין, זיך באקענט מיט דעם מאלער איזאקאוו. עס איז פארגעקומען אין א אינטימען קרייז פון קינסטלער און דילעטאנטן. זי איז געזעסן אין א ווינקל פון צימער און האט מער באאבאכט די נייע וואונדערלעכע געזעלשאפט. גערעדט האט זי ווייניק, אויסער אין דער שטיל, ווי א סוד, עפעס איינגערוימט איר חברטע. איזאקאוו, שוין אין די טיפע דרייסיקער יארן, האט פון איר די אויגן ניט אראפגענומען, ביז ער איז צו איר צוגעגאנגען און מיט עטלעכע ווערטער אפגעקויפט איר יונג הארץ.

איר עלטערע חברטע, וואס האט געהאט אן אנדער פארערער אין דער געזעלשאפט, האט מיט אינערלעכער פרייד צוגעקוקט, ווי אזוי איזאקאוו פארברענגט מיט ראזען. זי האט זיך אבער געמאכט ווי ניט זעענדיק. „זאל זי"... האט זי אינערלעך געטראכט...

און זי האט ראזען, ביים צעגיין זיך, געגעבן די געלעגנהייט, אז איזאקאוו זאל איר אפפירן אהיים.

אין פארלויף פון א יאר צייט האט איזאקאווס הארץ געוואונען א נייע מיידל. צו ראזען איז ער קאלט געווארן. די יונגע טיף־פילנדיקע ראזע האט שטיל געליטן, ענדלעך ניט אויסגעהאלטן און געקומען צו איזאקאוון אין אטעליע און געוויינט פאר אים.

איזאקאוו, וואס האט אבער דערווארט די נייע מיידל, האט איר געבעטן, זי זאל אים לאזן צו רו; האט איר געקושט אין שטערן און געזאגט:

– דו ביסט דאך א גוט קינד... — טא פאלג און לאז מיך איצט אליין. – און ער האט רויק געווארט אויף איר אוועקגיין.

דער דערפאַרענער מאַן און קינסטלער האָט געוואוסט, אַז זי וועט געפינען אַ צווייטן. זי איז נאָך גענוג יונג און שיין.

און ווירקלעך האָט אין אַ קורצער צייט אַרום ראָזע, אַראַנק טאַקע איזאַקאָזן, זיך באַקענט מיט אַ צווייטן מאָלער, זילבערמאַן, אַ מאַן אַרום פערציק יאָר.

ראָזע האָט זילבערמאַנען אַזוי שטאַרק ליב באַקומען, ווי פריער איזאַקאָזן.

אָבער אויך זילבערמאַנס ליבע האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן און מיט אַלערליי מיטלען האָט ער ענדלעך געזוכט זיך צו באַפרייען פון איר צוגעבונדנקייט.

— טייערע, — האָט ער זי ווי געמסרט, — דו ביסט נאָך אַזוי יונג, און וואָס וועט זיין דער תכלית... האַ?

זי האָט קיין תכלית ניט געזוכט, אָבער איר שטאָלץ האָט שוין אין איר דערוואַכט.

האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ דריטן מאַן. דער איז שוין גע־ווען אַ פּאָעט, מיטן נאָמען גילדין. ער איז שוין אויך געווען ערפאַרן און ווייט ניט יונג. אָבער נאָך אין די יאָרן, ווען מען געפעלט דווקא דער יונגער מיידל.

ראָזע האָט זיך צו אים צוגעבונדן שטאַרקער ווי צו די פריער־דיקע צוויי.

אָבער אויך דער פּאָעט, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג ביי פרויען, האָט ניט געקענט זיין טרוי ראָזען אַליין.

— מיין טייערע, ליבע איז ניט אויף אייביק...

האָט דאָס ראָזען ווי געטאָן. אָבער דער דראַמאַטורג, מר. וואַלדמאַן, מיט וועלכן גילדין האָט זי באַקענט, איז געווען גענוג אינטערעסאַנט און אין די זעלבע יאָרן, ווי גילדין.

וואַלדמאַן איז געווען צערטלעכער ווי די אַלע, ביז די אַקטריסע פון טעאַטער, וועלכע האָט געשפּילט זיינע אַ דראַמע, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג, האָט אים ניט אָפּגערעדט.

— איר פירט זיך אַרום, מר. וואַלדמאַן, מיט אַ געוויינלעכער מיידל. מיר איז אַ וואונדער אויף אייך...

און ראָזע האָט באַמערקט, ווי אויך וואַלדמאַן ווערט צו איר קעלטער, האָט זי אַ שטאָלצע זיך געווענדט צו אים די ערשטע:

— זייט גליקלעך מיט אייער אויסוואַל.

— — — — — — — —

עס זיינען יאָרן פאַרגאַנגען, ראָזע איז געוואָרן דרייסיק יאָר, איר שטאָלץ פון אַ פרוי האָט אויפגעוואַכט און רייף געוואָרן. זי האָט זיך צעבליט ווי אַ בוים.

אַ פרייע, אַ שטאָלצע, האָט זי, נאָך יאָרן פון אָפּוועזנהייט זיך ווידער באַוויזן אין קינסטלער־פּלאַץ.

אַריינגעפירט האָט זי אַהין דער יונגער, פינפאונצוואַנציק־יאָריקער סטודענט בענסאָן.

ביי אַ קליין טישל איז געזעסן אַן עלטערער מאַן, פאַרטיפט אין אַ צייטונג.

דער מאַן איז געווען קענטלעך. אַך, דאָס איז דאָך איזאַקאָוו...

„ווי אַלט ער איז געוואָרן!“

זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר באַגלייטער בענסאָן און איז צוגעגאַנגען צו זיין טישל.

— העלאָ, איזאַקאָוו! — האָט זי אויסגערופן מיט איר קלינגענדיקער שטים.

איזאַקאָוו האָט דערוואַכט, אָנגעקוקט די שיינע יונגע דאַמע און מיט פרייד אויסגערופן:

— אָ, ראָזע, ווי שיין איר זייט געוואָרן, ווי איר האָט זיך צעבליט!

— באַקענט זיך, דאָס איז מיין חתן, — בענסאָן, אַ סטודענט...

— אַזוי? פיין... פיין... פרייט עס מיך... — האָט איזאַקאָוו אויסגעזונגען און אָנגעקוקט בענסאָנען מיט פריינדלעכע נעפּילן.

ער האָט באַלד אָפּגערופן ראָזען אין אַ זייט און געפרעגט:

— איז ער ערנסט, ניט גלאַט אַזוי שפּילן אַ ליבע!

— אָ, ניין, טייערער פריינד, — האָט ראָזע פאַרזיכערט, — ער איז נאָך אַזוי יונג, אַזוי אומשולדיק. מיר גייען אינגיכן חתונה האָבן...

– דאָס געפעלט מיר... האָט איזאַקאָוו געזאָגט און אָפּגעזיפצט.

– אַ גוטער פריינד מיינער, האַ? — האָט ראָזע געריהרט אַ מורמל געטאָן.

באַלד איז אַריין אַ גרופּע פון דריי מענער. דאָס זיינען געוועזן גילדין, זילבערמאַן און דער דראַמאַטורג וואַלדמאַן.

ראָזע האָט זיי באַטראַכט און דערזען אין זיי עלטערע מענטשן.

זיי האָבן זי אַלע דערקענט, באַטראַכט מיט פריינדלעכע בליקן און גערעדט מיט איר מיט איינגעהאַלטענער צערטלעכקייט...

בענסאָן, אַ יונגער, איז געשטאַנען אַ ביסל פאַרשעמט און זי אָנגעקוקט מיט אַ געפיל, ווי מען פאַלט אַריין צו אייגענע נאָענטע מענטשן.

– ווער זיינען זיי? — האָט ער איר געפרעגט נאָכן אַוועקגיין פון פלאַץ.

– מיינע גוטע פריינד... וואוילע מענטשן... פרייע קינסטלער...

און נאָך אַ פּויזע האָט זי אַרויסגעזיפצט:

– ווי פאַרעלטערט זיי זיינען געוואָרן!...

– יאָ, זיי זענען אויס שוין ניט קיין יונגע, — האָט בענסאָן נאָכגעזאָגט... און ער האָט אָנגענומען ראָזען פעסטער אונטערן אָרעם.

---

# געטרייַשאַפט

.1

דערמיט, וואס דער ניט גאנץ יונגער, אבער עלעגאנטער און שטענדיק שיין געקליידטער לאזאר האט ביי דער ערשטער באקאנטשאפט מיט עווען זי אנגענומען פאר א יונג מיידל, כאטש זי איז שוין א לאנגע צייט פארהייראט, האט ער געוואונען איר הארץ, מער ווי מיט אלע זיינע קאמפלימענטן...

— אזוי יונג פארהייראט! — האט ער זיך געוואונדערט, באטראכנדיק איר ווירקלעך יונגן פנים, מיט דעם כמעט קינדערשן אויסדרוק אין די אויגן — און איך האב געמיינט, אז איר זיינט נאך קיין אכצן יאר ניט אלט, און האב אפילו ניט געוואגט אייך א קוש צו טאן — האט ער געענדיקט מיט אן אויסרוף.

— א קוש טאן מיך וואלט איך סיי ווי סיי אייך ניט דערלויבט... — האט עווא קאקעטיש זיך באליידיקט, — אבער פארהייראט בין איך...

און ווי צו רייצן זיך מיט זיך אליין און מיט אים, האט זי צוגעגעבן מיט א שמייכל:

— איך האב שוין אפילו א קינד פון דריי יאר...

— גייט שוין, גייט... עס איז אוממעגלעך! — האט לאזאר זיך געדונגען, און עס איז ניט געווען זיכער, צי ער גלייבט טאקע ניט, צי איז דאס בלויז א קאמפלימענט...

— איך פארזיכער אייך.... — האט זי ווי מיט רוגזא אים געענטפערט.

— א שאד, א שאד! — האט לאזאר שוין וויציק גערעדט... אבער עווען האט דאס שוין פארדראסן, וואס הייסט א שאד... און זי האט זיך אנגערופן:

– אין גאַנצן, מיר איז זייער גוט... איך פיל מיך גליקלעך...

– איר מוזט אוודאי האָבן אַ זייער שיינעם מאַן... – האָט לאַזאַר געוואָלט אויספאָרשן.

– געוויס, – האָט זי געענטפערט טראָציק.

– באַקענט מיך מיט אים, – האָט זיך לאַזאַר געבעטן, אָבער ניט אָן איראָניע.

– וואָס מיינט איר, אַז ניט? – האָט זי נאָך טראָציקער געענטפערט.

– מיין מאַן איז אַ פרייער מענטש, איך קען אייך אים ביי אַ געלעגנהייט פאָרשטעלן...

– דאָס איז ווירקלעך אינטערעסאַנט, – האָט לאַזאַר געזאָגט, – איך וואָלט טאַקע געוואָלט זען, ווער איז דער גליקלעכער...

– אַזאַ גליק איז דאָס?... – האָט שוין עווא געוואָלט געפעלן לאַזאַרן אויך מיט איר באַשיידנקייט.

– באַווייזן אַזאַ ווי איר איז אַ גליק! – האָט שוין לאַזאַר זיך אָנגערופן אין ערנסט און אין זיינע אויגן האָט אַ פינקל געטאָן אַ פייערל...

עווא האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן: אַזעלכע ווערטער האָט זי שוין לאַנג ניט געהערט. זי האָט דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם שיינעם און עלעגאַנטן לאַזאַרן. און דערפילנדיק זיך ווי שולדיק געגן איר מאַן, וועלכער איז איצט, אין דער שפּעטער אָוונט־שעה, אַליין מיטן קינד – האָט זי זיך אָנגערופן:

– איר קענט אַמאָל אַריינקומען צו אונז, אויב עס איז אייך אינטערעסאַנט.

– ווען דער מאַן איז אין דער היים? – האָט לאַזאַר אַ פרעג געטאָן און באַלד חרטה געהאַט.

– ווי איר ווילט. איך האָב ניט קיין מורא, – האָט זי געשמייכלט.

– אָ, זיכער, – האָט זיך לאַזאַר ווי אָנגעצונדן, – אוודאי... מיר וויסן. פאַרקערט, איך וועל טאַקע קומען, ווען ער איז אין דער היים.

— איך בין זיכער, אַז מיין מאַן וועט אייך געפעלן, — האָט שוין עווא, ווי אַ פאַרטיידיקערין פון איר מאַן, מיט הארץ גערעדט...

— איך צווייפל ניט... — האָט ער צוריק העפלעך געענטפערט.

און אַזוי ווי דאָס קאַפע־הויז, וואו די באַקאַנטשאַפט און דער לייכטער פלירט צווישן זיי ביידן איז פאָרגעקומען, האָט שוין אָנגעהויבן, אַדאַנק דער שפּעטער אָוונט־שעה, צו ווערן ליידיק, און בלויז געציילטע מענטשן זיינען געבליבן זיצן ביי טישלעך און אויך זיי האָבן זיך שוין גענומען פונאַנדערצאָלן מיט די קעלנער, האָט אויך עווא זיך דערמאָנט אָן אירע פליכטן און ווענדנדיק זיך צו איר פריינדין, אַ שכנה מיט וועלכער זי איז געקומען אַהער, האָט זי געזאָגט:

— נו, סטעלאַ, שוין שפּעט, קומט אַהיים.

לאַזאַר האָט זיך אויסגערופן צו באַגלייטן.

אָבער סיי די חברטע, סיי עווא האָבן זיך גרויסמוטיק אָפּגעזאָגט:

— ניין, מיר האָבן ניט קיין מורא.

און גליקלעך שמייכלענדיק צו לאַזאַרן איז זי אַרויס פון קאַפע־הויז...

.2

דאָס צווייטע מאָל, אין אַ וואָך אַרום האָט שוין לאַזאַר געטראָפן עווען צוזאַמען מיט דעם מאַן — אין אַ טעאַטער.

עווא, באַגעגענענדיק זיך מיט לאַזאַרן ביי דעם ערשטן אַנטראַקט, איז רויט געוואָרן. אויך ער האָט צו איר צוריק פאַרזיכטיק געשמייכלט און זיך לייכט געגריסט.

— דאָס איז מיין מאַן... — האָט זי פאַרטשעטשעלט.

דער מאַן, אין די דרייסיקער יאָרן, מיט אַ נאַיוו, גוטמוטיק פּנים, מיט אַן אויסדרוק פון אַ חניקן, צופרידענעם מענטשן, האָט פריינדלעך אויסגעצויגן זיין האַנט צו לאַזאַרן.

לאַזאַר האָט אים באַטראַכט און האָט שוין געפּאַסט וועגן אים אַ פאַרניכטנדיקע מיינונג.

עווא האט עס דערפילט און איז עטוואס בלאס געווארן. זי האט געוואלט עפעס זאגן און ניט געוואוסט וואס.

גראדע האט דער מאן דערזען א באקאנטן. ער האט זיך אנטשולדיקט און עווא איז געבליבן אליין מיט לאזארן.

— נו, ווי געפעלט אייך מיין מאן? — האט זי אין דער גיך, ווי זיך צו באנוצן מיט דער קורצער צייט, ביז דער מאן וועט זיך צוריקקערן, געפרעגט.

לאזאר האט רויק און קאלט זיך אנגערופן:

— אזוי... א מענטש, ווי אלע...

— קענט איר אים ניט!... — האט עווא זיך באליידיקט... — ער איז א זעלטענער מענטש, אן אינטערעסאנטער און א גוטער, און שיין איז ער אוודאי.

— אין אייערע אויגן, אפשר... — האט לאזאר טראציק געשמייכלט.

— גייט, איר זענט א שלעכטער. איך האב אייך פיינט! — אין עווטס אויגן האבן זיך אנגעצונדן מיט האס.

לאזאר האט עפעס דערפילט... ער האט געוואלט פארריכטן זיין פעלער, אבער באלד איז צוגעקומען דער מאן.

עווא האט צוריק גוטמוטיק געשמייכלט, ווי זי וואלט זיך ניט געוואלט ארויסגעבן מיט דעם צו נאענטן געשפרעך מיט לא־זארן. זי האט זיך אנגערופן:

— נו, אראן, געפעלט דיר דער ערשטער אקט?

— א, יא... זייער שיין... זיי שפילן אזוי גוט...

לאזאר, וואס האט געוואלט פארריכטן זיין מערכה ביי עווען, האט זיך אנגערופן קוקנדיק פריינדלעך צו איר מאן:

— זיי שפילן וואונדערלעך!

עווא האט אים אנגעקוקט מיט דאנקבארקייט און בשתיקה פון מאן אים א דריק געטאן די האנט.

3.

ביים צווייטן אנטראקט, ווען דער מאן איז ווידער צוגעגאנגען צו א באקאנטן זיינעם, האט לאזאר געזאגט צו עווען:

– איך האָב ווירקלעך אַ טעות געהאַט, אייער מאַן איז זייער אינטערעסאַנט, ליבנסווערדיק און זעט אויס צו זיין זייער אַ גוטער.

– אָ, פרעגט שוין ניט – האָט עוואַ אויפגעלויכטן און אָנגעקוקט לאָזאַרן מיט דאַנקבאַרקייט – ער איז אַ טייערער מענטש...

– יאָ, מען זעט! – האָט לאָזאַר פאַרשטאַרקט און באַלד צוגעגעבן:

– ער געפעלט מיר זייער...

דאָ האָט שוין עוואַ אײנגאַנצן, דערפילט אַ נאָענטקייט צו לאָזאַרן.

– אַך, לאָזאַר, איר זענט אַ ליבער מענטש, קומט אַמאָל אַריין צו אונז...

– ווען? – האָט לאָזאַר איר איינגעסודעט די פראַגע...

– קומט ווען איר ווילט...

און זי האָט אים שנעל איבערגעגעבן דעם אַדרעס.

.4

ער איז געקומען אין אָן אָנהייב אָוונט און האָט שוין געטראָפן אַראָנען אין דער היים.

דער געשפרעך האָט זיך פון אָנהייב ניט געבונדן. אַראָן האָט אַפילו לאָזאַרן פריינדלעך אויפגענומען, אָבער עס האָט זיך געפילט אַ געצוואונגענע פריינדלעכקייט.

לאָזאַר האָט שוין חרטה געהאַט אויף זיין באַזוך. און צו וואָס? דער מאַן איז אין דער היים און איז אַ בירגערלעכער מענטש... עוואַ איז ווירקלעך שיין. אין דער היים נאָך שענער, ווי אין קאַפע־הויז אָדער אין טעאַטער. אָבער ער האָט אַפילו ניט די געלעגנהייט זי אָנצונעמען ביי אַ האַנט.

אַ גליק, וואָס די סיגאַרעטן זיינען ביי ביידן אויסגעגאַנגען און אַראָן האָט זיך אויסגערופן צו גיין קויפן:

– איך וועל גיין! – האָט עוואַ פאָרגעשלאָגן, ניט צו געבן קיין געלעגנהייט צו בלייבן אַליין מיט לאָזאַרן...

– ניין, איך וועל גיין. עס איז דאָ דערביי, – איז אַראָן געוועזן גרויסמוטיק און ווייט פון אייפערזוכט־געפילן...

און אין דער ווײַלע האָט עווא ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו פרעגן מבינות איף איר מאַן.

— איז ער ניט אַ גאָלד? — האָט די לאָוראָ אַנגעקוקט מיט פלאַמענדיקע בליקן.

— אָך, אַ וואונדערלעכער מענטש, אַזוי געטריי און אַזוי איבערגעגעבן, און זעט זיין באַציִונג צו מיר, — האָט לאָוראָ צוגעגעבן מיט פייער און די אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— אָט דערפאַר האָב איך איך ליב, וואָס איר האָט אים דערקענט און ער געפעלט איך. אַזוי און די האָט זיין האַנט ניט אָפּגעלאָזט און די נאָך שטאַרקער געדריקט.

לאָוראָ האָט די אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש געטאָן איר אין אירע בלויע גרויסע אויגן.

די האָט זיך לייכט געווערט, און געמורמלט:

— לאָוראָ...

אַראָן איז באַלד געקומען צוריק מיט אַ שאַכטעלע פּאַפּיראָסן.

— אַזוי שנעל — האָט עווא אים געדימט.

און לאָוראָ האָט געפילט אַלס אַ פליכט צו באַשטעטיקן:

— ווירקלעך שנעל.

.5

— נו, ווי געפעלט ער דיר? — האָט עווא געפרעגט אַראָנען, ווען לאָוראָ איז אַוועק.

— איך האָב נאָך ניט קיין באַשטימטע מיינונג... — האָט אַראָן פאָרזיכטיק געענטפערט.

— פאַרוואָס? — האָט עווא ניט געוואָלט איינשטימען — מען זעט, דאַכט זיך, גלייך, אַז ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש.

— איך זע דאָס נאָך ניט... — איז אַראָן אויפריכטיקער געווארן, זיך געזעצט נעענטער צו עווען און מיט ליבע אַ גלעט געטאָן די איבערן קאָפּ.

עווא האָט אַוועקגענומען זיין האַנט פון איר קאָפּ און אַ ברוגזע געזאָגט:

— לאָז מיך אָפּ!

— ביסט ברוגז?... — האט זיך אראן ווי פארשעמט אין ניט דערקענט געוועז.

— געוויס, ביסט א שלעכטער... — האט עווא פראטעסטירט.— נו, זאג, — האט זי מיט צארן געמאנט — פארוואס געפעלט ער דיר ניט? מיר דאכט זיך, אז ער איז זייער א בראווער מענטש, א קלוגער און אן איידעלער, אזא...

— נו, יא. איך זאג ניט, — האט זיך אראן געכאפט צוריק, פארשטייענדיק עפעס.

— און ווי פיין ער האלט זיך, — איז שוין עווא פריילעכער געווארן.

— יא, דאס גיב איך צו, זיין האלטן זיך איז מיר נאר גע־פעלן.

— מען זעט גלייך, אז דאס איז א מענטש פון א גרויסער וועלט, מיט וואונדערבארע מאנירן.

— יא, מאנירן האט ער פיינע... — האט אראן מיט א פולן מויל מודה געווען.

— פארשטייסטו דאך יא, — האט עווא מיט דאנקבארקייט אין א גליקלעכע אנגעקוקט אראנען.

— וואס דען, איך פארשטיי ניט א מענטשן? מען זעט גלייך, אז ער איז פון א העכערער געזעלשאפט, — האט אראן נאך מער נאכגעגעבן צו געוויינען עוועס געטריישאפט.

— אט אזוי, אראן, געפעלסטו מיר, האט עווא אים גע־רימט אן אויפגעלויכטענע, א שיינענדיקע...

אראן האט זי באטראכט. ער האט זי שוין לאנג אזוי שיין ניט געזען.

און ארומנעמענדיק זי שטארק, האט ער זי געקושט און גע־מורמלט:

— ער איז נאר א פיינער יונגערמאן, ער געפעלט מיר זייער.

— און דו, — האט זי צוגעגעבן א דערפרישטע און ווי א זינגערין, — געפעלסט מיר נאך מער. דו ביסט אזא גוטער... און איך האב דיך ליב מער פון אלעמען...

# אן איבעריקער מענטש

צו גרינשפאנען אין הויז האט די לעצטע צייט אנגעהויבן אריינצוקומען אין די אונט-שטונדן א מאן אין די מיטעלע יארן, מיט א צעקנייטשטן פנים, טיף-איינגעגראבענע אויגן, אבער מיט א זייער גוטן שמייכל אויפן צעקנייטשטן פנים; איבערהויפט איז דער שמייכל געלעגן אין די איינגעגראבענע בלויע אויגן... גרינשפאן, אליין א לענדלארד, האט געהאט פינקטלעכע טענענטס, דערפאר איז זיין ארבעט באשטאנען בלויז אין דעם, וואס יעדן ערשטן פלעגט ער אריינגיין צו די טענענטס אפנעמען דאס דירה-געלט און נאכדעם פלעגט ער ווידער זיצן א רויקער אין דער היים, אדער „נעמען א וואק" צוליב דעם געזונט, ער זאל פון ליידיק-זיצן ניט ווערן צו פעט.

אט דער גרינשפאן האט געקוקט אויף דעם דאזיקן גאסט מיט אן איראנישן בליק און האט פון אים ניט געהאלטן. נאר אזוי ווי זיין עלטערער זון, א קאלעדזש-באי, וויל דווקא, אז דער מאן זאל יא אריינקומען, וויל ער זיך מיטן זון ניט קריגן...

פאר נייגעריקייט האט ער זיך מיטן מאן אמאל צערעדט, געוואלט אנטאפן אים דעם דופק...

האט ער דערפארן, אז דער מאן האט א סך מלאכות און ווייניק ברכות. ערשטנס, איז ער א ערפינדער... ער האט עפעס אויסגעפונען אזא מין מעסער, וואס שניידט אליין, אן דער הילף פון א מענטשן... די דאזיקע ערפינדונג האט ביי אים א שלאסער אויסגענארט... איצט איז דער שלאסער א גביר.

— און איר — האט גרינשפאן איבערגעכאפט — זענט א קבצן...

דער מאן האט געשמייכלט:

— עס ארט מיך נישט... אבי די וועלט וועט האבן א נוץ...

האט גרינשפאן אין הארצן טיף געחוזקט פון דעם דאזיקן שלימזל און האט ווידער אים געפארשט.

איז ער דערגאַנגען, אַז דער מאַן איז אויך אַ גרויסער מאַטע־מאַטיקער. ער האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ בוך איבער מאַטעמאַטיק. איין פּראָפעסאָר האָט זאָגאַר זיך באַנוצט מיט איין פאָרמל זיינער און זי גייט איצט אויפן פּראָפעסאָרס נאָמען...

האָט זיך דער לענדלאָרד שוין צעלאַכט איבערן קול און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער געפרעגט:

— הלמאַי שווייגט איר? איר האָט דאָך געקענט אויפווייזן, אַז עס איז אייערע, ווי הייסט עס... פאָרמע...

— פאָרמל... — האָט דער מאַן פאַררעכט.

— זאָל זיין פאָרמל... וואָס איז דער אונטערשייד, אַבי עס איז אויף יענעמס נאָמען און יענער מאַכט אוודאי געלד פון איר...

דער מאַן האָט אָפּגעווענדט:

— געלד מאַכט ער ניט, אָבער ער האָט איצט אַ גרויסן נאָמען...

— אַ נאָמען איז געלט... — האָט דער לענדלאָרד געמוסרט...— איין קליינקייט — אַ נאָמען!...

— מיר גייט עס ניט אַן שטאַרק... אַבי די פאָרמל איז אַנט־דעקט געוואָרן... פאַר דער וועלט איז ניט קיין אונטערשייד, ווי עס הייסט דער מענטש, צי גאָטליב, צי דזשאָנסאָן...

— יעס... יעס... — האָט גרינשפּאַן כלומרשט צוגעשטימט און געקוקט אויפן נאָסט מיט אַ ביטול... זיין נייגעריקייט איז שוין אַ ביסל שוואַכער געוואָרן, ער ווייסט שוין, הייסט עס, אַז ער איז אַ שוטה. דאָך האָט ער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעגענעצט און אויסגעבראָכן מיט אַ קנאַק די פינגער, אַ פרעג געטאָן:

— באַוויבטער?...

דער מאַן האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן:

— צום גליק — אַ פרייער... איך האָב ניט קיין צייט און קיין געדולד... איצט בין איך פאַרנומען מיט אַ נייער אַרבעט: איך זעץ איבער אַ פילאָסאָפיש ווערק פון אַלט־גריכיש אין ענגליש...

— אַ רעכטער משוגענער... האָט גרינשפּאַן אַ טראַכט געטאָן... און אַז דער גאַסט איז אוועק, האָט ער צוגערופן זיין זון, דעם קאָלעדזש־באָי, און געפרעגט:

— וואס האסטו צו טאן מיט דעם שלימזל?... ווי קומסטו צו אים?...

— פארוואס? — האט דער יונגער גרינשפאן געענטפערט — ער העלפט מיר ארויס אין דער דיסערטאציע.

— אזוי? — איז דער פאטער שוין מרוצה געווארן און זיך פארטיפט. — אויב אזוי איז עפעס אנדערש...

און נאך א קליינער פאוזע האט ער ווי פאר זיך אליין ארויס־געמורמלט:

— צו וואס לערנען אזוינע, ווייס איך ניט... אן איבעריקער מענטש. — און ער האט זיך מיט רחבות און מיט שטאלץ גע־ווענדט צום ווייב:

— ס'איז נאך דא א גלאז טיי? — ברענג אהער, וועל איך אפ־טרינקען און וועל גיין שלאפן...

און אפזיפצנדיק צופרידן, האט ער צוגעגעבן:

— דער אוונט ציט זיך אזוי לאנג... עס איז גאר נישטא וואס צו טאן...

# אַ חָלום

ווי אַזוי ער, אַ קלײנער ביזנעסמאַן, איז געוואָרן אַזוי רײַך, האָט מר. בעלקין גענוי אַלײן ניט געוואוסט. עס איז געקומען אַזוי גיך און אַזוי גרינג, אַזוי ווי אַמאָל אין אַ חלום: אַט גיט מען אַ גראָבל אין ווײכער ערד, און עס אַנטפּלעקן זיך גאַנצע טונעס גאָלד. איצט אָבער האָט עס פּאַסירט אויף דער וואָר, און די מורא, אַז עס זאָל אינדערפֿרי ניט פֿאַרשווינדן, איז געווען אומזיסט. פֿאַרקערט, יעדן פֿרימאָרגן איז מר. בעלקין זיכערער געוואָרן מיט זײַן עשירות, וואָס האָט זיך געמערט.

ווי אַזוי?...

דאָס האָט ער אַלײן ניט באַגריפֿן. עס איז שוין געקומען פֿון זיך אַלײן, אָדער ווי ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, פֿון ערגעץ אַ סטריט אין ניו-יאָרק, אַ שמאָלע, אַ טונקעלע, מיט הויכע בנינים, מיט צענדלינגער שטאָקן, מיט הונדערטער פֿענסטער, מיט אַלערלײ מכשפֿים, וואָס געפֿינען זיך אינעווייניק און דרויסן, און באַנוצן אַזוינע שפּרוכן, פֿון וועלכע עס גיט זיך אַ הייב בעלקינס סחורה און נאָכדעם זײַן עשירות...

אַ וואונדערלעכע זאַך!

אמת, מען דאַרף האָבן אַלײן אַ ביסל שכל. מר. בעלקין קען אָבער זיך ניט באַרימען אַפֿילו מיט אַ ביסל פֿון דעם מין. ער איז ניט גענאַרט אין זיך. אָבער אַז די אַלע, וואָס האָבן אים די לעצטע צײַט אַרומגערינגלט, האָבן גענומען שטאַרק רעכענען זיך מיט זײַנע מיינונגען, האָט ער ענדלעך אַ טראַכט געטאָן:

— ווער ווייסט, וואָס שׂכל איז אַזוינס, מעגלעך, אַז טאַקע איך בין דער קלוגער.

אָבער צופֿיל טראַכטן וועגן דעם האָט מר. בעלקין קיין צײַט ניט געהאַט. ער איז געווען פֿאַרנומען מיט דעם אײַנאָרדענען זײַן

נייעם לעבן. קודם, מיט זיין הויז, וואס ער האט געקויפט ערגעץ אין א שטילער, רייכער געגנט און האט עס פארוואנדלט אין א פאלאץ. אזוי האט טאקע דאס הויז געהייסן ביי אלע פריינד זיינע: בעלקינס פאלאץ.

וויבאלד, אז א פאלאץ, מוז מען אין אים האבן אזוינע מעבל, וואס זאל ניט פארשעמען דעם פאלאץ. דערצו פאדערט זיך גרויסע געניטקייט — אבער צו וואס זאגן וועגן דעם, אז עס זיינען דא אזוינע מעבל-הענדלער, וואס ווייסן שוין אליין, ווי אזוי אויסצומעבלירן אזוינע מיני פאלאצן.

אין א פאלאץ מוזן אבער פארקומען פון צייט צו צייט בעלער, פארוויילונגען... זיכער וועט מר. בעלקין ניט זשאלעווען וואסערע פאר טויזנט דאלער אויף אזא מין באל, בפרט, אז זיין פרוי גלייכט זייער א באל ביי זיך אין דער היים, און מר. בעלקין וויל ניט איינרייסן מיט דער נייער גבירטע, וועלכע העלפט אים שטארק ארויס אין זיין נייעם ארט לעבן, ווייל ער אליין, ווי ער קלאגט זיך אמאל, איז אין הילכות מיליאנער א שטיקל עם-הארץ... ס'הייסט, ווי אזוי צו מאכן די מיליאנען ווייס ער, נאר ווי אזוי אויסצוגעבן זיי — ווייס זי בעסער.

נאכדעם האט מר. בעלקין „טראבעל“ מיט „טשאריטי“. טשאריטי איז זייער אן אידעלע זאך און מען קאן אמאל אריינפאלן מיט א „נדבה“, וואס „די וועלט“ זאל גאר ניט באוואונדערן דיין גוטסקייט, נאר מען זאל דיך אויסלאכן. אט, למשל, איז א מאדע ביי רייכע לייט צו געבן אויך מאנכע רעוואלוציאנערן דא און אין אנדערע לענדער; דארף מען אבער זיין געניט. עס זיינען דא אזעלכע, וועלכע זיינען כשר און זיי זיינען אין די אינטערעסן פון זיין נייעם קלאס; עס זיינען אבער דא אזוינע, וואס קיין אנשטענדיקער מענטש טאר זיי ניט שטיצן. היינט גיי זיי א חכם און טרעף!

ווידער טאקע יידישע טשאריטי. הייסט ער זיכער, אז אויף א שפיטאל צו געבן איז אלעמאל א כבוד, און מען פאלט שטענדיק אריין נאך אזא נדבה אין די פייפערס. אבער וואס איז מכוח א תלמוד-תורה? איז עס פאסיק פאר אים, צי ניט?

אויך ווייס ער, אַז פֿאַר די מלחמה־קרבנות איז ניט קיין אומ־כּבוד צו געבן. אָבער עס זיינען דאָ אַזוי פֿיל מינים „רעליף“, וואָס דו ווייסט ניט, וועלכן איז פּאַסיקער צו געבן. עס זיינען דאָ אַזוינע, וועלכע עס שטיצן די אָרעמע קלאַסן; דאַרף מען ערשט גיין אויסגע־פֿינען, וועלכן „רעליף“, למשל, אַ „גוגענהיים“ שטיצט, איז עס אָבער שווער צו דערגיין. פֿאַרקוקט ער זיך אויף דעם טשיקאַגער מיליאָ־נער, און וואָס יענער גיט, גיט ער אויך.

קיין טעות האָט נאָך מר. בעלקין, אמת, ניט געמאַכט, אָבער עס קומט איהם שווער אָן אַלץ אויסצוגעפֿינען. און אַלץ דאַרף מען זיין געניט, אפֿילו אין צדקה געבן.

דערווייל גיט זיך אַ דריי איבער אין דער שמאָלער טונקעלער סטריט, און מר. בעלקין ווערט געוואָר, אַז זיין סחורה, וואָס איז געווען אַזאַ יחסנטע אין די לעצטע עטלעכע יאָר, הייבט אָן פֿאַר־לירן איר גוטן נאָמען... געמלעך, די וועלט האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז ניט אַזוי נייטיק...

און גראָד האָט ער אַזויפֿיל סחורה אָנגעגרייט.

דער ווייב אָבער דערציילט ער עס ניט. ער וויל איר ניט שטערן. זי איז גראָד פֿאַרנומען מיט דעם ווינטער־באַל, וואָס דאַרף זיין פֿאַר געקליבענע געסט... צו דעם באַל איז נאָך ביי אַ צוויי וואָכן. אין צוויי וואָכן, האָפֿט ער, קאָן זיך ווידער אַ דריי טאָן אין דער שמאָלער, טונקעלער סטריט און זיין סחורה וועט ווידער נייטיק זיין פֿאַר דער וועלט.

דאָרטן זיצן דאָך מכשפֿים.

אין אַ וואָך אַרום קומען אָבער אָן ידיעות פֿון דער שמאָלער, טונקעלער סטריט, אַז מר. בעלקינס סחורה איז נאָך נידעריקער גע־פֿאַלן. מאַכט מר. בעלקין אַ חשבון אין געדאַנק און געפֿינט אויס, אַז אויב עס זאָל נאָך בלייבן ביי דעם פּרייז, וועט ער פֿאַרלירן בלויז דריי פֿערטל פֿון זיין מזומן געלט; אים וועט נאָך בלייבן דער פּאַלאַץ און ביי אַ קאַרגער מיליאָן... עס איז נאָך אַלץ מיט חסד...

דעם באַל וואָלט געווען אַ יושר דערווייל אָפּצולייגן אויף בע־סערע צייטן...

א שאד א פאר טויזנט דאלער. נאר ער ווייסט נים, ווי זי צו איבערריידן. זי גלייכט דווקא א באל אין דער היים... איר פוטערנעם מאנטל איז גענוג, אז זי וויזט, ווען זי גייט אין דער אפערע, צו וועלכער זי האט געקראגן א נייגונג פאר די לעצטע פאר יאר.

אבער אויף מארגן האט זיך אין דער שמאלער, טונקעלער סטריט געטאן חושך, מר. בעלקין איז ארומגעגאנגען אן א קאפ...

דער פארמעגן איז אינגאנצן פארלוירן און ער בלייבט נאך אזוי פיל שולדיק לייטן...

וואס־זשע טוט מען מיטן פאלאץ, ווי אזוי ראטעוועט מען כאטש אים?

— טייערע! — האט ער זיך שוין געווענדט צו דער ווייב, — לייג אפ דעם באל אויף אן אנדערש מאל; איך בין צופעליק פארדריט...

— איך קען נים! — האט זי זיך געדונגען.

— דו מוזט...

— איך קען נים...

— איך וועל דיר געבן די שענסטע מתנה! — האט ער זיך צו איר צוגעשמייכלט.

— וואס? — האט זי אים אנגעקוקט מיט נייגעריקע בליקן, — א נייעם פאר־מאנטל?

— נאך מער! איך שענק דיר אוועק דערפאר דעם פאלאץ...

— ווי אזוי? — האט זי אים אנגעקוקט.

— איך וועל אים מארגן איבערשרייבן אויף דיין נאמען! דיר א מתנה...

און מרס. בעלקין איז ענדלעך מרוצה געווארן.

א ברירה האט זי געהאט!

* *
*

אין א פאר טעג ארום איז ערשט מרס. בעלקין געוואר געווארן, אין וואס עס גייט.

— א שיינע מתנה! — האט זי זיך געקלאגט.

— נאַרעלע, אויף דיין נאָמען, — האָט ער זי איינגערעדט. — עס איז דיינס...

— ווי אַזוי איז דאָס מיינס... מען וועט עס בּיי מיר אויך אָפּנעמען...

— זיי טאָרן ניט... עס איז דיינס....

— וואָס מיינסטו, אַז איך בּין שוין גאָר קיינעם ניט שולדיק — האָט ענדלעך מרס. בּעלקין אויסגעפּלאַצט — האָסט מיר דען טאַקע אַזוי פיל געגעבּן?

— דו בּיסט אויך עמעצן שולדיק געלט? — האָט מר. בּעלקין זיך דערשראָקן.

— יאָ, איך בּין אַזאַ גבירטע, ווי דו געווען, איך האָבּ איך געהאַט קרעדיט...

מר. בּעלקין האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרצווייפלט דעם קאָפּ און שטיל זיך אָנגערופן:

— דאַרף מען, הייסט עס, מופן...

דאָס וואָרט „מופן“ האָט פאַר מרס. בּעלקין אָפּגעקלונגען, ווי אַ גרוס פון די אַלטע טעג. זי האָט זיך עפּעס דערמאָנט און זיך דערפילט, ווי זי וואָלט דערוואַכן פון אַ חלום...

— אַך, דאָס מופעניש — האָט זי אויסגעזיפצט, — אַזוי פיל מעבּל, ווי וועט מען דאָס איבּערשלעפּן?

— פאַר דעם זאָרג זיך ניט, טייערע, — האָט מר. בּעלקין זי געטרייסט — די מעבּל וועט מען שוין צונעמען אָן אונז.

— זאָלן זיי נעמען! — האָט מרס. בּעלקין, ווי קומענדיק צו זיך נאָך דעם אויסטערלישן חלום, געמורמלט, — ווער האָט איצט כּוח זיך צו שלעפּן מיט אַזוי פיל מעבּל?

— יאָ, — האָט מר. בּעלקין צוגעשטימט — אַ סך מעבּל איז גוט פאַר רייכע מענטשן, אין אַ פּאַלאַץ, אָבּער ניט פאַר אונזערע בּרידער, אין דריי=פיר רומס...

מרס. בּעלקין האָט אפילו קיין זיפץ ניט געגעבּן.

אַזאַ בּאַקאַנטער טאָן!...

# ר ײ ך  ג ע װ א ָ ר ן

עס איז געקומען אַ צײַט, װען אײַזיקן איז ניט ניחא געװאָרן דאָס לעבן.

אַרבעט אַ מענטש װאָך אײַן, װאָך אױס אין אַן אָפיס, פאַר אַ ניט באַדײַטנדער סומע, װעלכע קלעקט אים צו באַצאָלן פאַר דעם צימער, פאַר עסן צװײ מאָל אַ טאָג אומבאַדײַטנדע מאָלצײַטן און פאַר צאָלן פּינקטלעך דער װעשערין. זײַן לוקסוס באַשטײט אין דעם, װאָס אַנשטאָט צענסענטיקע פּעקלעך סיגאַרעטן, װאָס ער רױכערט, דערלױבט ער זיך אַמאָל צו קױפן אַ פּעקל פאַר 15 סענט— האָט ער אַ גאַנצן טאָג געװיסנסביסן. — איבעריקע 5 סענט! זײ װעלן אים זיכער פעלן!

די סומע, װאָס ער באַקומט אײן מאָל אַ װאָך, מוז אים גענוגן אױף זיבן טעג. דער שרעק פאַרן מאָרגן לאָזט אים ניט אױסגעבן פרײַ אַן איבעריקן סענט. און אַזױ װי אַ װאָך האָט אַזױ פיל לאַנגװײַליקע טעג — אַזש זיבן טעג — קומט אױס אױף יעדן טאָג אַזאַ קלײנער טײל, אַז עס איז אַ חרפּה פאַרן אײגענעם לעבן. בײַ יעדן מאָל צאָלן מוז ער די סומע אױסצײלן מיט ציטערדיקע הענט, װי ער װאָלט געװען דער קאַרגסטער מענטש אין דער װעלט!

איז דאָס אים ענדלעך נמאס געװאָרן. געזוכט האָט ער אַן אַנדער באַשעפטיקונג, ער זאָל קענען מער פאַרדינען און לעבן ברײטער, פרײַער. אים האָט זיך געװאָלט אַריבערשפּרינגען דאָס אײגענע מזל...

אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען. האָט ער אײנמאָל פאַר כּעס פאַרשװענדט אין אײן טאָג צופיל. ער האָט נעמלעך געגעסן מיט אַ געריכט מער און געגעבן דעם קעלנער אַ טאָפּלטן „טרינקגעלט". דערצו נאָך האָט ער נאָכן עסן געבעטן אַ סיגאַר.

— פאַר 10 כּענט?

איז אים שוין ניט אָנגעשטאַנען.

האָט ער געענטפערט שטאָלץ: פאַר 15! און אַז דער קעל־נער איז שוין געגאַנגען ברענגען, איז אַייזיקן אַזוי געפעלן גע־וואָרן די שפּיל אין רייכקייט, אַז ער האָט אים אומגעקערט און נאָך שטאָלצער אויסגערופן:

— אַ קוואָדער! אַ קוואָדער!

און גייענדיק אין גאַס מיטן סיגאַר אין מויל, האָט ער זיך דערפילט, ווי ער איז אויפגעקומען. דערמאָנענדיק זיך אָבער, אַז קיין העכערונג האָט אים זיין ווירט ניט געגעבן, האָט ער אָנפאַנגס אַ ציטער געטאָן, אָנגעקוקט דאָס רעשטל פון סיגאַר און געמורמלט:

— צו אַלדי טייוול! איז דען מיין גליק אָפּהענגיק אָן מיין באָס? איך קען זיך אַליין העכערן, אויב ניט די שכירות, וועל איך מיר העכערן דעם געגוס פון לעבן...

* * *

דעם נאָענטסטן מאָנטאַג, באַקומענדיק די סומע פון זיין גע־האַלט, איז ער אַריין מיט אַ שטראַלנדיקן געזיכט אין רעסטאָראַן און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיינע צוויי פריינד.

— וואָס מאַכט מען? — האָט אים איינער געפרעגט.

— אָ, פיין! — האָט אַייזיק געענטפערט און האָט מיט שטאָלץ אַרויסגענומען אַ קוואָדערדיקן פּעקל סיגאַרעטן.

די צוויי פריינד האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער האָט מיט הכנעה געפרעגט:

— אמתע?

— ווי דען? — האָט אַייזיק כּלומרשט קאַלט געענטפערט.

— זייט ווען? — האָט דער צווייטער ווי מיט מורא איבער־געפרעגט.

— זייט איך קען זיך דערלויבן... — האָט אַייזיק צוויי־דייטיק געענטפערט.

— רויכערט, ברידער! — האָט ער ברייטהאַרציק דערלאַנגט דאָס אויפגעעפנטע אַריסטאָקראַטישע פּעקל סיגאַרעטן.

נאכן סאפער, וועלכער איז באשטאנען מיט צוויי געריכטן מער, האט ער באשטעלט ביר פאר זיך און פאר די צוויי פריינד.

— טרינקט, ברידער!

— א שאד אייער געלט! — האט איינער פון די פריינד ארויס-געמורמלט.

— עט, זארגט זיך ניט פאר מיר — האט ער זיי בארויקט, — איך בין אל-ראיט!

— אויב אזוי, גראטולירט איך אייך! — האט איין פריינד אים אויסגעצויגן די האנט.

דאס זעלבע דער צווייטער.

אין זייערע אויגן האט געגלאנצט אויפריכטיקייט, איבערגע-געבנהייט און פארערונג.

אייזיק האט עס באמערקט און עס האט אים שטארק אנט-ציקט. ער האט זיך פארגעסן אין די איבעריקע זעקס טעג פון וואך און מיט א מינע פון א מענטשן, וואס קאן זיך דערלויבן די גרעסטע פארגעניגנס, האט ער מיט א געמאכטער קאלטקייט זיך אפגערופן:

— איך וואלט איצט געוועזן א בעלן זיך דורכפארן א ביסל אויף ריווערסייד-דרייוו.

— א, יעס! עס קאסט ניט טייער, — האט איינער פון די צוויי פריינד באמערקט — מיטן „אמניבוס" — צען סענט...

— נא! — האט זיך אייזיק אפגערופן. — איך מיין מיט א אויטא. עס קען קאסטן אינגאנצן ניט מער ווי א פאר דאלער.

די צוויי פריינד האבן זיך איבערגעקוקט און איינער, א מער ערלעכער, האט זיך געבעטן:

— א, מר. אייזיק! א שאד דאס געלט!

— נארישקייטן! — האט אייזיק מיט א שטאלצן מאך מיט דער האנט אין דער לופטן זיך א בייזער געטאן. — קומט, ברי-דער... דא שטייען ניט ווייט די טעקסיס...

ער איז ארויס פון רעסטאראן א ביסל בארוישט אי פון ביר, אי פון דער רייכקייט, וואס ער האט פלוצלונג פון דער העלער הויט באקומען, און האט א רוף געטאן א טעקסי...

ער איז אריין, זיך אַוועקגעזעצט ברייט, אינמיטן, די צוויי פריינד בײַ זיין רעכטער און לינקער האַנט, ווי צוויי משרתים.

דער אַוטאָמאָביל האָט זיך געוויגט און געוויגט און אַייזיקן האָט זיך געדאַכט, אַז ער שוועבט אין אַ וועלט פון רייכקייט... אַז ער הייבט ערשט אָן צו דערפאַרן, וואָס הייסט אַזוינס לעבן פריי און ברייט...

די צוויי פריינד האָבן אויף אים געקוקט אַ ביסל מיט דאַנקבאַרקייט און אַ ביסל מיט קנאה. מיט דאַנקבאַרקייט — פאַרוואָס ער, דער גליקלעכער, דער רייכער, שעמט זיך ניט מיט זיי און גיט זיי אַ „ראַיד"; מיט קנאה — פאַרוואָס קומט עס אים אַזוי פיל עשירות... און זיי מוזן קאַרגן מיט זייער געהאַלט אַ גאַנצע וואָך...

אָבער אייזיק איז איצט געווען אויף אָן אמת רייך. די פאַנטאַזיע האָט אים געטראָגן אין ווייטע נייע וועלטן. און בײַ זיין רעכטער און לינקער זייט זיינען געזעסן צוויי קבצנים, אויף וועלכע ער האָט זיך מרחם געווען און זיי געשענקט אַ ביסעלע פאַרגעניגן...

---

# איבערן קינד

קיין גרויס וואוילטאג האט מען דעם קינד ניט געקענט געבן. די „ווייזושעס" פון יונגן פאטער זיינען בערך זייער קליין. אבער דער פאטער איז שוין געווען א האלב־אויפגעקלערטער מענטש און ער האט געהאט א שטארקע אמונה אין לופט... אבער אויך די לופט, וואס האט זיך געפונען אין די צוויי קליינע חדרים, איז פאר דעם קינד ניט געווען אמבעסטן. דער האלב־אויפגעקלערטער פאטער האט געהאט א ידיעה אין באצילן און מיקראבן און האט זיך פאר זיי געשראקן אימת־מוות... און אויב שוין יא א ביסל בעסערע לופט, מוז מען עס גיין זוכן אין דרויסן... צום גליק האט זיך די וואוי־נונג געפונען בשכנות מיטן העסטער־פארק... מיט דעם דאזיקן פארק האט דער יונגער פאטער זיך שטארק גערעכנט. דער הימל, א גרויסער און פרייער, ליגט איבער אים אויסגעשפרייט, און אזוי ווי דער הימל איז דאך ניט מער ווי לופט, וועט עס פארן קינד זיין א הילף. עס וועט איינאטעמען וויפיל עס הערט קענען און עס וועט נאך בלייבן פאר די איבעריקע קינדערלעך. פאר די גרויסע האט דעם יונגן פאטער ניט געארט.

הערפאר איז יעדער פרימארגן, ווען דער יונגער פאטער קלייבט זיך אוועקצוגיין אין שאפ, זאגט ער אן דער יונגער ווייבל:

— פארגעס ניט דאס קינד ארויסצופירן אין פארק און בלייב מיט איר דארטן וואס לענגער...

אין א יום־טוב, ווען ער איז פריי פון שאפ און בלייבט אין דער היים, טוט ער עס אליין. ער פארט אראפ מיטן ליידיקן וועגעלע פון פערטן פלאר, האלטנדיק דאס קינד אויף איין האנט. אין האל לייגט ער דאס קינד פארזיכטיק אריין אינעווייניק און ער מאכט די רייזע ביזן פארק...

עס איז א רייזע מיט די גרעסטע געפארן... ער דארף איבער־ווארטן גרויסע, שלעפעדיקע וואגנס, שנעלע אווטאמאבילן, פעדלער איינגעשפאנטע אין פושקארטס. אים דאכט זיך, אז די אלע זיינען בלויז באשאפן געווארן צו שאדן זיין קינד...

אבער ווי א געניטער קאפיטאן מיידט ער די אלע געפארן אויס. ווי א קאפיטאן לייגט אמאל אן וועג אויסצומיידן אן אייז־בארג, אזוי לייגט דער יונגער פאטער אן א פאר בלאקן וועג, אויסצומיידן א פושקארט פון א פעדלער. ביז וואנען ער ברענגט זיין שיף מיטן פאסאזשיר, עס הייסט — דאס וועגעלע מיטן קינד, אויף א זיכערן באדן — אין העסטער־פארק.

ווי פרי ער זאל ניט קומען, האט ער דאך א באנק אלין פאר־שפעטיקט. עס איז יום־טוב אויף גאטס וועלט און ניט נאר קליינע קינדערלעך, נאר גרויסע מענטשן ווילן אויך א ביסל לופט, און זיי געניסן זי ויצנדיקערהייט. לעבן מאנכע בענק שטייען וועגעלעך מיט שלאפעדיקע קינדער און עס היטן זיי אפ אדער די מוטערס, אדער די פאטערס, און אמאל ביידע צוזאמען...

דעם יונגן פאטער קומט אויס צו זוכן א ווינקל וואו אנידער־צושטעלן זיך מיט זיין וועגעלע.

אז עס געלינגט אים צו געפינען אזא ווינקל, פילט ער זיך גליקלעך. אין העסטער־פארק איז מען זיכער פון די אלע געפארן, וואס לויערן אויפן קינד אויף דער גאס... קיין אווטאמאביל, קיין עקספרעס־וואגן און אפילו דער פעדלער מיט דעם פושקארט וועט ניט האבן קיין העזה אהער ארייצוקומען.

שטייט אזוי דער יונגער פאטער לעבן וועגעלע און שמייכלט צום קינד. עס איז קאלט, דעקט ער עס איין ביזן נעזל. דאס נעזל מוז זיין אפגעדעקט, דאס קינד זאל קענען איינאטעמען די לופט... שפעטער א ווילע ווערט דאס קינד אנטשלאפן, האט שוין דער יונגער טאטע קיין ארבעט ניט, איז ער זיך מייטב און קויפט פאר צוויי סענט א צייטונג, אויסצוגעפינען וואס טוט זיך עפעס אויף דער וועלט...

ער שפרייט אויס איבערן וועגעלע די צייטונג און ער הייבט אן לעזן שטייענדיקערהייט... אויף דער וועלט איז גרויסע צרות...

שיפן גייען אונטער, מענטשן פאלן אין גאס פאר הונגער, מען פרירט אין קוילן, מילך ווערט טייערער, שטורעמס אין די ווייטע לענדער — זיי גייען, זיי וועלן קומען אהער...

און מיט דער אויסגעשפרייטער צייטונג איבערן שלאפנדיקן קינד לייענט ער איין אומגליק נאכן צווייטן... דאס קינד שלאפט מיט א רויקן שלאף. ער ווייסט פון גארנישט, אבער דעם יונגן פאטערס הארץ ווארפט זיך פאר שרעק... אים דאכט זיך, אז די אלע געפארן, וואס עס שטייט פאר דער וועלט, שוועבט איבער זיין קינדס קעפל, אויף וועלכן די צייטונג איז אויסגעשפרייט... ער כאפט אוועק שנעל די צייטונג, און לייגט זי צוזאמען, ווי ער וואלט געוועזן פארהיטן דאס קינד פון די אלע אומגליקן, וואס לויערן אויף דער וועלט און אויף זיין קינד...

# דער באַפרייטער

עס איז געקומען אַ טאָג, ווען זאַלקינד, אַ יונגער, שיינער בחור, אַ פריילעכער, אַ פאַרדינער און מיט שטאַרקע ניגונגען צום שיינעם געשלעכט, האָט זיך אַזוי פאַרפלאָנטערט מיט זיינע ליבערייען, אַז ער האָט ניט געוואוסט קיין אויסגאַנג פון דער לאַגע, וועלכע האָט שוין אָנגענומען כמעט אַ קאָמישן כאַראַקטער.

ער האָט, נעמלעך, אין איין אָוונט זיך געדאַרפט זען מיט צוויי באַקאַנטע מיידלעך, צו וועלכע ער איז אייגנטלעך ניט געווען באַזונדער אויפגעלייגט. מיט איינער, נעלין, האָט ער זיך געדאַרפט זען 9 אַ זייגער אין אָוונט אין אַ רעסטאָראַן, און מיט דער צווייטער, ליזען — 11 אַ זייגער. וועט ער דאַרפן זען, אַז נעלי זאָל אוועקגיין פאַר 11, כדי זי זאָל זיך ניט דערוואַרטן אויף ליזען. נאַטירלעך, האָט ער פאַר נעלין קיין מורא ניט, אָבער צו וואָס זאָל ער איר פאַרשאַפן צער? און בכלל איז אים שווער צו האַלטן דאָס גלייכגעוויכט, זייענדיק ביי איין טיש מיט צוויי; עס איז איינע פון די שווערסטע זאַכן צו זיין צו ביידן גלייך אויפמערקזאַם, צו ביידן גלייך גוט געניגט. דאָס איז שווער אפילו פאַר אַזאַ ערפאַרענעם יונגנמאַן, ווי זאַלקינד.

און פּאַסירט האָט, אַז נעלי האָט גראָד פאַרשפעטיקט, און איז געקומען האַלב נאָך ניין. הייסט עס, צו פאַרברענגען מיט איר ביז עלף וועט שוין פאַר איר זיין ווייניק. לויט איר ברייט אַוועקזעצן זיך און לויט דער טעמע פון געשפרעך, האָט זאַלקינד שוין געפילט, אַז זי וועט בלייבן לענגער ווי ביז עלף, און ער האָט פאַרשולדיקט געשמייכלט צו איר, און איז געווען אויפמערקזאַמער ווי אַלעמאָל. האָט דאָס זי נאָך מער אויפגעלייגט צו אים, און וועגן נעמען אַפשייד האָט זי גאָר בדעה ניט געהאַט.

און ליזע איז גראד געקומען פריער ווי עלף, און ניט אליין, נאר טאקע מיט אירער א חברטע, ראזע, אויך זאלקינדס א גאענטע באקאנטע, און אלע האבן זיך אוועקגעזעצט לעבן זיין טישל. איז ער געווען כמעט דער איינציקער אין רעסטאראן, וואו אלע האבן אים געקענט, וואס איז געזעסן מיט הדיי מיידלעך.

ביי א דערבייקן טישל איז געזעסן א חברה לוסטיגער יונגעלייט און האבן, ווי עס האט זיך זאלקינדן געדאכט, געקוקט אויף אים, ווער מיט א חוזק־שמייכל און ווער מיט קנאה, אדער ביידע צוזאמען. דאס האט אים אינערלעך געמאכט בייז און ווילד, אבער אויסערלעך איז ער געווען העפלעך און געפלייסט זיך אנצוהאלטן דעם שמועס אי מיט טאקט, אי מיט געוויסער לייכטקייט.

און אז ער איז שוין מיד געווארן צו אונטערהאלטן די אלע דריי מיידלעך, האט ער זיך אויסגעשטעלט, נאטירלעך, זיך שטארק אנטשולדיקט און איז צוגעגאנגען צום טישל פון די יונגעלייט און געבעטן ביי איינעם פון זיי, וואס איז געווען א נאענטער באקאנטער זיינער, אז יענער זאל זיך צוזעצן צו זיין טישל.

יענער האט עס מיט זעלבסטאויפאפערונג אנגענומען, האט אבער אויסגערעדט גלייך מיט זאלקינדן, אז פירן אהיים וועט ער זיי ניט, און זאלקינד האט דאס אים געמוזט צוזאגן. אבער זאל ער אים כאטש דא אויפן ארט ארויסהעלפן, איבערבייטן אים. אפשר אראנק אים, א נייעם, וועט דער געשפרעך נעמען א נייע ווענדונג.

אבער מיט דעם, וואס דער באקאנטער האט זיך צוגעזעצט, איז זאלקינדס לאגע ניט בעסער געווארן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די מיידלעך זיינען מיט דעם נייעם ניט צופרידן. ער האט ניט געמאכט דעם איינדרוק, וואס די מיידלעך האבן פארלאנגט, און יענער האט, זיך ניט קענענדיק אריענטירן צווישן זיי, זיך ענדלעך אויפגעהויבן און איבערגעלאזן זאלקינדן ווידער איינעם צווישן זיי.

און זאלקינד וואלט שוין פארטראגן זיין גורל געדולדיק, ווען פלוצים וואלט ער זיך ניט דערמאנט, אז צוועלף א זייגער דארף קומען אננע, שוין גאר א נאענטע באקאנטע, מיט וועלכער ער האט נעכטן אפגערעדט זיך צו טרעפן דא נאכן טעאטער.

אננע איז א מיידל א ברען, פאר איר האט ער פשוט מורא. זי וועט אים געפינען דא צווישן דריי מיידלעך, וועט זי אים מיט קלוגע, גוטע ריידעלעך אין מיט איר געוויסן הומאר ארויסנעמען דאס חיות. צו דער דאזיקער אננע האט ער בכלל געוויסע פליכטן: אין א מאמענט, ווען זי איז אים שטארק געפעלן געווארן, האט ער זיך איר כמעט דערקלערט אין ליבע.

אמת, ער האט זיך באלד צוריק פארכאפט, געגעבן אנצוהערעניש, אז ער דענקט צו בלייבן פריי זיין גאנצן לעבן, און כאטש זי האט אויך ארויסגעזאגט כמעט די זעלבע מיינונג, אז אויך זי, הייסט עס, איז ניט אויסן קיין אייביקס, האט ער דאך פאר דער דאזיקער אננען זיך געשראקן מער ווי פאר אלע.

און באמערקנדיק, ווי דער זייגער האלט שוין באלד בײ צוועלף, איז ער געווארן אומרויק אין האט גענומען הופן די דריי מיידלעך צו גיין.

די מיידלעך זיינען געווען געהארכזאם, און איינע נאך דער אנדערער האבן זיך אויפגעשטעלט.

זאלקינד האט יעדערער באזונדער אויף א געוויסן אופן מיט עפעס צוגעהאלפן, און אלץ מיט איין מין פריינדלעכקייט און העפלעכקייט, כדי ניט אויפצוזועקן קיין אייפערזיכט צווישן זיי.

און אלע דריי האבן אים צוריקגעשמייכלט אויך אויף איין שטייגער.

דאס זיינען געווען די באקאנטע שמייכלען פון מיידלעך צו א יונגנמאן, וואס וואלט געווען פאר יעדערער א גליק, ווען ער פאר־בינדט זיך מיט איר אליין.

ארויסגייענדיק פון רעסטאראן, האט ער פרייער אפגעאטעמט.

„מיט איינער וויניקער!" — האט ער זיך געטרייסט.

אבער זיין טרייסט איז געווען א פאלשע. אפגעגאנגען עט־לעכע טריט מיט די דריי און אנגעהויבן צו מאכן פלענער, וועלכע פון די דריי צו קאנען שיקן אהיים צוזאמען און וועלכע פון די איבעריקע וועט ער דארפן באגלייטן — ערשט אנטקעגן איז אנגע־קומען אננע.

טאקע זי, פאר וועלכער ער האט אזוי מורא געהאט.

זי האט אים ווי ארויסגעשלעפט פון די דריי מיידלעך, אים אנגעקוקט מיט טראציקע בליקן און געמיסט כלומרשט נוטמוטיק:

— א שיינער מענטש זייט איר, זאלקינד! איך יאג זיך איינע אליין פון טעאטער, כאפן אייך אין רעסטאראן, איך בין שטארק הונגעריק געווארן אין טעאטער, און איר גייט זיך דורך מיט אייערע פארערערינס, אזוי צו זאגן...

זאלקינד איז געווארן צעטומלט, פארווירט, פיל מיט שרעק פאר די דריי מיידלעך. זיי וועלן זיך זיכער באליידיקן, עס איז א שאנד, און וואס זאל ער דא איצטער טאן?

אבער פלוצלונג איז אים באפאלן די אידעע פון דער גרוי־סער באפרייונג. נאך אלעמען, איז דאך איינע ניט דריי, און זי, אננע, קאן אים איצט ראטעווען.

— איר זייט גערעכט, טייערע אננע, האט ער זיך פארטיי־דיקט, — טוט מיט מיר, וואס איר ווילט...

— אט אזוי רעדט, וועל איך אייך ווידער ליב האבן — איז אננע געווארן ווייכער — טא זעגנט זיך שוין אפ מיט אייערע פאר־ערערינס און קומט מיט מיר צוריק אין רעסטאראן.

אפשר גייט איר אויך מיט מיר צוריק? — האט זאלקינד שוואך, בלויז אויס העפלעכקייט זיי געפרעגט.

די אלע דריי מיידלעך האבן זיך דערפילט באליידיקט און אין דער שטיל באשלאסן דאס מאל איבּ אפלאזן.

און זיך קאלט אפגעזעגנט, זיינען זיי אוועק זייער וועג.

זאלקינדן האט ווי געטאן דאס הארץ, אבער דאס געפיל האט לאנג ניט געדויערט. ער האט זיך דערפילט באלד באפרייט פון א שווערן יאך.

— טייערע אננע, — האט ער זי גענומען אונטערן ארעם, — איר זייט ביי מיר איצט הערט אלץ אין דער וועלט. איר האט מיך באפרייט.

— איר ווילט זיך אוודאי פון מיר אויך באפרייען? — האט זי צווייטייטיק געפרעגט.

— ניין, טייערע אַננע, איך בלייבט שוין מיינע... קומט אַריין צוריק אין רעסטאָראַן.

— אָ, ניין, זאַלקינד, צו וואָס אין רעסטאָראַן, איר זייט דאָך ערשט געוועזן דאָרט. גענוג. קומט צו מיר אַהיים, איך האָב אין מיין צימער אַ מאַשינקע, אוי גלויבט מיר, איך וועל געפינען וואָס צו עסן ניט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר אייך אויך, גייט איהר?

און אַ גליקלעכער איז זאַלקינד נאָכגעגאַנגען דער איינציקער אַננע.

און איהר האָט ער איצט געזען זיין באַפרייינג.

און זי האָט אים פעסט געהאַלטן...

# דער שיינער מאַן

דער טשעק, וואָס עדעלשטיין האָט געגעבן יעדן שבת זיין ווייב אויף אַ גאַנצער וואָך הוצאה, איז טאַקע געווען אַן אייגענער טשעק מיט זיין אייגענער אונטערשריפט, אָבער אָנגעשריבן האָט ער אים נאָך אין זיין קליינעם ביזנעס־אָפיס. און אָנגעשריבן האָט ער דעם טשעק מיט אַ טאָג פריער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע טשעקעס, וואָס ער האָט אויסגעצאָלט פאַר דער וואָך די עטלעכע „מענטשן“, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אים.

דער טשעק איז געווען אויף אַ גאַנץ נישקשהדיקער סומע, אויף וועלכער זיין ווייבל לאה האָט זיך ניט געקאָנט באַקלאָגן. דער טשעק האָט איר ניט נאָר געקלעקט אויף צו פירן די הוצאה ניט צו קאַרג, נאָר עס איז איר אַפילו אַמאָל איבערגעבליבן אַ צוויי־דריי דאָלער.

דערלאַנגען איר דעם טשעק פלעגט עדעלשטיין מיט דער זעלבער מינע, ווי ער האָט דערלאַנגט זיין הויפּט־„מענטשן“: אי מיט ווערדע צו זיך אַליין, וואָס ער צאָלט מיט טשעקעס, אי מיט דרך־ארץ צו לאהן, וואָס זי איז ווערט דעם טשעק אַלס גוטע באַלעבאָסטע. לאה פלעגט דעם טשעק צונעמען מיט אַ געוויסער נכנעקייט, ווי עדעלשטיין וואָלט געווען אי אַ פרעמדער, אי אַ העכערער פון איר. אָפטמאָל פלעגט זי אַפילו אַריינמורמלען:

— אַדאַנק, עדעלשטיין.

נאָכן אָפּגעבן דעם טשעק האָט זיך עדעלשטיין געפילט זיכערער מיט זיין מאַנסבילקייט, און אַפילו אַז ער איז ניט געווען גאָר הונגעריק, פלעגט ער אַ פרעג טאָן, אמת, זייער העפלעך:

— איז עפּעס דאָ וואָס צו עסן.

אַוודאי איז געווען וואָס צו עסן. לאה האָט דעם פאַריקן טשעק

ניט פאַרטאַכלעוועט אויף אַבי־וואָס. ס'איז געווען פון בל־טוב, און ווי אַ געניטע קעלנערין פאַר אַ רייכן גאַסט פלעגט זי שטיין און אויסרעכענען די מאכלים.

נאָכן אָפּעסן איינער אַליין, פלעגט ער זיך אויפשטעלן, אַ זאַטער, אַ צופרידענער, אַריינלייגן ביידע הענט אין די הויזנטאַשן, מעשה העלד, זיך שטעלן קעגן שפּיגל און באַטראַכטן זיין שיינקייט.

מיט זיין שיינקייט איז ער געווען זיכער. דאָס פּנים רונד און ראַזיק, ווי אַן עפּל, די ליפּן פּולבלוטיק, און די ציין, וואָס ער פּוצט צוויי אַמאָל אַ טאָג אין הויז און איין מאָל אין אַ האַלב יאָר ביים דענטיסט — זיינען ווייס ווי מילך. די האָר פון קאָפּ שוואַרץ און געדיכט.

און בלייבנדיק צופרידן מיט זיך און מיט זיין שיינקייט, פלעגט ער זיך ווענדן מיט אַ פּאָר געוויינלעכע ווערטער צו לאהן, אַליין וועגן שטוביקע זאַכן, אויך וועגן די צוויי קליינע קינדער, וואָס האָבן דאָס רוב זיך געשפּילט אין דרויסן, און פלעגט אַוועקגיין „אין גאַס" זען זיך מיט מענטשן, אַמאָל וועגן ביזנעס אויף דער צווייטער וואָך, און אַמאָל פאַרברענגען.

אַוועקגיין פלעגט ער אַ זיכערער, אַ מיט זיך אַ מיט לאהן. עס איז אים געפעלן געווען איר רעספּעקט צו אים... און פאַר נאָענטע ביזנעס־באַקאַנטע פלעגט ער זי טאַקע רימען:

— איך האָב אַ וואַיל ווייבל... זי רעספּעקטירט מיך...

צי האָט ער זי רעספּעקטירט — וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט. גענוג, אַז זי איז צופרידן. דער טשעק, ווייס ער, איז גענוג גרויס, אַז עס זאָל איר גאָרנישט פעלן. קומט צו אַ קלייד, צו אַ מאַנטל, צו אַ פּאָר שיך און אפילו ויידענע זאַכן, גיט ער איר עקסטרע געלט. אַזוינע מענער — האָט ער זיך געטראַכט מיט זיכערקייט — וואַלגערן זיך ניט אין היינטיקע ציטן... און קאָרטן שפּילט ער ניט. לאה — כאָטש ער האָט איר קיינמאָל ניט געזאָגט — איז אַ שיין ווייבל.

ער איז געווען זיכער, אַז ער איז לאהס גאָט. און דאָס האָט אים אינערלעך געוואַרעמט און געלויכטן... אין אַלע ווינקעלעך פון זיין האַרצן איז געווען ליכטיק און וואַרעם און באַקוועם...

— אך! אך! אך! — פלעגט ער זיך אמאל צעזיפצן מיט רחבות, האלטנדיק ביידע הענט אין די הויזנטאשן...

און אט דער „אך" איז ביי אים געווען דער אויסדרוק פון העכסטער צופרידנקייט מיט זיך, מיט די ביזנעס, וואס גייט גאר פיין, און אויך מיט לאהן און די צוויי קינדערלעך...

* *
*

איז אים פלוצלונג איינגעפאלן ביי א געוויסער געלעגנהייט, דווקא אין א מיטנוואכיקן אוונט, א פרעג טאן — אזוי זיך, אין א וויציקער פארם:

— נו, לאה, האסט מיך ליב, יא? זאג, לאה, האסט מיך ליב?

לאה האט געשוויגן.

איז אים געפעלן געווארן דער וויץ. זי איז, קענטיק, צו דער פראגע ניט געוויינט געווען. ווייל וועגן ליבע האט עדעלשטיין, וואס איז נאך בחורווייז געווען א ביזנעסמאן, אפילו אלס חתן מיט איר ניט גערעדט. מען האט זיך באקענט, ארומגעגאנגען א קורצע צייט, און גלייך — לייסענס...

האט ער זי א פרעג געטאן נאכאמאל:

— זאג, לאה, נו, זאג... איך וויל טאקע הערן... האסט מיך ליב?

און אים איז אליין געפעלן געווארן דער איינפאל זיינער, צו פרעגן זיין לאהן, צי זי האט אים ליב...

לאה האט געשוויגן...

— וואס? דו שעמסט זיך צו ענטפערן? — איז ער שוין עטוואס ערנסטער געווארן.

ער האט שוין טאקע געוואלט הערן דעם ענטפער, אז יא. עס איז אים געפעלן געווארן זיין איינפאל אליין.

לאה האט נאך פארעקשנטער געשוויגן.

איז ער שוין צוגעגאנגען צו איר גאר נאענט, אריינגעקוקט איר טיף אין די אויגן.

זיינע בליקן האבן זיך באגעגנט מיט אירע.

אירע בליקן האבן אים ווי אויסגעניכטערט.

ער האָט זיך אָפּגערוקט פֿון איר, געקוקט אויף איר פֿון אַ גרױסער װײַטקײט און װידער געפֿרעגט, אָבער שוין װי מיט שרעק:

— לאה, פֿאַרװאָס ענטפֿערסטו ניט?

— װאָס זאָל איך דיר ענטפֿערן? — האָט זי װי דערשלאָגן אַרױסגערעדט.

— צי האָסטו מיך ליב? — האָט שוין עדעלשטײַן געפֿרעגט און געבעטן זיך צוזאַמען.

— איך קאָן דיר ניט ענטפֿערן.

— הא, װאָס? דו קאָנסט מיר ניט ענטפֿערן, צי האָסטו מיך ליב...

לאה האָט געשװיגן.

— איך װעל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז דו װעסט מיר ענטפֿערן — איז שוין עדעלשטײַן ערנסט געװאָרן, און זײַן פּנים איז עטװאָס בלאַסער געװאָרן.

— איך האָב קײן צײַט ניט — האָט לאה דיפּלאָמאַטיש געענטפֿערט — איך מוז גײן מאַכן מיטאָג.

— איך פֿאַרלאַנג ניט קײן מיטאָג — האָט עדעלשטײַן פּלוצלונג אױסגעשריען מיט גרױס אומרויִקײט — מיר װעלן הײַנט גײן אין אַ רעסטאָראַן עסן... יאָ, לאה, יאָ?

— װאָס עפּעס מיט אַמאָל, פּלוצלונג? — האָט לאה געשמײכלט.

— אָט אַזױ װיל איך... נו, זאָג, לאה, האָסט מיך ליב?...

דער ענטפֿער איז ניט געקומען.

און ער איז געשטאַנען פֿאַר לאהן אַ דערנידעריקטער און אַ געזונקענער. און דאָס ערשטע מאָל איז אין זײַן נשמה אַרײַנגעפֿאַלן אַ שטראַל פֿון ליבע.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט, איז אַרײַן אין צװײטן צימער, זיך געשטעלט קעגן שפּיגל, באַמערקט אַן אַנדער מענטש קוקט אױף אים און אונטער די אױגן — בלויע פֿאַסן...

איז װידער אַרײַן צו לאהן, שוין אין קיך.

— לאה, ענטפֿער מיר...

לאה האט אים אנגעקוקט, באמערקט צום ערשטן מאל זיין בלאסקייט. דערפילט זיין אינערלעכע ענדערונג, האט זי א שמייכל געטאן און געענטפערט:

— איצטער יא...

און עדעלשטיינען איז מיט אמאל עפעס קלאר געווארן... און אנקוקנדיק ווי מיט נייע אויגן לאהן האט ער זיך גערודלט:

— און איך, נארישער ביזנעסמאן, האב געמיינט, אז דו האסט אזוי שטארק ליב געהאט... מיטאמאל גאר, הא?... לאה, הא?...

און א נייע אומרויקייט איז געקומען אין עדעלשטיינס הארץ. אבער די אומרויקייט האט אים געבראכט מער גליק און פרייד, ווי די פריערדיקע זיכערקייט.

— זעסט, לאה — האט ער איר אין א צייט ארום צוגערופן צום שפיגל, וואו ער איז געשטאנען און זיך באטראכט — זעסט, איך האב דא א קנייטש אין שטערן.

— הא, א קנייטש? — איז לאה צוגעקומען, באטראכט מיט מבינות דעם קנייטש און א גליקלעכע געזאגט:

— עס שאדט ניט, פארקערט, דער קנייטש פאסט דיר...

— האסט מיך ליב? — האט ער געפרעגט און אומרויק דער־הארט דעם ענטפער.

אבער לאה האט אים א גלעט געטאן איבערן קאפ און דאס האט אים שוין באגליקט...

## דער אונטערנעמער

ווען מאירסאן האט געהאט די „גוטע צייטן“, ווייס קיינער ניט פון דעם קרייז, וואו ער געפינט זיך שטענדיק. אבער מ׳ווייס, אז יא. דער איינדרוק, וואס ער, מאירסאן, מאכט, איז אזא, האס לאזט ניט צווייפלען אין זיין געוועזענער הצלחה. און טאמער צווייפלט עמעצער, איז דא איינער פון די, צווישן וועלכע מאירסאן געפינט זיך, שוין אן עלטערער מענטש, וואס אז ער שטרענגט גוט אן זיין זכרון, דערמאנט ער זיך, אז יא. — ער געדענקט!

— ער האט, דאכט זיך, געהאט אן אייגענעם שאפ... — פארקנייטשט יענער דעם שטערן טיפער, צו דערמאנען זיך...

מאירסאן אליין רעדט ניט. ער שמייכלט בלויז צו, ווען מ׳הייבט זיך אן גרונטעווען אין זיין לעבן. וואס ס׳איז געווען, איז געווען, דער עיקר, וואס עס וועט זיין.

— עס וועט נאך זיין גוט! — זאגט ער אפטימיסטיש.

אז ער האט יא ווען געהאט א גוטע צייט, זאגן עדות זיינע אנצוגן. שטענדיק ריין און זויבער, אבער מ׳דערקענט, אז זיי זיינען געניט געווארן מיט א סך יארן צוריק...

— א פיין סוטל, מר. מאירסאן! — באמערקט אמאל איינער פון קרייז באקאנטע. זיצנדיק לעבן אים אין קאפע־הויז ביי א טישל,— ווען האט איר אים געמאכט?

— א, שוין לאנג! — ענטפערט מאירסאן אומצופרידן, ווי געזאגט: — צו וואס זיך אוועקלאזן אין דער ווייטער פארגאנגענהייט?...

אויך די קראגנס, וואס מאירסאן טראגט, שטענדיק קלארע, פריש געפרעסט, זיינען פון א פאסאן, וואס פאר די יונגעלייט פון קרייז איז עס גאר אומבאקאנט. די עלטערע אבער געדענקען נאך,

ווען מ'האט אזוינע קראגנס געטראגן. קוקנדיק אויף די דאזיקע קראגנס, מוז מען בשתיקה אפזיפצן.

אבער דווקא די דאזיקע אלטמאדישע קראגנס גיבן צו מאירסאנען פארנעמקייט. עס איז טאקע ניט קיין לעגענדע וועגן די אמאליקע גוטע צייטן זיינע. מ'זעט עס באשיינפערלעך.

איז דערפאר טאקע האבן גרויסע זארג פון אים די נאענטע באקאנטע. מאירסאן גייט אום שטענדיק אן א שטעלע, און פון א שטעלע איז ער זיך מדחה.

מען פרוווט דאך אמאל איידל זיך ווענדן צו אים:

— איר ווייסט, מר. מאירסאן, איך האב גערעדט מיט מיינעם א באקאנטן, א מאנופעקטשורער, וועגן אייך, וואלט ער געווען זייער צופרידן זען זיך מיט אייך. וועדליג איר, מיט אזא גרויסער באקאנטשאפט, וואלט געקאנט עפעס אויפטאן פאר אים און און אליין מאכן געלט.

מיינט מאירסאן, אפשר א פארטנערשיפ. קיין געלט האט ער טאקע אליין ניט, אבער זיין פעיקייט! ער וואלט זיכער דאס געשעפט ארויפגעארבעט, ווען יענער, דער מאנופעקטשורער, גיט אים כאטש א דריטל שערס אין געשעפט.

ווייזט זיך גאר ארויס, אז דער מאנופעקטשורער דארף האבן א סיילסמאן פאר צוואנציק דאלער א וואך געהאלט.

לאכט מאירסאן:

— וואס הייסט, א סיילסמאן? איך קאן אליין, נישקשה, זיין א מאנופעקטשורער...

און ער דערציילט טאקע, ווי ער פירט איצט אונטערהאנדלונגען מיט א קאמפאניע וועגן גאר א נייער אונטערנעמונג.

— אז ס'זאל געלינגען, — פארזיכערט ער, — איז דאס א פראגע פון מיליאנען...

און דער באקאנטער, וואס האט אים פארגעשלאגן די שטעלע, פארשעמט זיך טאקע פאר זיין פארשלאג.

— אנטשולדיקט מיך, מר. מאירסאן, איך האב ניט געוואוסט...

— אך, פארקערט... — ווערט מאירסאן גוטמוטיק און גרויס־מוטיק צוזאמען, — פון אייער זייט איז זייער שיין, אבער ניט דאס איז מיין וועג.

ער נעמט ביים באקאנטן דערוויל א סגארעט, פאררויכערט און ווערט נאך אפטימיסטישער.

— די אונטערנעמונג, וואס איך גיי איצט אונטערנעמען, וועט אייך איבערראשן...

קיין פרטים זאגט ער ניט, נאר ביי א גלאז קאווע מיט אן איידעלן שטיקל קוכן, וואס ער באשטעלט, ווערט ער רעדעוודיקער, זיין פאנטאזיע צעשפילט זיך:

— דאס איז א קארפארייישאן און די קארפאריישאן וועט האבן א גרונד־קאפיטאל פון א האלבן מיליאן, מיט בראנטשעס אין דער קאנטרי...

ער רעדט עס מיט אזא זיכערקייט, אז דער באקאנטער פאר־אינטערעסירט זיך אליין:

— נו, ווי אזוי וועט מען קריגן דעם האלבן מיליאן דאלער?

— וואס הייסט, — שערס! — פארענטפערט מאירסאן די וויכ־טיקסטע פראגע.

שערס, דאס איז דער איינציקער מיטל, ווי אזוי ארויסצוקריכן פון א פארפלאנטערטער לאגע און ארויפשטייגן אין דער הויך...

נאך אזוינע אפטימיסטישע געשפרעכן וועגן דער אונטערנע־מונג, פארשווינדט מאירסאן אויף עטלעכע וואכן. די באקאנטע זעען אים ניט.

מען פרעגט נאך, מען פארשט, מען וויל וויסן, וואס איז גע־ווארן.

ביז מ'ווערט געוואר, אז מאירכאן האט שוין טאקע אן אפיס מיט א טעלעפאן.

— איך זאג אייך, אז דער מענטש וועט נאך אמאל ווערן א מיליאנער... — נעמט שוין איינער ערנסט מאירסאנס פעיקייט.

— זייער מעגלעך...

אין א צייט ארום באווייזט ער זיך ווידער צווישן דעם קרייז פון די באקאנטע, א פריילעכער, אן אפטימיסטישער.

מיינט מען טאקע, אז ער איז שוין ארויסגעארבעט. איז מען גערירט פון זיין כאראקטער, וואס כאטש ער איז שוין אזוי ווייט אוועק, קומט ער נאך צו באקאנטע.

ביי א געוויערן געשפרעך אבער ווייזט זיך ארויס, אז עס איז נאך ניט „דאס".

— וואס, געפלאצט? — פרעגט מען מיט שרעק.

— ניין, חלילה, געפלאצט קאן מען נאך ניט זאגן, — שמייכלט א גליקלעכער מאירסאן, — נאר עס דארף נאך נעמען צייט...

נאר אז ער בלייבט זיצן מיט די באקאנטע א פאר שעה און איילט זיך ניט אוועקצוגיין, נעמט מען עס אן פאר ניט קיין גוטן סימן.

אין עטלעכע טעג ארום זיצט ער שוין נאך לענגער אין קאפע־הויז. ווייסט מען שוין, אז פון דער קארפארייישאן מיט די מיליאנען איז גארנישט געווארן. פונדעסטוועגן, איינער, א נייגעריקער גיט דאך א פרעג:

— וואס, מר. מאירסאן, טאקע געפלאצט?...

— אויף זיכער ווייס איך נאך ניט — ענטפערט מאירסאן שוין אין א מעסיקן טאן, — די טעג וועט מען שוין קאנען וויסן אקוראט.

פרעגט מען שוין מער ניט און מ׳טראכט שוין ווידער וועגן א שטעלע פאר מאירסאנען...

נאר מאירסאן האט שוין פארטראכט א נייע אונטערנעמונג.

די אונטערנעמונג איז אבער אזא מין גראנדיעזע און פון אזא כאראקטער, וואס מ׳קאן עס דערווייל ניט פארטרויען אפילו דעם נאענטסטן מענטשן.

— דאס איז פתח שין — שא.... — זאגט ער מיט א וויאק, און זיין שוין עטוואס פארעלטערט פנים לייכט־אויף און די אויגן גלאנצן מיט א יונגן פייער.

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז ער פּייניקט דערמיט זיינע נאָענטע, טרייסט ער זיי, אַז אינגיכן וועט מען עס וויסן.

איינס פונדעסטוועגן איז ער זיי גלייך מגלה:

— דאָס וועט זיין אַ קאָרפּאָריישאָן...

אָבער וויפיל אַ „שער“ וועט קאָסטן איז נאָך דערווייל אַ סוד...

און די פריינד הערן, שטוינען און גלויבן. אַזאַ כּוח האָט אין זיך מאַירסאָן.

# פ ר י י ד

—...איר זאָגט פֿרייד — האָט דער מיטליעריקער גאָרדאָן, וואָס איז געזעסן אין אַ קריז פֿון באַקאַנטע, זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פֿון עפּעס אַ וואָרט — פֿרייד מוז האָבן אַ ציל. עס מוז האָבן אַ „פֿאַרוואָס“. און איצט, ווען איך פֿיל זיך גוט און אָן אַ פֿאַרוואָס, האָב איך זיך גראָד דערמאָנט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך וועל אייך דערציילן.

און ווען די קליינע גרופּע פֿריינד איז אויפֿמערקזאַם געוואָרן, האָט גאָרדאָן, נאָך אַ קליינער פּויזע, אָנגעהויבן:

עס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ ווינטער־אָוונט. איך בין נאָך דער באַשעפֿטיקונג אַריין אין אַ קאַפֿע־הויז, וואו איך האָב אויסגעטרונקען אַ קאַפֿע און שוין געוואָלט גיין אַהיים. עס איז געווען אַ מיטנוואָכיקער טאָג, און בלייבן צו שפּעט אין שטאָט איז ניט געווען צוליב וואָס. מיין פֿרוי וואָלט אי פֿאַריבל געהאַט, אי זיך געוואונדערט. נו, האָב איך זיך טאַקע, נאָכדעם ווי איך האָב זיך איבערגעוואָרפֿן מיט אַ פּאָר באַקאַנטע מיט עטלעכע אומוויכטיקע פֿראַגן, געלאָזט גיין. שוין זייענדיק אין גאַס, האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַ גוטן באַקאַנטן. איר קענט דאָך אים, ליבמאַנען, אַ יונגערמאַן אַ פֿרייער, אַ לעבעדיקער, אומבאַהייראַט, אָן פֿליכטן. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— וואוהין גייט איר, גאָרדאָן?

— אַהיים.

— אַזוי פֿרי?

— איך מוז...

— עט... איר רעדט זיך איין. איר מוזט גאר ניט. קומט מיט מיר. איך האב אויסגעזוכט א „קנייפע“, איז דאס א פארגעניגן. איך קום די לעצטע צייט אהין אפט אריין. קומט, מיר וועלן פאר־ברענגען א ביסל. ס'איז דארט דא א פידעלע, א ביסעלע וויין. פריי־לעך.

עס קומט פאר א ראנגלעניש: פון איין זייט די הייס, א מיטנוואכיקער אוונט, פון דער אנדער זייט — א קנייפע, א פידעלע, א ביסעלע וויין, פריילעכקייט, אראפ דער יאך, כאטש א ויסער יאך. און דא לאכט ער נאך, ליבמאן, פון מיר:

— וואס ציט איר אויף זיך ארויף די עלטער, גזלן! איר זייט דאך נאך א יונגערמאן...

המ... ער איז גערעכט, אט דער ליבמאן, א פיינער יונגערמאן.

— גוט, זאג איך, איך פאלג אייך, אבער ניט אויף לאנג...

— דאס וועלן מיר שוין זען... — שמייכלט ער.

פון זיין שמייכל פארשטיי איך שוין, אז ער וועט מיך ניט אפלאזן שנעל אהיים, אבער איך באשליס צו קעמפן: העכסטנס א שטונדע!

די „קנייפע“, ווי ליבמאן האט עס גערופן, איז געווען ניט אזוי ווי ליבמאן האט מיר פארגעשטעלט. וואו־ניט־וואו ביי א טישל איז געזעסן אן איינזאמער מענטש, ערגעץ־וואו אין א ווינקל — א פארל; ביי דער קאסע איז געזעסן אומעטיקלעך די באלעבאסטע און איז קענטיק געווען ניט גאר צופרידן מיט דער קליינער צאל געסט. דער פידלער אין ווינקל ביי א טישעלע איז געזעסן מיט דער פידל אין האנט און האט אפילו ניט געטראכט פון שפילן.

ליבמאן האט מיך געטרייסט:

— עס וועט באלד זיין פריילעך.

און צורופנדיק א קעלנער, מיט וועמען ער איז שוין קענטיק געווען נאענט באקאנט, האט ער אים ווי איינגערוימט א סוד:

— פון בעסטן...

באלד איז געשטאנען אויף אונזער טיש, ביי וועלכן מיר זיינען געזעסן פנים־אל־פנים, א פלאש ווייסער וויין און ביי די זייטן צוויי גלעזער.

— טרינקט! — האט מיר ליבמאן אנגעגאסן א גלאז וויין.

איך האב אויסגעטרונקען די גלאז וויין, מיט איין אטעם, ווי איך וואלט וועלן פארטויבן אין מיר עפעס אן אינעווייניקסטן געשריי. דער וויין איז געווען גוט, שטארק, אבער פריילעכער בין איך ניט געווארן. עפעס האט מיך געפייניקט...

— עפעס זייט איר מיר היינט אומעטיק — האט מיין שכן פראטעסטירט. — טרינקט נאך א גלאז. און ער האט געוויזן א ביישפיל.

איך האב דעם ביישפיל נאכגעפאלגט.

אבער אויך די צווייטע גלאז האט ניט געהאלפן. איך האב זיך אפילו געסטארעט ניט צו אנטפליעקן מיין פריינד און לוסטיק צו אים צוגעשמייכלט. ער אבער האט דערקענט אן מיר און געקלאגט זיך:

— גארדאן, איר זייט אומעטיק.

— יא, איך בין מודה — האב איך ענדלעך צוגעגעבן. — איך ווייס ניט פארוואס, אפשר איז שוין טאקע צייט צו גיין אהיים.

— ניין. אזוי אוועקגיין טארט איר ניט. באלד וועט דער שפילער עפעס שפילן.

און ווירקלעך האט דער פידלער אנגעהויבן צו שפילן און דווקא זייער א פריילעכס.

אבער עס האט ניט געגומען. צווישן היין און די פריילעכע טענער האט זיך אריינגעגנבעט אן אומעט.

מיין ליבמאן האט עס ענדלעך געמוזט צוגעבן:

— עפעס איז טאקע היינט דא ניט פריילעך — א וואונדער! אבער גיין וועלן מיר נאך ניט. עס איז שוין מיין פליכט צו מאכן אייך פריילעך. זאל איך באשטעלן נאך א ביסל וויין?

— הם... איך גלויב, אז עס איז געטוג, — רוף איך זיך אן. אבער איך אליין וויל שוין ניט אוועקגיין אזוי־א. כאטש דער געוויסן פלאגט מיך: וואס טוסטו דא און וואס איז דער ציל — גלאט אינמיטן דערינען.

ליבמאן באשטעלט נאך א ביסל וויין און ער פארזיכערט מיך, אז איצט וועט זיך ערשט אנהייבן די שמחה.

דער מוזיקאַנט שפּילט נאָך אַ פרײלעכס. יאָ, דוכט זיך... ניין. עס איז עפּעס ניט פרײלעך. איך גיב אַ קוק: דער ווײנער איז שוין צוועלף.

איך רײס מיך שוין צו גיין.

— ניין, ניין. לאָזט מיך ליבמאַן ניט אָפּ... — אַזוי אַוועקגיין טאָרן מיר ניט... מיר וועלן נאָך זיצן...

און קענען מײן ווילן בלייב איך, פון פרײלעכקייט בין איך זיך שוין מייאש, אָבער איך וואַרט נאָך אויף אַ נס...

עפּעס וועט דאָך קומען...

און אָט ווערט שוין איינס אַ ווײגער: מײן גאָט, ווי שפּעט. פאַרוואָס גיי איך ניט אַהיים!

און אָט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יונגערמאַן, אַ פרעמדער. פון זײן גאַנץ אויסזען און קליידונג און האַלטונג ווײט עפּעס פרעמדס. זיכער איז ער ניט פון אונזערע, אָן אַנדערער. ווי קומט ער אַהער, און אַזוי שפּעט?

אָבער אײדער וואָס־וועז, גייט ער צו צו אונזער טיש, באַגריסט זיך מיט ליבמאַנען און זעצט זיך לעבן אים אַוועק.

— איר קענט אים? — פרעג איך שטיל ליבמאַנען.

— יאָ. — ענטפערט ער נאָך שטילער.

דער יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין אַ לײכטן מאַנטל, רײבט די הענט. עס איז אים קענטיק קאַלט. אָבער ער שמייכלט ווי אַ גליקלעכער, ווי אַ צופרידענער, ווי אַ באַזאָרגטער מיט אַלץ. ער פרעגט נאָר, צי האָט ליבמאַן אַ פּאַפּיראָס.

מער ווי דאָס פעלט אים, הייסט עס, ניט. מיר אָבער ווערט קשה: אַ מענטש קומט פון גאַס, וואו פיל קרעמלעך זײנען נאָך אָפן, האָט ער דאָך געקענט קויפן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

און נאָכדעם ווי איך באַטראַכט אים, דערפיל איך, אַז ער איז איינער פון מײנע נאָענטסטע, גאָר נאָענטסטע. אַ פרייד נעמט מיך אַרום.

— טרינקט אַ גלאָז ווײן... שמייכל איך צו אים.

— יאָ. אַ גלאָז ווײן קען מען טרינקען, — זאָגט ער און שמייכלט צוריק.

און איך פיל, ווי ער האט זיך מחיה געווען. און איך ווער באדיישט אט פון דער גלאז וויין, וואס דער יונגערמאן האט אויס־געטרונקען.

— איך האב געפילט, אז איך וועל דא אייך טרעפן, האט ער זיך געווענדט צו ליבמאנען.

— יא, געוויס, — ענטפער איך פאר ליבמאנען. — עס איז נאך ניט אזוי שפעט. און וואס באשטעלט איר עפעס צו עסן?

— המ... עסן? עסן אייגנטלעך וויל איך גארניט. סיידן וועט זיי האבן דא עפעס פון די אריגינעלע קיכעלעך. דאס קען איך עסן אפילו זאטערהייט...

פארשטייען מיר שוין, וואס דאס מיינט און איך און ליב־מאן רופן צו דעם קעלנער און בעטן אט די אריגינעלע קיכעלעך.

— אויסגעגאנגען...

— אך, א שאד, א שאד! — באדויערט דער יונגערמאן. אבער איך טראכט מיר, אז שטרודל, וואס עס איז, ווי איך זע אויבן בופעט, נאך יא דא, וועט אייך זיין אריגינעל פאר אים, און איך שלאג אים פאר:

— אפשר שטרודל?

— איך האב דווקא ליב די קיכעלעך, נאר עס קען זיין א שטיקל שטרודל, טאקע בלויז איין שטיקל, ווייל אייגנטלעך עסן וויל איך ניט.

אבער דער שטרודל איז אויך געווען זייער אריגינעל און מיר האבן באשטעלט נאך צוויי שטיקער.

דער פידלער האט דערווייל אנגעהויבן עפעס שפילן און אזוי ווי די פריילעכע ניגונים האבן זיך ביי אים איבערנאכט אויסגענומען, האט ער זיך גענומען צו די אומעטיקערע. אבער דווקא איצט האט זיין שפילן אונז דערהויבן.

— א וואונדערלעכער ניגון! — האט ליבמאן געדימט און האט שיר ניט אונטערגעטאנצט.

— יא... איצט פיל איך זיך פריילעכער. איך ווייס גארניט די אורזאך. דער וויין האט מיך אפנים פארט באדיישט...

און מיט דאנקבארע בליקן האב איך געקוקט אויפן פרעמדן, וואס איז מיר פלוצלונג אזוי נאענט געווארן, — און מיין קומען אהער איז געווען צוליב א גרויסן ציל.

ס'איז געקומען די אמתע פרייד און געבראכט האט זי דער עלנדער פרעמדער יונגערמאן.

-- איר לאכט? — האט גארדאן פארענדיקט, — און איך באזיכער אייך, אז אזוי האב איך עס פארשטאנען, און א גליקלעכער בין איך אוועק אהיים...

די צוהערער האבן זיך פארטראכט...

# ע ר פ אַ ל ג

די פּרימאַדאָנע פון טעאַטער, וועלכע האָט געטראָגן דעם גליקלעכן נאָמען „עדן", האָט געענדיקט דעם סעזאָן מיט ערפאָלג: אַפּלאָדיסמענטן, בלומען־קרענץ און רום! זי האָט זיך אַזוי גליק־לעך געפילט, אַז אין איר געזיכט איז געקומען די יוגנטלעכע ראָזע פאַרב און, אַנטוענדיק זיך צו גיין ערגעץ אין אוונט מיט איינעם פון אירע טעאַטער־פריינד, האָט זי דאָס געזיכט און די ליפּן צוגע־פאַרבט מער אויס געוויינהייט ווי אויס נייטווענדיקייט.

אַז זי איז אַרויס מיט איר פריינד אין דרויסן, איז געווען זיבן אַ זייגער אין אָוונט. עס איז געווען אָנהייב פרילינג. עס האָט געבלאָזן אַ לינד ווינטעלע, און אונזער פּרימאַדאָנע, מיט איר בינע־נאָמען — אַלבינע, האָט זיך דערפילט ווי אַ פויגל... אין באַלד האָט זי זיך אָנגערופן צו איר פריינד:

— היינט אָוונט וויל איך ניט שפּילן... איך וויל לעבן עכט... איר פאַרשטייט, דזשעק? עכט.....

דזשעק האָט אַפילו גוט געקענט די פּרימאַדאָנע אַלבינע, אָבער וואָס זי מיינט מיט די ווערטער „לעבן עכט", האָט ער ניט קלאָר באַגריפן.

— אפשר אין דער אָפּערע? — האָט ער פאַרגעשלאָגן.

— נאָ! — האָט זיך אַלבינע אָפּגעוואָרפן — מיר זיינען נמאס געוואָרן אַט די אַלע געצוימטע קונסטן... איך וויל עפּעס לייכטעס, ביליגעס, וואולגאַרעס... איך וויל זיך באַפרייען...

— לייכטעס, ביליגעס, וואולגאַרעס? — האָט דזשעק, וועלכער האָט עס אייגנטלעך שטענדיק גערן געהאַט — געמורמלט מיט אַ צווידייטיקן שמייכעלע... — אויב אַזוי, וועל איך אייך פירן אין וואָדעוויל...

— אט דאס מיין איך! — האט אלבינע אויסגערופן. — אבער עס זאל זיין איינמאל וואדעוויל...

— איר מיינט בורלעסק? — האט דזשעק זי אנגעקוקט מיט א פייערל אין די אויגן.

— איך מיין נאך ערגער.

— איר מיינט, הייסט עס... א, איך ווייס שוין... קומט... אין „ארפעאום"...

— „ארפעאום"! עס געפעלט מיר! — האט אלבינע א גליקלעכע אויסגערופן.

* *
*

אז זיי זיינען אריין אין „ארפעאום", האט אלבינע זיך אנגעפאנגס דערשראקן, אומגעקוקט זיך, וואו זי איז אריינגעפאלן. דאס פובליקום, וועלכער איז באשטאנען דאס רוב פון מענער, האט זיך פארגעבריט צום ספעקטאקל, וועלכער האט זיך באלד גענדארפט אנהייבן, און האט זיך דערפאר געהאלטן זייער אומרויק. און אזוי ווי דאס רויכערן איז אין „ארפעאום" געווען דערלויבט, און דאס פובליקום איז באשטאנען פון לויטערע רויכערער, איז דער רויך געווען געדיכט, כאטש צו שניידן מיט א מעסער. אלבינע, וואס האט ליב געהאט צו רויכערן פארפומירטע סיגארעטלעך, האט דעם דאזיקן רויך, דאס רוב — פון בילינן טאבאק, ניט געקאנט פארטראגן. זי האט זיך געקלאגט פאר דזשעקן:

— אך, ווי דא שטיקט!

— אפשר גיין צוריק?

— נא... מיר געפעלט די אטמאספערע... זעט א פובליקום... באטראכט זיי נאר...

באלד האט זיך אויפגעהויבן דער פארהאנג. אויף דער סצענע האבן זיך גענומען שיטן פון אלע זייטן, פון הינטער די קוליסן, טענצער, טענצערינס, כאריסטקעס, אין עקזאטישע קאסטיומען און האבן גלייך, אן קיין שום צוגרייטונגען, זיך געלאזט טאנצן. באלד האט זיך פון דער גאנצער מענגע ארויסגעטיילט זיך איינע,

געשטעלט פארויס און גענומען זינגען א לידל, קאמאנטירנדיק עס מיט פארשיידענע באוועגונגען פונעם קערפער...

— דאס איז די היגע פרימאדאנע — האט דושעק אריינגעשושקעט אלבינען. אלבינע האט א שמייכל געטאן און האט געענטפערט:

— קריטיקירט ניט... דאס פובליקום איז פארליבט אין איר... זעט ווי מען שלינגט איר יעדן זשעסט מיט די אויגן...

און ווירקלעך האט דאס פובליקום פון אלערליי פלעצער: פון פארקעט, פון דעם ערשטן און צווייטן באלקאן און פון דער גאלעריע, — זיך איינגעגעסן מיט די בליקן און דער זינגערין, וואס האט, אריינגייענדיק אין עקסטאז, אויסגעטאנצט און אויסגעזונגען איר פארכטונג צו זיך און צו אלע...

די פרימאדאנע אלבינע פון „עדן" האט זיך שוין געוואלט באפרייען פון „ארפעאום", אבער דושעק איז דווקא געפעלן געווארן די פרימאדאנע אויף דער סצענע... ער האט פארזיכטיק באמערקט:

— מיר דאכט, אז זי האט אמאל געהאט א שטים.

אלבינע האט דערויף גארניט געענטפערט. זי האט בלויז פארלאנגט א געדרוקטע פראגראם....

— דא גייט עס אן א פראגראם — האט דושעק געשמייכלט.

ער האט געפילט, אז אלבינע אמוזירט זיך ניט און האט שוין חרטה, וואס זי איז מיט אים געגאנגען אהער. אבער דא האט ער זיך דערמאנט, אז עס איז א דאנערשטאג אוונט, דער אוונט פון די אמאטארן... ער האט א גליקלעכער זיך צו איר געווענדט:

— איר ווייסט, אלבינע? מיר זיינען אהער געקומען אין דעם אינטערעסאנטסטן אוונט... דאנערשטאג... נאך דער פראגראם וועט פארקומען עפעס אזוינס, וואס וועט אייך אמוזירן...

— צום ביישפיל?

— אלע דאנערשטאג אוונט, נאכדעם ווי די ריכטיקע פראגראם ענדיקט זיך, פאנגט זיך אן א פראגראם פון די אמאטארן. דאס זיינען יענע ארעמע קינדער פון פאלק, וואס האבן גרויס אמביציע צו דער בינע, מעלדן זיי זיך צום פירער פון „ארפעאום" צו ערלויבן זיי מאכן פראבע פארן פובליקום, אט באר דעם פובליקום... ווער

פון די אַמאַטאָרן עס נעמט אויס, באַקומט אַ פּרייז און אַמאָל אַ שטעלע מאַקע דאָ אין טעאַטער.

— און די איבעריקע? — האָט אַלבינע געפרעגט.

— די איבעריקע קומען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. עס זיינען דאָ צווישן זיי אויך טאַלאַנטפולע! אָבער ניט אַלעמאָל קלייבט זיי דאָס פּובליקום אויס. אָבער איך וויל אייך ניט אַלץ דערציילן. מיר וועלן בעסער וואַרטן ביז די אַמאַטאָרן וועלן ערשיינען... איך זאָג אייך, עס וועט אייך אַמוזירן...

אַלבינען האָט עס פּאַראינטערעסירט, און מיט אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף דעם אויסטערלישן משפּט פון פּובליקום איבער דעם אַרויסטריט פון די אַמאַטאָרן.

* * *

די פּראָגראַם האָט זיך געענדיקט פריער ווי געוויינלעך. דאָס פּובליקום איז אָבער געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו די ערטער. לויט דעם ערנסטן אויסדרוק פון די געזיכטער האָט אַלבינע פאַר־שטאַנען, אַז די אַמאַטאָרן־פּראָגראַם איז דאָס וויכטיקסטע ביים פּובלי־קום... ער גרייט זיך צו משפּטן.

עס איז אַרויס דער פירער פון „אָרפעאום", אַ דיקער מיטל־יאָריקער מענטשל פון נידעריקן וואוקס, און שטעלנדיק זיך פאַראויס, ביים אַראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג, האָט ער אין אַ הומאָריסטישן פאָר־וואָרט געמאָלדן וועגן אָנפאַנג.

פון הינטער די קוליסן איז אַרויס מיט ניט־זיכערע טריט אַ יונג מיידל אין אַ ווייער אָרעמען אָנצוג. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער מיט, אַנטקעגן פּובליקום, און איידער זי האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן איר קונסט, האָט זי געוואָרפן בליקן פול מיט רחמים און געבעט...

דאָס פּובליקום האָט דערשפּירט איר שרעק. אים אָבער האָט זיך געגלוסט אַמיזמענט. דאָס מיידל האָט עס דערפילט. אַלבינע האָט באַמערקט, ווי ביי איר קאַלעגין ציטערן די קני.

— זי וועט דורכפאַלן! — האָט דזשעק פאַרגעזאָגט.

— אזא רחמנות! — האָט אַלבינע שיר זיך ניט צעוויינט.

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן זינגען אַ פּאָפּולערן „סאָנג“.

אין אָנפאַנג איז איר שטים געגאַנגען גלאַט, אָבער בּיי דעם דריטן טאַקט האָט זיך איר אַ טאָן ווי צעבּראָכן אויף צוויי. מער האָט דאָס „פאַלק“ פון „אָרפעאום“ ניט געוואָלט. איינער פון דער לעצטער בּאַנק אויף דער גאַלעריע האָט איר נאָכגעמאַכט אויף אַ זייער קאָמישן אופן. דאָס איבעריקע „פאַלק“ האָט זיך צעלאַכט. דאָס מיידל האָט זיך דווקא פון דער בּאַליידיקונג דערפילט געשטאַרקט. זי האָט איבּערגעזונגען אין הויכע, ריינע טענער דאָס געלעכטער און געהודער. דאָס פּובּליקום איז שטילער געוואָרן. אָבער באַלד איז זי ווידער מיט אַ טאָן הינגעפאַלן. און אפשר האָט עס דעם פּובּליקום זיך נאָר געדאַכט. דער פּידער פון „אָרפעאום“ איז צו איר צוגעגאַנגען און זי אָפּגעשטעלט, און באַלד האָט זיך געוויזן אַ האַנט פון הינטער די קוליסן, וועלכע האָט זי מיט אימפּעט אַ שלעפּ געטאָן הינטערן פאָרהאַנג און זי איז פאַרשוואונדן.

דאָס איז דעם פּובּליקום שטאַרק געפעלן געוואָרן. דאָס געלעכטער האָט זיך געקייקלט איבּער אַלע פּלעצער פון „אָרפעאום“...

— ס'איז שוידערלעך! — האָט אַלבינע אויסגערופן, — אַזא גרויזאַמקייט!...

— אַזוי זיינען זיי! — האָט הושעק פילאָסאָפירט.

באַלד איז אַרויס אַ יונגער בּחור. ער האָט זיך שוין געפילט דרייסטער. קענטיק, ער איז שוין אַמאָל אַרויסגעטראָטן ערגעץ. ער האָט זיך געלאָזט טאַנצן אַ נעגער־טאַנץ. אָבער בּיי די ערשטע פּאָר שפּרונגען האָט ער עפּעס פאַרבּראָכן קעגן דעם געשמאַק פון איינעם פון די מבינים אויף דער גאַלעריע. עס האָט אויסגעבּראָכן אַ געלעכטער.

דעם האָט מען שוין צוריק געשלעפּט מיט אַ הוק... ער האָט זיך געראַנגלט און דאָס פּובּליקום האָט זיך ווידער אַמיזירט.

אַזוי האָבּן זיך געבּיטן, די אַמאַטאָרן די אָנפאַנגער. זעלטן ווען דאָס פּובּליקום האָט איינעם אָדער איינער געגעבּן אַ געלעגנהייט צו ענדיקן זיין קונסט.

אלבינען האט זיך גראד געדאכט, אז איניקע פון זיי באזיצן טאלאנט. און באלד האט איר דורכגעבליצט א געדאנק, אז ווען זי אליין זאל ערשיינען דאס ערשטע מאל פאר אזא פובליקום, וואלט זי זיכער דורכגעפאלן אויף אייביק.

זי האט זיך אזוי דערשראקן פאר דעם געדאנק, אז זי האט גענומען זוכן שוץ ביי דזשעקן.

— דזשעק... ווי געפעלט אייך?

— עס איז אינטערעסאנט...

— עס איז גרויזאם... יענע מיידל האט געהאט א שיינע שטים...

— זיכער! — האט דזשעק מסכים געווען.

און דאס, וואס דזשעק האט מסכים געווען, האט אין אלבי־נען נאך מער פארשטארקט דעם גלויבן, אז זי וואלט דא ביי א פראבע אויך דורכגעפאלן. הייסט עס, אז איר גאנצער רום, איר ערפאלג איז נאר א צופאל.

און ארויסגייענדיק פון טעאטער מיט דזשעקן, האט איר גע־קלונגען די שטים פון דער מיידל, וועלכע דאס פובליקום האט אזוי גרויזאם באליידיקט...

— דזשעק... דאס מיידל, — איר געדענקט... זי האט א שיינע שטים...

— זיכער... — האט דזשעק באשטעטיקט..

זי האט דערפילט ווידער די נישטיקייט פון איר רום. א צופאל ... א צופאל... אט יענע מיידל וואלט געקענט זיין ווי זי, אלבינע, און זי ווי יענע... עס ווענדט זיך נאר אן דער גענאד אדער אן דער גרויזאמקייט פון פובליקום.

און די פרימאדאנע אלבינע האט וועגן דעם, וואס אווינס עס איז רום און ערפאלג — מער געלערנט אין „ארפעאום“, ווי אין „עדן“־טעאטער.

# דער אָפּגרונט

אויסערלעך האָט בערקמאַן אין פּאַרלויף פון די פילע יאָרן, וואָס ער איז אין לאַנד, זיך אינגאַנצן אַמעריקאַניזירט, סיי אין זיינע מאַנירן, סיי אין אַרט פון ביזנעס פירן און סיי אין זיינע קליידער. וואָס אָנבאַטרעפט אָבער אינערלעך, איז ער געבליבן דער זעלבער צאַרט-פילנדיקער און אַפילו סענטימענטאַלער מענטשעלע, ווי אין דער היים אין אַ רוסישער גובערניאַלער שטאָט, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען צו אַכצן יאָר.

אין אָפיס, וואָס ער האָט געהאַלטן אַלס פאַרשטייער פון אַ גרויסער האַנדלס-אַגענטור, האָט ער זיך געפירט מיט אַ געוויסער שטרענגקייט. זיינע באַזוכער האָט ער אויפגענומען מיט דער באַגרענעצטער עטיקעט פון אַ געניטן ביזנעסמאַן, ניט צו אָפט געשמייכלט, ניט צופיל איינגערעדט. געמאַכט אַ מינע, ווי עס איז אים אַלץ איינס דער יאָ און דער ניין. אַמאָל גאָר האָט ער דעם קליענט איינגערעדט ניט צו מאַכן דאָס געשעפט. געוואָלט אים ווייזן, דעם קליענט, אַז ער, בערקמאַן, איז אַ ראַעלער מענטש און יאָגט זיך ניט נאָך איבעריקע פּראָפיטן.

מיט דער מיידל, וואָס פלעגט ביי אים אַרבעטן אַלס סטענאָגראַפיסטין און מאַשינשרייבערין, פלעגט ער זיך באַציִען העפלעך, אָבער אויך גענוג שטרענג. איבערהויפּט דאַן, ווען זי איז געווען באַזונדערס שיין און צוציִענדיק און זי האָט געוואוסט, אַז ער איז נאָך אַ בחור און ער פאַרדינט שיינע טויזנטער יערלעך. איז אָבער צו אים אַריינגעפאַלן אין אָפיס אַ מאַשינשרייבערין אַן עלטערע און מיט אַ ניט באַזונדערס סימפּאַטישער אויסערלעכקייט, האָט ער זיך שוין צו איר באַצויגן מיט אַ געוויסער פאָטערלעכער באַציִונג, אויך שטרענג — אָבער שוין אַ מער געקינסטלטע שטרענגקייט. קיין איבעריקע גע-

שפּרעכן אויסערהאַלב די ביזנעס האָט ער אָבער מיט קיין איינציקער פון די דאָזיקע מיידלעך ניט געפירט. מורא האָבנדיק, זיי זאָלן זיך אָן אים ניט אָנטשעפּען אויף אַן אמתן און שטעלן אים געוויסע פאָדערונגען, וואָס זאָל ביי אים רויבן די פרייהייט אויף אייביק.

ער האָט טעאָרעטיש ליב געהאַט דאָס לעבן פון אַ „באַטשע־לער״, ווי ער האָט זיך די לעצטע יאָרן גערופן. אין אמתן אָבער האָט ער געבענקט נאָך אַ חברטע אין לעבן. ער האָט בלויז מורא געהאַט אַריינצופאַלן צו אַזעלכער, וועלכע וועט אים נאָך די ערשטע צערטלעכקייטן נמאס ווערן, איבערהויפּט — זיך פילן פרעמד מיט איר.

דערצו האָט ער ליב געקראָגן, שוין אויס געוווינהייט, זיין קליי־נעם איינזאַמען „פלעט״, וועלכן ער האָלט שוין אַ צייט ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט.

ער האָט ליב געהאַט, קומענדיק אַהיים, סיי אין פריען אָוונט נאָכן לייכטן סאַפּער, סיי אַמאָל שפּעט פון דער אָפּערע אויסציען זיך אין די קליידער אויף דער סאָפע מיטן קוואָדערדיקן סיגאַר אין מויל און טראַכטן פון אַלטע פאַרגאַנגענע טעג, אָדער, נאָך בעסער, ליגן זיך אַזוי גאָר אָן געדאַנקען אין קאָפּ און רוען נאָך דעם טאָג פון שווערער אומאינטערעסאַנטער אַרבעט און אָנשטרענגונג.

אַריינגעמען איינדרוקן האָט ער זיך זוי געפוילט, ער האָט ליבער געהאַט די איינדרוקן, וואָס האָבן זיך ביי אים פאַרן טאָג אָנ־געזאַמלט, צוריק אַרויסטרייבן, און דאָס האָט זיך אַזוי לייכט געטאָן מיט דער הילף פון דעם דיקן סיגאַר, וואָס האָט אַזוי העל געלויכטן אויפן שפּיץ פון דעם גרויען אַש.

אין דער אָפּערע איז ער געווען אָן אָפטער באַזוכער. בילעטן פלעגט ער אָנגרייטן פאַר צוויי — עס האָט אים ניט געאַרט די איבע־ריקע פאַר דאָלאַר פאַר אַ צווייטער פערזאָן מיטצונעמען אַמאָל, אויב עס וועט זיך נאָר מאַכן. עס האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געפונען די פּאַסנדיקע פּערזאָן. ער האָט שוין אַמאָל געוואָלט פאַרשלאָגן זיין מאַשיניסטין, וועלכע איז גראָד געווען איינע פון די שטילסטע, און ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט דערנאָך פון אים גאָרניט

פאָדערן. ער האָט שוין שיר־שיר איר ניט פאַרגעשלאָגן, אָבער אַז ער האָט זיך צו איר געווענדט מיט אַ זייטיקער פראַגע, כּדי ניט גלייך אַרויספּאָרן מיט זיין אײַנלאַדונג, האָט דאָס שטילע מיידל ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מיינט, אַז עס איז נאָך פאַר זעקס דער זייגער און זי האָט פאַרלעגן גע־שמייכלט:

— ניין, מיסטער בערקמאַן, שוין זעקס...

—געווים, געווים. ניט דאָס האָב איך געמיינט,—האָט בערקמאַן געשטאַמלט און עס האָט אים אינערלעך שוין הנאה געטאָן, וואָס עס האָט זיך געענדיקט בלויז מיט אַ אומפאַרשטענדעניש.

אָבער די אָפּערע אַליין האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. צו־ליב איין גוט שטיקל מוזיק, וואָס יעדע אָפּערע האָט פאַרמאָגט, האָט ער געמוזט אויסהערן גאַנצע שטיקער, וואָס האָבן צו אים ניט אַפּעלירט און האָבן אים, פאַרקערט, שטאַרק געלאַנגווייליקט.

דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט אַ וויקטראָלע און געקליבענע רע־קאָרדס מיט ניגונים, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט פאַר זיינע שטימונ־גען און ער פלעגט אין די איינזאַמע אָוונטן לאָזן זיך פון זיי פאַר־ווילן.

אַמאָל פלעגט אים באַזוכן זיין עלטערע שוועסטער. אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ שיין גרוי־געוואָרענעם קאָפּ, אָבער מיט שוואַרצע און יונגע אויגן. די שוועסטער איז געווען שטענדיק אָרעם, אָבער זי פלעגט זיך פאַרן ברודער קיינמאָל ניט קלאָגן. פאַר־קערט, זי האָט געהאַט אַ טבע אים צו באַהיטן און פון צייט צו צייט אויסמורמלען:

— אויך מיר אַ לעבן...

האָט ער געמיינט, אַז דאָס קלאָגט זי זיך אויף איר לעבן, און ער איז געווען גרייט איר צו העלפן, אָבער זי האָט אים ערקלערט:

— איך מיין טאַקע דיין לעבן... וואָס האָסטו פאַר אַ הנאה פון דיינע פאַרדינסטן? האָב, ברודער, קיין פאַריבל ניט, דו ביסט אפשר קליגער פאַר מיר...

אָבער בערקמאַן האָט ניט ליב געהאַט צו הערן זיין שוועסטערס נאָטאַציעס, כאָטש טיף אין האַרצן האָט ער געהאַלטן, אַז זי איז טאַ־

קע געטרעכט און פארשטייט אים גוט. און אפשר טאקע דערפאר האט עס אים ווי געטאן.

נאך א קורצן געשפרעך, וואס פלעגט צווישן זיי פארקומען, פלעגט די שוועסטער אנהייבן אים בעטן, ער זאל אמאל ארויפקומען צו איר.

— דו דארפסט זיך מיט מיר ניט שעמען. מילא, אפשר איך געפעל דיר ניט, אן אלטמאדישע יידענע, אבער מיינע קינדער, גאט צו דאנקען — מעגסט זיי אנקוקן...

און בערקמאן האט זיך אליין פארוואורף געמאכט, וואס ער גייט אזוי זעלטן צו איר. ביי איר איז ווירקלעך אזוי פריילעך, פון אלע ווינקעלעך טראגט זיך א ווארעמקייט און א היימישקייט. עס איז בלויז אן אומגליק, וואס ער האט גארניט וואס צו ריידן מיט זיי אלע. דער שוואגער איז א וואויל מענטשל, נאר אזוי ווייט פון בערקמאנס וועלט, אז אויסער וועגן וועטער קאן ער זיין געשפרעך מיט אים ניט אונטערהאלטן.

וואס אנבאטרעפט די קינדער, זיינען זיי אלע אזוינע פריילעכע. די עלטערע מיידל בליט ווי א בלום. און אזא ארעמקייט, און דאך ווי שיין און געזונט זי זעט אויס! און דערמאנענדיק זיך אן איר, וויל ער טאקע פרעגן ביי דער שוועסטער, וואס זי מאכט. ער הייבט אבער אן דיפלאמאטיש פון די קלענערע:

— וואס מאכט דאס קליינווארג?

— זיי זיינען אלראיט. העניעלע ענדיקט שוין באלד די פאבליק־סקול... וועט שוין אנהייבן ארבעטן...

— און וואס מאכט קיידי?...

— א, קיידי — צעשטראלט זיך דער שוועסטערס פנים, — קיידי איז שוין א מויד. „גייט שוין אויס מיט א באי"...

— דאס איז פיין! — מורמלט ארויס בערקמאן און באמיט זיך צו באהאלטן זיין אינערלעכע אויפרעגונג, כאטש ער ווייסט ניט, וואס ארט עס אים אזוי.

— קום ארויף אמאל! — בעט זיך די שוועסטער ביים אוועקגיין. וועסטו מאכן מיט א הינדערטער וויניקער, — ענדיקט זי מיט א וויץ, ווי איר שטייגער איז.

איינמאל, נאך א טאג שווערער ארבעט, האט ער דערפילט א בענקשאפט און א נאענטקייט צו זיין שוועסטער, און איבערהויפט צו אירע קינדער. צו וואס זאל ער לעבן אין אזא איינזאמער וועלט, ווען ער קאן האבן לעבן זיך אזא ווארעמען נעסט. ער האט געמאכט א פלאן, אז ער וועט נעמען א וואוינונג צוזאמען מיט איר, און נאך דעם אפיס, ווען ער וועט קומען אהיים, וועלן צו אים אין צימער ארייגפליען, ווי פייגעלעך, דאס קליינוואַרג. איינס וועט ער נעמען אויפן שויס, די צווייטע וועט ער האלטן ביי דער האנט און דער דריטער וועט ער גלעטן איבערן קעפל. זי האט זיי, קיין עין־הרע ניט, גענוג.

וואס אנבאטרעפט קידי, וועט ער זי אמאל אויסנעמען, ווי עס פאסט פאר א רייכן פעטער. אט וועט ער זי נעמען אין דער אפערע. זי איז דאך דארט אוודאי קיינמאל ניט געווען. ווי זי וועט דאס זיין אנטציקט! איר וועט דאך אלץ געפעלן, ניט נאר איינציקע שטעלן.

פון היינט אן און ווייטער וועט ער שוין זיין לעבן איינארדענען לעבן זיי. זיי זיינען אים די נאענטסטע און די איבערגעגעבנסטע. ער וועט אראפרייסן די מאסקע, וואס ער האט יארנלאנג געטראגן, און וועט ארייגקומען ווי א ברודער און א פעטער... אט בין איך פאר אייך ווי איך שטיי און גיי... זייט נאענט מיט מיר און פארגעסט אן מיין אפיס, אן מיינע פארדינסטן און אן מיין בלומרשטער רייכקייט...

ער האט געוואלט שוין וואס גיכער זיין דארטן. ער וועט נעמען אן אוטאמאביל און הײדא צו זיי! מיטן זעלבן אוטאמאביל וועט ער טאקע פארן מיט קידין צו דער אפערע.

עס איז געווען א ווארעמער פארנאכט, ווען בערקמאן איז ארויס פון אפיס. די זון האט געהאלטן ביים פארגיין, אבער האט זיך נאך געראנגלט מיט די לעצטע כוחות און ניט געוואלט אונטערגיין. בערקמאן האט זיך ארייגעזעצט אין דעם ערשטן אוטאמאביל, וואס איז געשטאנען אין קארנער פון סטריט, געזאגט דייטלעך דעם אדרעס און באלד איז ער שוין געפלויגן צו זיינע נאענטע.

דער אויטאמאביל האט זיך ענדלעך אפגעשטעלט האַרט לעבן טראָטואַר פון א טענעמענטהויז. ביים גאַניק זיינען געזעסן מוטערס מיט קינדער ארום זיי, עס זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע פּאָרלעך און ס'האט גערוישט און געלאַרעמט: דאס אָנקומען פון אויטאָ־מאביל האט אנגעמאכט אן איבערקערעניש. די קליינע קינדער האבן זיך האַרט ארומגעשטעלט ארום אויטאמאביל און מיט נייגעריקע קינ־דערשע בליקן באטראכט זיין גרייס און גלאַנץ. די יונגע פּאָרלעך האבן געשמייכלט איינע צו די אנדערע און זיך געשושקעט: ס'איז קיידיס אנקל... דער רייכער אנקל...

בערקמאַן האט זיך געפילט ווי פאַרלאָרן צווישן אזוי פיל ניי־געריקע בליקן און צווישן די אלע קינדער, צווישן וועלכע ער האט אויך דערקענט א פּאָר פון זיין שוועסטערס. ער האט פאַרווירט באצאָלט דעם שאָפער, פאַרגעסן אין פאַרלעגנהייט צו געבן אים א טיפּ און זיך געלאָזט גיין אויף די טרעפּ.

ביים ארויפגאַנג האט ער באַגעגנט א באַקאַנט געזיכט פון א יונג מיידל מיט א יונגן פרעמדן באָי. ער האט זיך אנגעשטרענגט צו דערמאָנען, וואו ער האט די מיידל געזען, און באלד זיך דער־מאָנט:

— העלאָו, קיידי! — האט ער איר אויסגעצויגן די האַנט.

קיידי האט געקוקט דא אויפן רייכן אויסגעפּוצטן פעטער, דא אויפן אויטאמאביל, וועלכער איז נאך געשטאַנען ביים טראָטואַר, אין זי באַרשעמט פאַר איר באָי, וועלכער האט ווי מיט שרעק באַ־טראכט איר פעטער, האט זי רויט ווערנדיק געענטפערט:

— העלאָו, אנקל! און באלד צוגעגעבן ווי געצוואונגען: — אזוי לאנג ניט געזען...

— יאָ... לאנג... — האט בערקמאַן גערעדט ווי א שולדיקער און זיך פאַרהאַלטן, זוכנדיק וואס צו זאגן דער דאזיקער פרעמדער מיידל, וועלכע איז געשטאַנען מיט א נאך פרעמדערן באָי.

— קומט ארויף! — האט זי ענדלעך געפונען פאַר נייטיק צו זאגן כאטש עפּעס, דער רייכער פעטער זאל זי ניט האלטן פאַר א נאַר

— יעס... איך וועל אַרויפגיין, אָבער ניט אויף לאַנג... איך מוז באַלד פאָרן ערגעץ.

און זעענדיק, אַז דער אויטאָמאָביל שטייט נאָך, האָט ער זיך געווענדעט צום שאָפער:

— וואַרט ביי אַ צען מינוט, איך וועל באַלד צוריקפאָרן...

ער איז אַרויף אויף די טרעפ און זיך אָפּגעשטעלט ביים דריטן פלאָר.

— העכער! — האָט קיידי געשמייכלט. — מיר וואוינען אויפן פערטן...

— יאָ, איך געדענק! — און זיך געלאָזט העכער.

די שוועסטער, וואָס האָט זיין קומען נאָך באַמערקט דורכן פענסטער, האָט אים באַגעגנט פאַרווירט און צעטומלט. זי האָט זיך ווי געשעמט צו קוקן אים אין די אויגן און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן.

— וואו זיינען די קינדער? — האָט בערקמאַן סתם אַ פרעג געטאָן.

— אָט, זיי האָבן זיך אַרומגעהאַנגען אין דעם אויטאָמאָביל. אַ קליניקייט! ביי זיי אַן אויטאָמאָביל!

„טייערער ווי דער אַנקל״, — האָט בערקמאַן געוואָלט אין אַ וויציקן אופן פאַרוואורף מאַכן. עס האָט אים אָבער ניט געדינט די צונג.

דערווייל איז קיידי צוגעגאַנגען צו אים און זוכנדיק דאָס פּאַסנדיקע וואָרט, האָט זי זיך געררויטלט און ענדלעך געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, אַנקל... מיין פריינד וואַרט אויף מיר. קומט בעסער אַמאָל שבת... איך מיין זונטאָג ביטאָג...

און פאַרניינגנדיק זיך, איז זי שנעל אַרויס.

בערקמאַן האָט גלייך דערפילט דעם אָפּגרונט, וואָס איז געלעגן צווישן אים און זיי אַלע דאָ, און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט וואָס גיכער צו אַנטלויפן.

אין צען מינוט אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַוטאָמאָביל, וועלכער איז געפלויגן אין דער ריכטונג צו דעם אָפּערע־הויז. דער זייגער איז שוין געווען אַכט. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן...

# דער ניו-יאָרקער

אַז דער ניו-יאָרקער יונגערמאַן לייבאָוויטש איז צוליב אַ ליטעראַרישן ענין, נעמלעך, צו פֿאַרקויפֿן ביכער פֿון ליטעראַרישן אינהאַלט, אַריינגעפֿאָרן אין איינער פֿון די פּראָווינץ-שטעט, ערגעץ אין אַ ווייטלעכן שטאַט, וואָס האָט געציילט בײַ אַ האַלבן מיליאָן נפֿשות, שוין מיט די פּאָר צענדליגער טויזנט ייִדן, און דערזען די שיינע, רייכע גאַסן מיט די, לויט זיין גוסט, וואונדערלעכע געביידעס, האָט אים אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון גרויס פֿאַרערונג און באַוואונדערונג.

געוויס, ער אַליין איז טאַקע אַ ניו-יאָרקער, שוין בײַ אַ יאָר צוועלף, אַז ער וואוינט אין דער גרעסטער שטאָט פֿון לאַנד, אָבער דאָס אמתע ניו-יאָרק האָט ער קיינמאָל רעכט ניט אָנגעקוקט, ווײַל וואוינען האָט ער געוואוינט שטענדיק אין די געדיכטע ייִדיש-באַפֿעלקערטע געגנדן, אַמאָל דאַון-טאַון, אַמאָל אין בראַונזוויל און אַמאָל אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל אין די בראָנקס. מען קאָן ניט לייקענען, אַז ער איז אפֿשר צופֿעליק אַמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען בראָדוויי און פֿינפֿטע עוועניו אויך; אָבער דער איינדרוק איז בײַ אים פֿון יענע גאַסן גלייך אָפּגעווישט געוואָרן.

דערפֿאַר איז ער שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פֿון דער ערשטער קאָונטרי-שטאָט, וואָס ער האָט דערזען.

— אַ פֿיינע שטאָט! — האָט ער געריִמט פֿאַרן באַגלייטער, וואָס דער זעלביקער האָט אים אויך אָראָפּגענומען פֿון דער באַן און אים געפֿירט צופֿוס אויף דער אַכסניה.

דער באַגלייטער, וואָס איז אין ניו-יאָרק קיינמאָל ניט געווען און זיין איינציקער אידעאַל איז געווען ניו-יאָרק, האָט דעם גאַסטס מיינונג אָנגענומען בלויז פֿאַר אַ קאָמפּלימענט פֿון אַן איידעלן מענטשן. ער האָט זיך געווּנדערט און געזאָגט:

— עס פרייט מיך זייער, וואָס איך, אַ ניו־יאָרקער, געפעלט אונזער שטאָט. מיר זיינען ניט אַזוי שטאַרק פארליבט אין איר.

דערוויל זיינען זיי פאַרביי־געגאַנגען פאַר אַ הויכער, שיינער געביידע אין גאָטישן סטיל.

וואָס דאָס איז פאַר אַ סטיל, האָט לייבאָוויטש אויך ריכטיק ניט געוואוסט, כאָטש ער איז געווען אַ ניו־יאָרקער. אָבער די געביידע האָט אים געפעלט.

— אָך, ס'אַרא שיינע געביידע! — האָט ער געריממט.

— דאָס איז אונזער סיטי־האָל, — האָט דער באַגלייטער, אַ מיטגליד פון אַרטיקן אַרבעטער־רינג־בראַנטש, באַשיידן ערקלערט און נאָך מער באַשיידן צוגעגעבן: — איך גלויב, אַז אייער סיטי־האָל איז שענער...

— האַ, איר מיינט די ניו־יאָרקער? — האָט זיך לייבאָוויטש ווי צעטומלט און ניט געוואוסט קלאָר, צי האָט ער ווען באַטראַכט די ניו־יאָרקער סיטי־האָל.

און ער האָט דיפּלאָמאַטיש אַרויסגעשטאַמלט:

— יאָ... נאַטירלעך, מען קאָן ניט פאַרגלייכן. ניו־יאָרקער סיטי־האָל איז אוודאי שיין; אָבער אָט דער געפעלט מיר אויך זייער שטאַרק...

— פאַר אַ קאַונטרי־שטאָט איז עס גענוג, — האָט דער באַגלייטער נעבעכדיק מודה געווען.

האָט שוין לייבאָוויטש אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער טאָר ניט צופיל לויבן די קאַונטרי־שטאָט, אויב ער וויל דאָ האָבן פאַרערער און מאַכן ביזנעס אַלס אַ ניו־יאָרקער...

דאָך, אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען נאָך אַ שיינע געביידע, וואָס האָט פאַרנומען זיין אויג, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן און האָט ווידער אויסגעדריקט זיין התפעלות.

— דאָס איז אונזער היפּאָדראָם, — האָט דער באַגלייטער געשמייכלט, ווי איינער זאָגט: וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אין פאַרגלייך מיט דעם ניו־יאָרקער היפּאָדראָם...

— א, אייער היפּאדראָם! — האָט לייבּאָוויטש זיך דערשראָקן, ווייל דעם ניו-יאָרקער היפּאָדראָם האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעקוקט,— עס איז ניט אויסגעקומען...

האָט ער שוין באַשלאָסן מער אין התפּעלות ניט אַריינפאַלן.

פונדעסטוועגן, אַז זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אין אַ רייכער סטריט, און לייבּאָוויטש האָט דערזען די גרויסע געשעפטן, מיט דער גרויסער מענגע מענטשן, מיט די קורסירנדיקע אויטאָמאָבילן און די שיינע וואַגאָנען פון טראַמוואַי, האָט ער זיך ווידער ניט געקאָנט באַהערשן:

— דאָס איז דאָך אַ וואונדערלעך-רייכע סטריט... — האָט ער אויסגערופן.

— דאָס איז אונזער מעין-סטריט, די גרעסטע סטריט אין שטאָט,— האָט דער באַגלייטער פאַרגעשטעלט. — עס הייסט, עס זיינען דאָ נאָך אַ פּאָר סטריטן, וואָס זיינען נאָך גרעסער...

— איז דאָך אייער שטאָט טאַקע אַן אמתע גרויסע שטאָט...

— נו, יאָ... אַלס אַ קאָונטרי-שטאָט איז זי נישקשה... אָבער צו ניו-יאָרק קומט זי, פאַרשטייט זיך, ניט...

— המ... יאָ... געווים... ניו-יאָרק! — האָט לייבּאָוויטש געמורמלט, מורא-האָבנדיק אַריינצופאַלן. וואָרעם געשעפט, האָט ער דערפילט, קאָן ער דאָ נאָר מאַכן אַדאַנק דעם, וואָס ער איז אַ ניו-יאָרקער, און ער האָט זיך פאַרקערעוועט צוריק.

— נאַטירלעך, צו בראָדוויי און פינפטער עוועניו קומט עס ניט...

דערווייל האָט ער באַמערקט די אים אַנטקעגנקומענדיקע שיינע מיידלעך. ער וואָלט שווערן, אַז אין ניו-יאָרק האָט ער אַזוינע שיינהייטן ניט געזען.

— אייערע פרויען זיינען ניט מיאוס.

דאָס האָט ער שוין אָנגעהויבן נעמען זיך אין די הענט...

— יאָ, עס געפינען זיך געוויסע שיינע פרויען דאָ, — האָט דער באַגלייטער באַשיידן צוגעגעבן, — אָבער פאַר איך, אַ ניו-יאָרקער, גלויב איך, האָבן זיי ווייניק אינטערעס.

און דערווייל זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ גרויסן רעסטאָראַן.

— אפשר זייט איר שוין הונגעריק? — האָט דער באַגלייטער, דער מיטגליד פון אַרטיקן אַרבעטער־רינג, ווי אַ חבר, פאָרגעשלאָגן.

— הונגעריק, המ... איך ווייס... לאָמיר אפשר אַריינגיין.... איך וויל זען, ווי אַזוי סזעט אויס אַייערער אַ רעסטאָראַן.

— נאַטירלעך, עס איז ניט קיין ניו־יאָרקער. איר אין ניו־יאָרק האָט רייכערע רעסטאָראַנס, — האָט דער באַגלייטער, געפאַלן ביי זיך, ווי זיך פאַרטיידיקט, — אָבער עפּעס עסן קאָן מען דאָ אויך.

אריין אין רעסטאָראַן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ווייסן מאַרמאָרנעם טישל.

לייבאָוויטש, וועלכער האָט אין ניו־יאָרק שטענדיק געגעסן אין קליינע, האַלב־היימישע רעסטאָראַנדלעך, איז אַנטציקט געוואָרן פון דעם דאָזיקן רעסטאָראַן... איך דאָס עסן איז געווען גאָר געהויבן, און צום סוף די קאַווע האָט אים אַוש באַרוישט.

— אייער קאַווע איז דאָך גאָר גוט...

— יאָ, איך גלויב אָבער, אַז ביי אייך אין ניו־יאָרק מאַכט מען קאַווע בעסער.

לייבאָוויטש האָט זיך דערמאָנט אָן די קאַווע פון זיין ניו־יאָרקער היימישן רעסטאָראַן, און ער האָט צווייטייטיק געענטפערט:

— יאָ, ניו־יאָרקער קאַווע האָט אַ טעם... אָבער אייערע געפעלט מיר אויך שטאַרק...

און ער האָט זיך גלייך אָפּגעהאַקט.

* *
*

אין אָוונט, אַז לייבאָוויטש איז אַריינגעפאַלן אין לאָקאַל פון די ראַדיקאַלע און די פירנדיקע גייסטער פון די אַלערליי „באַוועגונגען“, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ מוז ער „זיין“ אַ ניו־יאָרקער, ווייל זיין ערפאָלג הענגט אָפּ אָן דעם, וויפיל ער איז ניו־יאָרקער.

און דערצו האָבן אַלע זיך געהאַלטן אַזוי קליין קעגן אים, דעם ניו־יאָרקער, אַז ער האָט באמת אָנגעהויבן דערפילן זיך גרויס און מעכטיק. ער קומט פון ניו־יאָרק...

צו אים איז צוגעגאנגען א יונגער, שיין געפוצטער מאן און רייך געקליידט.

— ד״ר ליפמאן! — האט יענער א שיינענדיקער, וואס ער האט די זכיה צו זען א ניו־יארקער, אויסגעשטרעקט זיין האנט צו באַ־קענען זיך.

לייבאוויטש, וואס האט נאך פון דער אלטער היים א גרויסן רעספעקט פאר א דאקטאר, האט אים אויסגעצויגן די האנט מיט א ביסעלע מורא, און ניט געוואוסט, וואס צו זאגן.

דער דאקטאר אבער האט אים באטראכט, ווי א קלענערער א גרעסערן פון זיך, און פול מיט רעספעקט און פארערונג זיך אפּ־גערופן:

— וואס הערט זיך עפּעס ביי אייך אין ניו־יארק?

— ביי אונז אין ניו־יארק איז אלראיט! — האט שוין ליי־באוויטש געקראגן מוט, — מען לעבט א גוטן טאג.

— יעס... איך ווייס... איך בין אמאל געווען ביי אייך... גע־האט א גודטאים, ווי מען זאגט, אויף בראדוויי... וואס מאכט עפּעס בראדוויי?

— א, בראדוויי איז אל־ראיט! — האט לייבאוויטש אויסגע־פּראלט און איז רויט געווארן, דערמאנענדיק זיך, אז ער איז שוין אויף בראדוויי א פּאר יאר ניט געווען.

— יא, בראדוויי איז אלראיט, — האט דער דאקטאר מיט א בענקשאפט אויסגערופן.

אבער צו־לאנג האט מען דעם דאקטאר ניט פארגונען צו האבן דעם כבוד און דעם פארגעניגן צו פארברענגען מיט א ניו־יארקער. מ׳האט צו אים צוגעפירט א פריילין, איינע פון די פירע־רינס פון איינער פון די ארטיקע באוועגונגען, מיס שטיינבערג.

לייבאוויטשן איז ליכטיק געווארן אין די אויגן. ער האט אזא שיינהייט אין ניו־יארק, דאכט זיך, ניט געזען. ער האט פארשעמט אראפּגעלאזט די אויגן.

אבער זי האט אים באטראכט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און אינטערעס און האט מיט א קלינגעדיקער שטים ווי אויסגע־זונגען:

— נו, חבר לײבאָװיטש, איך זע, אַז איר לאַנגװײליקט זיך בײַ אונז שטאַרק, װי געװײנלעך אַ ניו־יאָרקער אין אַ קאַונטרי־שטאָט...

— ניין, איך קאָן עס דערװײל נאָך ניט זאָגן. פאַרקערט, זײער אינטערעסאַנט... — איז לײבאָװיטש געװאָרן גרױסמוטיק.

— נו, יאָ, מיר װײסן, איר ניו־יאָרקער זײנט דזשענטל־לײט, איר װילט אונז ניט פאַרשעמען. נו, זאָגט, װאָס קאָן איך דאָ בײַ אונז געפעלן.

און זי האָט אים װי מיט ליבע און בענקשאַפט אַרײנגעקוקט אין די אױגן. דאָס האָט זי געזוכט אין זײנע אױגן ניו־יאָרק.

און אַזױ־אַרום איז לײבאָװיטש אין קאָונטרי געװאָר געװאָרן, אַז ניו־יאָרק איז טאַקע אַ װאונדערלעך־שײנע און אינטערעסאַנטע שטאָט...

און ער האָט ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן טאָן פון אַ ניו־יאָרקער — און בײַ יעדער פראַזע האָט ער שױן צוגעלײגט:

— בײַ אונז אין ניו־יאָרק...

# דער דערוואַכטער

דער ערשטער זומער נאָך ביילינס חתונה איז געווען אַ הייסער: פֿאָרעלך און גאַנצע פֿאַמיליעס זיינען אַרויסגעפֿאָרן אין די בערג, צו די ברעגן פֿון ים, וואו מען האָט זיך פֿאַרזאָרגט, יעדער נאָך זיינע מיטלען און מעגלעכקייטן, אויף איבער די הייסע וואָכן.

ביילין מיט זיין יונג, שיין, בלאָנד ווייבל, לענאַ, האָבן אַפֿילו דערפֿון ניט געחלומט. פֿאַר זיי האָבן זיך נאָך געפֿונען אין דער גרויסער שטאָט גענוג קילע פּלעצער, וואו צו פֿאַרברענגען גליקלעך די צייט.

ביים אָנפֿאַנג פֿונם צווייטן זומער האָט שוין ביילין אין דער שטיל געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצופֿאָרן ערגעץ אויף אַ זומער־וואוינונג, — ביים ברעג ים, אָדער אין די בערג. זאָל זיין אין די בערג טאַקע. עס איז ווייטער, און אַזוי ווי ער איז טאַקע פֿאַרנומען מיט געשעפֿטן, וועט זי אַליין פֿאָרן, וועט ער זיך טאַקע אַליין אַ ביסל אָפּרוען אין שטאָט.

מען דאַרף אָבער זייער פּאַרזיכטיק זיין מיטן פּלאַן, ניט אַרויסגעבן זיך, חלילה; זי זאָל ניט מיינען, אַז עס איז שוין אויס מיט דער ליבע. ניט מער, ער האָט דעם זומער גראָד מער אַרבעט אין געשעפֿט, און אַגב איז ער גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן זומער אין שטאָט. אָבער זי — אַן אײדעלע און צאַרטע — פֿאַר איר זיינען די בערג זומער אַ נויטווענדיקייט.

ער האָט אָנגעהויבן אַרום ענדע מאַי גאַנץ פּאָרזיכטיק:

— הייער וועט זיין אַ זייער הייסער זומער.

— פֿון וואַנען ווייסטו שוין? — האָט לענאַ וואָס חושד געווען...

— איך מיין... עס איז שוין הייס... אַך, ווען ניט דאָס געשעפֿט, וואָלט איך געפֿאָרן מיט דיר אין די בערג, מיין טייערע.

— שוין אין די בערג! — האָט לענאַ געשמייכלט, — מען וועט זען ערשט אין יוני... אפשר וועסטו דעמאָלסט האָבן צייט, וועלן מיר ביידע פאָרן.

— יאָ, אין יוני; קען זיין, אַז אין יוני וועל איך פרייער ווערן,— האָט ער געפּרוּווט „גיין צוריק".

און אין יוני איז טאַקע געוואָרן שטאַרק היים. פרייער אָבער איז ביילין ניט געוואָרן; ווידליג ער דערציילט, איז ער איצט נאָך מער פאַרנומען ווי אין מאַי.

— וואָס איז די אורזאַך?...

— די אורזאַך, מיין טייערע, איז גאָר איינפאַך: די הוצאה איז גרעסער און מען דאַרף מער געלט... — האָט ער קוים עפּעס אויס־געטראַכט.

— אויב אַזוי, דאַרף מען גאָרנישט האָבן — איז לענאַ געוואָרן גרויסמוטיק.

— אָ, ניין... אַזוי שלעכט האַלט עס ניט, — האָט זיך ביילין דערשראָקן, — דו וועסט זיכער פאָרן זיך אָפּרוען, די מוזט עס האָבן; און איך וועל אַמאָל צופאָרן אויף שבת...

לענאַ האָט ענדלעך איינגעוויליקט; זי איז אַוועקגעפאָרן אַליין אין די בערג — פיר שעה רייזע פון ניו־יאָרק.

אַז ביילין איז דעם ערשטן שבת־פרימאָרגן געבליבן אַליין, פריי פון דער אַרבעט און פון פליכטן צו זיין ליבער לענען, האָט ער גע־נומען מאַכן פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרברענגען די אַנדערהאַלבן טעג ביז מאָנטאָג ווי אין די גוטע „אַמאָליקע יאָרן".

די בחורשע פאַרלאַנגען האָבן זיך אין אים צעשפּילט און ער האָט צו זיך אַליין אויסגערופן:

— אַך, צו אַלדי גוטע יאָר! מיר וועלן אַ הוליע טאָן!

— אין שטאָט איז געווען היים און ער האָט באַשלאָסן ערגעץ אויסצופאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ שעה רייזע פון שטאָט געפינט זיך אַ זומער־האָטעל, וואו ער האָט אַמאָל, פאַר דער חתונה, פאַרבראַכט אַ פּאָר זומער־וואָכן אין אַ פריילעכער געזעלשאַפט.

עס האָט אים אַ ציִ געטאָן צום פּלאַץ, און איינס און צוויי האָט ער זיך צוגעגרייט און איז אַהין צוגעפאָרן.

* *
*

דאָס מאָל איז אין דעם זעלבן פּלאַץ געווען נאָך לעבעדיקער און פריילעכער, ווי אַמאָל.

דער אײַנגעטימער פון דעם פּלאַץ, נאָך אַליין אַ יונגערמאַן, האָט האָט אים אויפגענומען אַלס אַ גוטן באַקאַנטן, האָט אים פאָרגעשטעלט פאָר די עטלעכע מיידלעך און יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין דעם האָטעל. זיי זיינען געזעסן צעוואָרפן אויף דער וועראַנדע און אויך אויפן גרינעם גראָז לעבן הויז און האָבן געזונגען פאַרגעניגן און פרייד: איינינקע האָבן פאַרבראַכט מיט די פּאָר יונגעלייט, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין דעם זעלבן פּלאַץ.

ביילין האָט זיי אַלע באַטראַכט, זיי אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און האָט זיך אָפּגעשטעלט לענגער מיט די בליקן אויף אַ יונגער, שיינער ברונעטער פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס אַדאַנק אירע קורץ-געשוירענע האָר, האָט זי אויסגעזען פיל יינגער.

ער האָט גלייך געמאַכט מיט איר אַ נענויערע באַקאַנטשאַפט, אַרויסגעקראָגן פון איר, אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן, אַז זי איז שוין פאַרהייראַט צוויי יאָר, און אַז דער מאַן, אַ פאַרנומענער, קאָן, ליידער, ניט קומען אַזוי גיך אַהער.

— איז אייך, הייסט עס, דאָ אומעטיק? — האָט איר ביילין אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן צו זען דעם איינדרוק.

זי האָט שטום אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ כלה-מיידל, ווען מען שטעלט איר אַ צו-דרייסטע פראַגע.

פאַרנאַכט איז שוין דער יונגער פרוי ניט געווען אומעטיק. ביילין האָט איר געזוכט צו אַמוזירן, און זי האָט זיך דערפילט מיט אים זייער היימיש און פאַמיליאַר.

זי האָט אים אַפילו, פאַרבייגייענדיק, געוויזן, וועלכן צימער זי פאַרנעמט.

— מיט נאָך איינער? — האָט ער זי סתם אַזוי אַ פרעג געטאָן.

— ניין! שטעלט זיך פֿאָר, עס איז נאָך דאָ אַזוי ווייניק מענטשן, אַז דער אייגנטימער דערלויבט מיר צו פֿאַרנעמען אַליין אַ צימער...

— יאָ, ווירקליך אינטערעסאַנט.

— און איר ווייסט, דאָ איז אַזוי לאַנגווייליק, אַז צען אַ זייגער גיי איך שוין שלאָפֿן...

צו וואָס זי דערציילט עס, האָט ביילין שוין כמעט ניט פֿאַרשטאַנען; דאָך האָט ער עס אָנגענומען פֿאַר אַ גוטן סימן.

„און אַזוי אָפֿנהאַרציק! גאָט מיינער!“ — האָט ער, בלייבנדיק שוין אַליין, איבערגעטראַכט, — „דאַכט זיך אויפֿן קוק אַ שטיל, פֿיין ווייבל... זיכער מיינט זי ניט קיין שלעכטס; אַ פּרוי פּלאַפּלט, אָבער דאָך“...

און פּלוצלונג האָט אים אַ פֿינקל געטאָן דאָס געשטאַלט פֿון זיין שיינער, בלאָנדער לענאַ, זיין שטילער לענאַ...

„גאָט מיינער! זי איז דאָרט איינע אַליין!“...

ווען ער פֿאָרט איצט אַהין, קומט ער פּונקט צען אַ זייגער...

ער האָט כמעט ווי בגנבה אָפּגעצאָלט דעם אייגנטימער, אויסגעזוכט אַ תּירוץ, פֿאַרוואָס ער פֿאָרט אַוועק, און זיך געלאָזט צו דער באַן-סטאַנציע.

* * *

ער איז אָנגעקומען אין „הויז“ אין די בערג האַלב עלף. לענאַ אַבער איז נאָך ניט געשלאָפֿן; זי איז געזעסן אויף דער וועראַנדע אין אַ קרייז פֿון יונגע און אַ פּאָר עלטערע פֿרויען און איז געווען פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס.

— לענאַ! — האָט ער אויסגערופֿן.

ער האָט זי איבערראַשט.

— ביילין! פּלוצלונג! אַזוי אומגעריכט! וואָס איז דער מער?...

זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אין אַ שטילן ווינקל. אַ לאַמטערן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון צווישן צוויי גרינע ביימער, האָט באַלויכטן זייערע גליקלעכע געזיכטער...

— טייערע, איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר...

— אָ,ביילין, דו ביסט אַזאַ פיינער, — האָט זי זיך צו אים געטוליעט.

ביילין האָט אַ שמייכל געטאָן און געהיימניספול געענטפערט:

— יאָ... דאָס מאָל גיב איך צו: איך בין טאַקע אַ פיינער — אָבער דו לענאַ, ביסט נאָך מער פיין.

און דאָס פאַר־פאָלק האָט זיך צעקושט, ווי נאָך אַ שטילן, אינערלעכן קריג, פאַר אַ געהיים־געשלאָסענעם שלום.

# אומזיסטע אַרטיקלען

אין יענער צייט האָט שוין חיימסאָן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ גרויסער שטאָט, געהאַט אַ יידישע אָנשוויונג. ער איז, נעמליך, געווען אַ ציוניסט. עס איז געווען נאָך אַ גירוש ערגעץ־וואו אין רוסלאַנד. דער גירוש, וואָס האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף חיימסאָנען, האָט דווקא אָפּגעשוואַכט זיין ציוניזם. ארץ־ישראל וועט ניט לייזן די יידישע פראַגע. מ׳דאַרף האָבן אַ פּלאַץ, אַ טעריטאָריע, וואו מ׳זאָל גלייך קאָנען עמיגרירן.

און ער איז געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט...

ער איז אַזוי טיף דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן טעריטאָריאַליזם, אַז דעם ציוניזם האָט ער באַטראַכט פאַר אַן אומגליק פאַר יידן. „עס פאַרפירט דאָס פאָלק“, האָט ער געדונערט, דאָן נאָך מיט אַ יונגער, שטאַרקער שטים.

און ער, וואָס האָט שוין געשריבן אַרטיקלען אין יידישע צייטונגען, האָט אָנגעשריבן אַ פייערדיקן אַרטיקל פאַר טעריטאָריאַליזם.

נו, האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין דער ציוניסטישער צייטונג האָט אויסגעפעלט אַ מיטאַרבעטער. דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט געקאָנט חיימסאָנען אַלס גלאַטן שרייבער, האָט אים איינגעלאַדן.

— חיימסאָן, איך האָב פאַר אייך אַ שטעלע, און איך ווייס, אַז איר דאַרפט זי, נעבעך, — האָט דער רעדאַקטאָר, אַ קלוג יידל, מיט אַ פראַנצויזיש בערדעלע, שאַרף פאַרשפּיצט און מיט שפּיציקע שוואַרצע אייגעלעך, אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע.

חיימסאָן האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ניט געוואוסט גלייך, וואָס צו ענטפערן. באַלד אָבער האָט ער באַגריפן, וואָס אים שטייט פאָר, און ער האָט זיך, אַ ביסל שטאַמלענדיק, אָפּגערופן:

— יאָ, אָבער איך בין איצט שטאַרק טעריטאָריאַליסטיש געשטימט... איך ווייס ניט, צי מעג מען דאָס.

— מען מעג, מען מעג! — האָט דער ציוניסטישער רעדאַקטאָר אים מתּיר געווען, און שמייכלענדיק, האָט דער ציוניסטישער רעדאַקטאָר צוגעגעבן:

— איך בין אויך אַמאָל געווען אַ טעריטאָריאַליסט...

האָט חײמסאָן די שטעלע אָנגענומען. די ערשטע פּאָר טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אין רעדאַקציע ווי אַ נעכטיקער. האָט געשריבן זאַכן, וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן ניט מיטן ציוניזם און ניט מיטן טעריטאָריאַליזם, נאָר סתּם זאַכן אין דער וועלט אַריין: וועגן דער לאַגע אין בולגאַריע, וועגן דער אָפּגעשטאַנענקייט אין כינע און וועגן אַ יובּילײ פון אַ גאַנץ מיטלמעסיקן שרײבער...

אַ ביסל שפּעטער אָבער האָט דער רעדאַקטאָר געפאָדערט, וואָס אים קומט.

— חײמסאָן, מיר נייטיקן זיך אין די ריכטיקע אַרטיקלען. שרײבט מיר עפּעס וועגן די נײַע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל... ווערט אַן אונזעריקער...

האָט חײמסאָן זיך געמוזט שוין באַגײַסטערן פאַר די דאָרטיקע קאָלאָניעס און האָט געשריבן אַ זייער וואַרעמען אַרטיקל.

דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק.

איז דאָס חײמסאָנען ניט געפעלן געוואָרן. עס איז אים פריִקרע געווען דער לויב. דערצו האָט אים דער געוויסן אַ ביסל געפּײַניקט.

איז ער בישתיקה אַוועק צום טעריטאָריאַליסטישן רעדאַקטאָר און האָט אים פאָרגעלייגט אַן אַרטיקל וועגן טעריטאָריאַליזם.

— מיר קאָנען אָבער קיין סך ניט צאָלן, — האָט דער רעדאַקטאָר פון טעריטאָריאַליסטישן זשורנאַל זיך מודה געווען.

— ווער וויל געלט?... פאַרקערט, איך וויל ניט קיין געלט; עס וועט בײַ מיר זײַן אַ נחת־רוח צו שרײַבן אַמאָל אָן געלט פאַר אײַך, פאַר מײַן אידעאַל...

און אָפּזיפצנדיק, האָט ער דערלאַנגט דעם רעדאַקטאָר שוין אַ פאַרטיקן אַרטיקל.

בּיסלעכווײַז איז אָבער חײמסאָן, אַדאַנק דער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, געוואָרן דורכגעדרונגען שוין

טאקע מיט ציוניזם. די עטלעכע ארטיקלען, וואס ער האט שוין אליין אנגעשריבן וועגן ארץ־ישראל אלס מקום־מנוחה פארן יידישן פאלק, האבן אים אליין באגייסטערט. עס איז אויסגעקומען, אז ער אגיטירט זיך אליין.

איז אבער דווקא די ציטונג, וואו ער האט זיך שוין איינגעארבעט, געווארן ארעמער. זי האט אנגעוואוירן א סך לעזער און מען האט געמוזט אפזאגן א פאר שרייבער.

דער ערשטער פון די אפגעזאגטע איז געווען חיימסאן...

— איך גלויב, אז איר וועט קריגן אן אנדער ציטונג ווא־צו ארבעטן, — האט אים דער רעדאקטאר געטרייסט.

חיימסאן איז געווארן בייז אויף דער אומגערעכטיקייט, און ער האט זיך געכאפט, אז די ארדענונג פון דער וועלט בכלל איז ניט גוט.

און אומגייענדיק עטלעכע חדשים ליידיק, אן פרנסה, האט ער זיך דורכגעדרונגען מיטן סאציאליסטישן אידעאל...

ער האט שוין וועגן דעם אנגעשריבן צוויי ארטיקלען און האט זיך געקליבן זיי ארייננצוגעבן אין דער סאציאליסטישער ציטונג..

דערוויל אבער האט זיך געהויבן דער טיראזש פון דער באלע־באטישער ציטונג. דארטן האבן זיך געפאדערט נייע מיטארבעטער. חיימסאן, וואס האט שוין געהאט א שטיקל נאמען, איז גלייך איינגעלאדן געווארן אין דער באלעבאטישער ציטונג אלס מיטאר־בעטער...

די ארבעט אין דער ציטונג איז געווען א לייכטע, דער געהאלט דווקא א געהויבענער. חיימסאן וואלט זיך געפילט זייער גליקלעך, ווען ניט דער געוויסן, וואס האט אים די ערשטע טעג געפיי־ניקט.

האט ער זיך געוואלט ראטעווען דערמיט, וואס ער וועט דרוקן סאציאליסטישע ארטיקלען אין דער ארבעטער־ציטונג...

דער רעדאקטאר פון דער ארבעטער־ציטונג, א טיף־ערנסטער מענטש, וואס האט ניט געוואוסט פון חיימסאנס פארגאנגענהייט, האט זיין ארטיקל דורכגעלייענט, געפונען, אז ער איז פאסיק פאר דער ציי־טונג און האט מיט א שאקל מיטן קאפ אויף יא אנגענומען.

— איך דארף אייך ניט זאגן, אז קיין האָנאָראַר פארלאנג איך ניט.

דער רעדאַקטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט געזאָגט: אַז איר וועט וועלן, וועט מען אייך אויך ניט געבן: ס'איז ניטאָ...

און חיימסאָן איז אַ געריינינקטער אַוועק פון דער רעדאַקציע.

אין דער באַלעבאַטישער צייטונג האָט זיך שוין חיימסאָן איינגעבירגערט. זיין געהאַלט איז שוין אויך צוויי מאָל געהעכערט געוואָרן, אויך דער געוויסן האָט אים אויפגעהערט צו פּלאָגן. אַדאַנק דעם גוטן לעבן, וואָס ער האָט געלעבט, איז ער צום סאָציאַליזם אַלץ קעלטער געוואָרן, ביז ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל עפּעס געווען.

דערווייל אָבער זיינען די אַרבעטער באַוואוסטזיניקער געוואָרן, האָבן זייער צייטונג אָנגעהויבן לייענען מער און מער. איר טיראַזש איז געוואַקסן און געוואַקסן. מען האָט שוין געמוזט האָבן נייע מיטאַרבעטער.

דאַן האָט זיך דער רעדאַקטאָר דערמאָנט אָן דעם סאָציאַליסט חיימסאָן...

ער האָט אים איינגעלאַדן. אַדאַנק דער גרויסער נאָכגעפֿרעגטקייט פון דער צייטונג, איז דער סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר פריילעכער און ריידעוודיקער געוואָרן.

— נו, חבר חיימסאָן, מיר קאָנען אייך באַפרייען פון אייער בורזשואַזער צייטונג. און וואָס אָנבאַטרעפט געהאַלט, וועט ער קריגן ביי אונז גענוג, מיר עקספּלואַטירן ניט אונזערע מיטאַרבעטער.

חיימסאָן, וועלכער איז שוין שיר ניט געווען אויסגעלאַשן פון תעלבן ס'איז אידעאַל, האָט זיך געפרוווט צוריק אָנצינדן.

— איך בין ווירקלעך גליקלעך צו אַרבעטן אין אייער צייטונג! — האָט ער אויסגערופן מיט באַגייסטערונג.

דאָך, די ערשטע פאָר טעג איז חיימסאָנען אָנגעקומען שווער צו געפינען דעם פּאַסיקן טאָן... זיינע ערשטע פאָר אַרטיקלען האָבן זיך ווייניק וואָס געקלעפּט.

שפּעטער אָבער איז ער געקומען צו זיך און זיין אַרטיקל האָט געמאַכט אַפילו אַ רושם סיי צווישן די מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, סיי צווישן די לעזער.

אָבער חיימסאָנען האָט דער געוויסן ווידער אָפּט געפּלאָגט. קיין פּאַציאַליסט איז ער דאָך שוין ניט מער.

ער איז שוין גאָר נוטה צו אַ העכערער אַנשויונג.

איצט איז ער שוין נוטה צו העכערע פראַגן, צו פילאָסאָפיע.

און אום צו ריינקן דעם געוויסן, האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער ניט-באַשטענדיקייט פון אַלע אונזערע אידעאַלן און האָט עס אַוועקגעטראָגן אין אַן אָרעמער ריין-ליטעראַרישער מאָנאַט-שריפט.

דער רעדאַקטאָר האָט אים נאָכן איבערלייענען האַרצלעך באַדאַנקט און האָט אים פאַרזיכערט, אַז אַזאַ אַרטיקל איז ווערט אַ סך געלט, נאָר ליידער איז די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפט אַזוי אָרעם, אַז ער קאָן גאָרניט צאָלן. אָבער חיימסאָן האָט גליקלעך געשמייכלט און פּאַטעטיש אויסגערופן:

— גאָט זאָל מיך אויסהיטן נעמען געלט בײַ אײַך. אין דעם אַרטיקל האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין קרעדאָ, אַזוי צו זאָגן. איך וויל ניט קיין געלט...

און אַרויסגייענדיק פון דער אָרעמער רעדאַקציע האָט חיימסאָן געטראַכט: ווער ווייסט, אפשר אין עטלעכע יאָר אַרום וועט די מאָנאַטשריפט רייך ווערן און איך וועל ווערן דאָן אַ גוט באַצאָלטער מיטאַרבעטער, און וואָס וועל איך דעמאָלסט גלויבן?

און מיט אומעטיקע געדאַנקען האָט ער זיך געלאָזט גיין ווייטער...

# א ו מ ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן

ווען זיי האבן זיך דאס ערשטע מאל באגעגנט — ביידע יונג און שטאלץ און גייסטיק פריי, האבן זיי זיך אינטים צערעדט וועגן ליבע...

— די ליבע — האט ער געזאגט — דארף אנטאן איינער דעם צווייטן פליגל, אבער ניט קיין קייטן...

— איך בין מיט אייך פולקום איינפארשטאנען, — האט זי חנעוודיק געפלאפלט.

— פליכטן שטערן די שטארקסטע ליבע — האט ער פארגעזעצט.

— איר אנערקענט ניט קיין פליכטן אין ליבע — האט זי צוגעגעבן.

— אט נאך אזא ווי איר מיט אזא בליק אויף דער ליבע האב איך לאנג געבענקט.

זי האט חנעוודיק געשמייכלט און געענטפערט:

— און איך — נאך אזא ווי איר.

— ווירקלעך? — האט ער איר אין די אויגן מיט ליבע אריינגעקוקט.

— איך פארזיכער אייך. — האט זי זיך געוויטלט.

— אויב אזוי וויל איך אייער האנט.

זי האט אים אויסגעצויגן איר האנט.

ער האט זי פעסט געדריקט און ניט אזוי גיך ארויסגעלאזט פון זיין האנט.

— צו פעסט! — האט זי געשמייכלט, — כ'האב ליב לייכטע ליבע...

— יא... — האט ער נאכגעגעבן, און אנקוקנדיק זי, ווי א נאענטער, האט ער זיך געווענדט מיט א פראגע:

— זעען מיר זיך מארגן ערגעץ?

— איך זאג אייך ניט צו... מעגלעך, אז יא. אבער אן פליכטן, אן אייפערזוכט.

— געוויס... דאס איז מיין קוק. אויב איר קומט, זאגט מיר וואו?

זי האט אים באשטימט א פלאץ, אבער זי האט אליין גע־ווארנט:

— קיין ווארט גיב איך ניט. טאמער קום איך ניט, זייט ניט בייז.

— אין געגנטייל, — האט ער געלאכט, — איך פארשטיי אייך זייער גוט. — אן פליכטן!...

אויף מארגן איז ער געגאנגען צום באשטימטן פלאץ. ניט גלויבנדיק, אז ער וועט זי דארט טרעפן.

זי איז דאך געקומען.

— עס איז שיין פון אייך! — האט ער צו איר געשמייכלט א גליקלעכער.

— איך בין גראד געווען געשטימט צו קומען, בין איך גע־קומען, — האט זי זיך ווי פארענטפערט פאר איר פינקטלעכקייט.

— מיט מיר אויך דאס זעלבע — האט ער זיך פארענטפערט — איך האב געפילט, אבער ניט געמוזט.

ער האט זי ענדלעך איינגעלאדן צו זיך אין צימער.

זי האט זיך געוואקלט.

— קומט, איך וועל אייך ניט מאכן קיין אפיציעלע ערקלערונ־גען, און איך וועל אייך ניט צוזאגן חתונה האבן מיט אייך.

— אויב אזוי, — האט זי געלאכט, גיי איך.

זי איז א פרייע אים נאכגעגאנגען.

נאך א פאר שטונדן געמיטלעכן פארברענגען, ליבע־רייד און אינטימע צערטלעכקייטן האט ער זיך א ביסל דערשראקן.

— האב איך איצט פליכטן? — האט ער איר שוין ערנסט אנגעקוקט.

— קיינע! — האט זי אים פארזיכערט.

— איר זיינט וואונדערלעך! — האָט ער איר מיט באַגייסטערונג אַנגעקוקט און ניט געגלויבט זיין אייגן גליק.

— און דו, מיין ליבער, ביסט נאָך וואונדערלעכער. איך האָב דיך ליב מיט דער שטאַרקסטער ליבע.

— מוז איך דיך מאָרגן זען? — האָט ער זי געפּאַרשט.

— ניין, דו מוזט ניט... אויב דו וועסט בענקען, קום צו מיר אין מיין צימער; טאָמער ניט — ביסטו פריי... קיינע פליכטן...

— אַך! — האָט ער אויסגערופן, דו ביסט די נייע פרוי, וועגן וועלכער איך האָב שטענדיק געטרוימט; פאַר אַנדערע האָב איך זיך אַזוי געשראָקן. איך וועל מאָרגן צו דיר קומען.

— איך צווינג דיך ניט, ליבער — האָט זי חנעוודיק געשמייכלט...

ער איז געקומען פּינקטלעך און איז געווען איבערפילט מיט צערטלעכקייטן.

ער האָט שוין מער קיין מורא ניט געהאַט פאַר פליכטן. אויב אַזוי, איז ער גרייט אַלץ פאַר איר צו טאָן.

— איך בין גרייט צו אַלץ! — האָט ער אין עקסטאַז אויסגערופן.

אָבער זי, גלעטנדיק אים איבער קאָפּ און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, האָט געענטפערט:

— ניין... דו ביסט שטענדיק פריי... מאָרגן קענען מיר זיך פונאַנדערגיין, ווי גאָרניט וואָלט געווען צווישן אונז...

— דו ביסט דערהויבן! אַזאַ אומגעצוואונגענע ליבע איז געווען מיין אידעאַל.

— און מיין אידעאַל אויך, — האָט זי פרום אויסגעזונגען.

— אויב אַזוי, מיין ליבסטע, דאַרפן מיר קיין מורא ניט האָבן פאַר איבערדריסיק ווערן.

— דו מיינסט — זיך פאַרבינדן, צוזאַמען לעבן?...

— יאָ. איך האָב שוין פאַר דיר קיין מורא ניט... בלייב שוין מיינע.

— דו מוזט עס ניט... — האָט זי אים אָפּגעראָטן, — דו ביסט פריי.

— דערפאר טאקע וויל איך עס. מיר זיינען ביידע פריי און אונזער ליבע איז אזוי אומגעצוואונגען.

— דו האסט נאך צייט... לאמיר ווארטן, — האט זי זיך איינגעשפארט, רו זיך אפ פון מיר.

ער האט איר געפאלגט.

ער האט צוויי טעג דורכגעלאזט און ניט געקומען צו איר. קיין רוף פון איר, קיין בריוועלע.

אויפן דריטן טאג האט אים ארומגענומען א גרויסע בענקשאפט צו זען דאס מיידל מיטן נייעם בליק אויף דער ליבע...

ער איז זי געגאנגען זוכן, און געפינען א רויקע, א שמייכלענדיקע.

— האסט מיך נאך ניט פארגעסן? — האט זי געלאכט.

— און דו מיך.

— איך האב ניט געטראכט דערפון... אז איך זע דיך, איז מיר גוט... אבער דאס הייסט ניט, אז דו מוזט דערפאר קומען...

— דערפאר וויל איך מוז ניט, קום איך, — האט ער גליקלעך געשמייכלט.

— און איך, — האט זי צוריק געשמייכלט, — וויל איך מוז ניט דווקא זיין פארפליכט צו דיר מיט מיין ליבע, האב איך דיך אזוי ליב.

— אויב אזוי... — האט ער ווידער אנגעהויבן.

— איז וואס? — האט זי שעלמיש געפרעגט.

— מעגן מיר זיך טאקע אויף אייביק פארבינדן?

— אויף אייביק! צו וואס? — האט זי זיך אפגעווארפן.

— ווייל מיר זיינען א גלייכע פאר. אונזער ליבע איז אזוי ניי, אזוי לייכט, אזוי ניט געצוואונגען, און זי ווייסט ניט פון קיין פליכטן.

— געוויס, אן פליכטן! — האט זי באשטעטיקט — אויב דו ווילסט, קאנסטו ווערן פריי אפילו איצט...

— דו אויך, מיין טייערע...

— איך ווייס עס — דערפאר האב איך דיך אזוי שטארק ליב.

— ווייל עס איז אונז אזוי לייכט זיך צו צעגיין, — האט ער גליקלעך געשמייכלט.

— ווען מיר זיך קיינמאל ניט צעגיין, — האט זי נאך גליקלעכער געשמייכלט.

— ניין, קיינמאל! — האט ער פארזיכערט.

— פון איצט אן, האט זי פייערלעך אויסגערופן, — ביסטו מיינער אויף אייביק!

און זי האט אים ארומגענומען אין אירע ארעמס און אים געדריקט פעסט, פעסט צו זיך.

אויף מארגן האט ער שוין געמוזט קומען ווען זי זיבן א זייגער אין אוונט.

ער איז אבער געקומען מיט א האלבער שטונדע שפעטער...

ער האט זי געטראפן אן אומעטיקע און א פארבענקטע...

און ער האט דערפילט די פליכט זיך צו פארטיידיקן פאר איר און איר צוזאגן, אז ווייטער וועט ער זיין פינקטלעכער...

# די הרטה

פול מיט חרטה איז געווען הער ליבערט אויף זיין פארשלאג, צו טרעפן זיך אין א פאר טעג ארום, וואס ער האט געמאכט דער כמעט אומבאקאנטער מיידל, העלענען, מיט וועלכער ער האט זיך ערשט באקענט אויף דעם באל, וואוהין ער איז געקומען אליין, אן זיין מערין. דער באל איז דווקא געווען א לאנגווייליקער, ארראנזשירט פון א אינטעליגענטער „געזעלשאפט“, וואס פרעגט זיי בחרם, וואס א באל איז. אויפן באל איז ליבערט געקומען מער אויס פליכט צו דער „געזעלשאפט“, פון וועלכער ער איז געווען א מיטגליד, ווי אויס פארלאנג צו אמיזירן זיך. ארויסגייענדיק פון הויז צום באל, האט ער זיין מערין פארזיכערט פארויס, אז דער באל וועט זיין אומאינטערעסאנט, און דאס וואס זי קאן ניט מיטגיין, דארף איר גארניט פארדריסן; פארקערט, עס דארף איר הנאה טאן, וואס זי וועט פארשפארן צו לאנגווייליקן זיך עטלעכע שעה און פטרן א נאכט אומזיסט און אומנישט.

און אזוי איז טאקע גראד געווען: דער באל איז געווען ניט געראטן. דער קליינער עולם האט זיך געלאנגווייליקט, און ליבערט אליין — מער פון אלע. אים אבער האט די לאנגווייליקייט הנאה געטאן. הייסט עס, ער איז ניט געבליבן קיין ליגנער און זיין געוויסן דארף אים ניט פלאגן, וואס זיין גוטע און ליבע מערי איז געבליבן אין דער היים מיטן קינד.

ביים שלוס פון באל האט ער זיך גראד באקאנט מיט א מיידל, און אפשר א ווייבל, מיטן נאמען העלענע, וואס האט מיט איר לייכטער האלטונג אויסגעזען ווי א פארבלאנדזשעטע דא אויפן באל, וואו דער עולם איז באשטאנען פון דער ערגסטער אינטעליגענץ.

געקומען אויפן באַל איז זי דווקא מיט א הויך־אינטעליגענטן מענטשן. נאָר זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס אין אים, אַזוי האָט זי אַריינגעסודעט ליבערטן אין אויער. ליבערטן האָט עס געוואונדערט: אַזוי גיך פאַרטרויט זי אים סודות...

נאָר שטאַרק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, וואָס זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס אין איר באַגלייטער, וואָס איז אפילו זיינער א באַקאַנטער — האָט ליבערט ניט. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אליין, וואָס אָט די העלענע האָט אים אַזוי גיך צוגעצויגן, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ יונג בחורל.

ער האָט עס דערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט דורכגעלעבט קיין ראָמאַנטישע מאָמענטן. דאָס לעבן גייט אַזוי מאָנאָטאָן, איינאַרטיק און ערלעך...

עס האָט אים אַ צי געטאָן צו איבערגעווינלעכס, צו נייע איבערלעבונגען, און העלענע איז געשטאַנען אַנטקעגן אין געשמייכלט מיט איר פאַרפירערישן שמייכל...

אָבער דאָ קאָן גאָרנישט פּאַסירן. איר באַגלייטער, דער אינטעליגענט, מוז זי דאָך אָפּפירן אַהיים. דאָס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. אָבער דאָס גליק קאָן נאָך קומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.

— איך וואָלט אייך געוואָלט אַמאָל טרעפן, — האָט ער איר ליב אָנגעקוקט און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

דער ענטפער איז געקומען רויק און גלייך: די פראַגע איז נאָר געווען:

— ווען און וואו?

אַ פאַרציטערטער פאַר גליק האָט ער באַשטימט:

— דינסטאָג, זיבן אַ זייגער אין אָונט, אין אַ רעסטאָראַן.

האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, וואו עס האָבן געלויכטן גליקלעכע צוזאָגן, און מיט אַ שמייכל פול מיט איבערגעגעבנקייט אויסגעזונגען:

— גוט, איך וועל קומען.

* *
*

אויף מאָרגן איז אויסגעקומען ליבערטן צו דערפילן די זוא־ביקע פליכטן פון אַ פאַמיליען־מאַן. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעטאָן אין גרוי. אָבער דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס ער פירט שוין עטלעכע יאָר, איז אים נאָענט און טייער געוואָרן. אַפּנייגן פון דעם לעבן איז אַ ריזיקע...

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער שיינער אָבער לייכט־זיניקער העלענע. זי איז אים איצט געוואָרן אַזוי ווייט און אַזוי פרעמד...

און ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט מיטגעריסן ווערן פון אַן אומבאַקאַנטער, פרעמדער פרוי? — האָט ער זיך אַליין פאַרוואונדערט געמאַכט.

און גראָד איז מערי געווען אין די פּאָר טעג אַזוי שיין און אַזוי מוטערלעך און איר שטים האָט געקלונגען אַזוי לירישׂ, און דאָס קינד האָט אַזוי געטריי אַרומגעפלאָכטן אירע הענטעלעך אַרום זיין האַלז.

— אַך, עס איז געווען אַן אומגליק דאָס טרעפן זיך מיט דער דאָזיקער העלענע.

ער האָט געמאַכט פּלענער ווי צו האַנדלען. קיין אויסוועג איז אָבער ניט געווען. ער מוז קומען צו דער באַשטימטער צייט. לאָזן אַ מיידל, צי אַפילו אַ ווייבל — דער גוטער יאָר ווייס איר — זיצן און וואַרטן אין אַ רעסטאָראַן איז אַ פאַרברעך. קומען וועט ער יאָ, — ער וועט אָבער האַלטן זיך אַנשטענדיק. ער וועט פאַרברענגען מיט איר אַ שטונדע ביים סאַפּער און נאָכדעם וועט ער איר זאָגן, אַז ער האָט ניט פאַרויסגעזען, ער איז פאַרנומען, און גלייך זיך אָפּזעגענען מיט איר.

אוועקגייענדיק אין דעם באַשטימטן טאָג פון הויז, האָט ער מערין געזאָגט, אַז אַהיים וועט ער קומען מיט אַ פּאָר שעה שפּע־טער, ער האָט היינט עקסטרע אַרבעט אין אָפיס.

מערי האָט גאָרניט חושד געווען, זי האָט אים בלויז באַדויערט, וואָס ער וועט היינט מוזן שווערער אַרבעטן.

האָט ער זי פּאָר איר איבערגעגעבנקייט געקושט שטאַרקער ווי שטענדיק...

און א גאַנצן טאָג, בײַ זײַן אַרבעט, האָט ער זיך געפֿילט ווי א פֿאַרברעכער.

נאָך דער אַרבעט האָט ער איבערגעציילט זײַן קאַפּיטאַל. עט־לעכע געקנייטשטע בילס, צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעשײַנט אײַ־נער א צוויי־דאָלערדיקער, אַרום און אַרום זעקס דאָלאַר.

און ער האָט באַשלאָסן, אַז אפֿילו די נישטיקע סומע וועט ער ניט אײַנגאַנצן פֿאַרשווענדן.

— מײַן מערי איז בילכער... — האָט ער אין געדאַנק זיך גע־רייניקט.

אין רעסטאָראַן איז ער אַרײַן צען מינוט פֿאַר זיבן. פֿאַר א פֿרוי איז דאָך אומבאַקוועם צו קומען די ערשטע. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן, מוז ער לײַדן.

דאָס לײַדן וועט ערשט זיך אָנהייבן, ווען זי וועט קומען.

און וואָס וועט ער מיט איר ריידן, אַז זי איז אים אינגאַנצן פֿרעמד. ער איז איצט אַזוי ווײַט פֿון איר.

באַליידיקן אָבער וועט ער זי ניט. פֿרײַנדלעך זײַן אויפֿן העכסטן גראַד. אָבער ניט לאַנג וועט ער זיצן מיט איר. העכסטנס א שטונדע. אַכט א זייגער וועט זי נאָך קענען גיין אַליין אַהיים. ער וועט זי אפֿילו ניט דאַרפֿן אָפּפֿירן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ א ווינקל־טישל און געוואַרט.

דער זייגער אין רעסטאָראַן האָט געוויזן זיבן.

דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן.

עס איז צוגעקומען אַ קעלנער.

— איך וואַרט אויף עמעצן... — האָט ליבערט ווי פֿאַרשול־דיקט געענטפֿערט.

דער קעלנער געוווינט צו אַזוינס, איז מיט א שמייכל אַוועק צו אַן אַנדער טישל.

עס איז אַוועק נאָך צען מינוט. בײַ ליבערטן האָט זיך דערוועקט די האָפֿענונג אויף ניט... זי וועט ניט קומען...

ס'וואָלט געווען פֿאַר אים א גליק...

אים האָט זיך אָבער אַזאַ גליק ניט געגלייבט.

„זיי“ קומען אלעמאל שפעטער — האט ער זיך דערמאנט פון אמאל. דאס איז ביי „זיי“ אזא שפיל... מיט דעם „זיי“ האט ער געמיינט די פרויען בכלל...

אבער ווען דער ווייזער פון דעם זייגער אין רעסטאראן האט געוויזן האלב נאך זיבן, איז ער שוין געווארן זיכערער מיט איר ניט קומען...

„ס'וואלט געווען א שכל פון איר“ — האט ער אינערליך געשמייכלט.

און באלד איז אים איינגעפאלן, אז זיין חוב האט ער געטאן. געהאלטן ווארט און געקומען... איצט קאן ער אוועקגיין מיט א ריינעם געוויסן... א האלבע שטונדע איז איבערגענוג צו ווארטן.

אבער דא האט אין געדאנק א שוועב געטאן העלענע אין איר פולן געשטאלט, מיט אירע לאכנדיקע אויגן...

און ער האט זיך פארטיידיקט, אז אויב זי קומט פארט, וועט דאך ניט זיין שיין, ווען זי וועט אים ניט טרעפן. וועט ער נאך עטוואס ווארטן...

ער וועט ווארטן ביז אכט... עס איז בלויז ניט שיין פארן קעלנער. האט ער אים צוגערופן און דערווייל באשטעלט פאר זיך עפעס עסן.

דער קעלנער, ווי באגליקט מיט זיין שליחות, האט, אונטערטאנצנדיק, זיך געלאזט ברענגען דאס באשטעלטע.

ליבערט האט געגעסן לאנגזאם און אן אפעטיט. געקוקט אויפן זייגער און געמאכט דעם חשבון, אז ביז ער וועט אפעסן, וועט דער זייגער האלטן ארום אכט. די ריכטיקע צייט אוועקצוגיין.

ווארעם אמאל פאסירט, אז „זיי“ פארשפעטיקן אויף א שעה און מער.

האט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז זי האט פארשפעטיקט מער ווי אויף א שעה. ער האט שוין אפגעגעסן א פולן מאלצייט און דער ווייזער פון זייגער האט שוין געוויזן א פערטל נאך ניין... און זי איז נאך ניטא.

איצט קאָן ער שוין גיין מיט א רויִקן געוויסן. דאָס הייסט שוין ניט פּאַרשפּעטיקט, נאָר פּשוט זי וועט שוין זיכער ניט קומען...

ניט קוקנדיק, וואָס זיין געוויסן איז געווען רויִק, איז ער אָבער, ליבערט אַליין, געוואָרן אומרויִק...

פאַרוואָס איז זי ניט געקומען?...

עס האָט אים אי געפרייט, אי וויי געטאָן. אָט קען ער איצט זיך אויפהויבן, באַצאָלן און ווי א געוויסנהאַפטער מאַן אַוועקגיין אַהיים, און אָט שטעלט זיך אים פאָר, ווי העלענע גייט אַריין מיט איר פאַרפירערישן שמייכל, זעצט זיך אַוועק קעגן אים און ער פאַר־געסט אָן אַלע זיינע פליכטן... און ער האָט נאָך א ביסל געוואַרט.

האַלב נאָך ניין האָט ער צוגערופן דעם קעלנער.

— צאָלן!

ער האָט אָפּגעצאָלט און איז א פאַרשעמטער אַרויס פון רעסטאָ־ראַן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון איר און פון זיך.

און גייענדיק אַהיים האָט ער זיך געפילט זינדיקער ווי פריער...

# ב ר י ו ע ר

דער ניו-יארקער לעקטאר, וואס איז געקומען פון זיין טור איבער אמעריקע, האט געבראכט צוריק גאנצע פעק מיט רייזע-איינדרוקן.

— אך, טיפע, טיפע, אזוינע אינטערעסאנטע! — האט ער זיך באגייסטערט אין קרייז פון זיינע באקאנטע.

— נו, אדרבא, דערציילט אונז עפעס — האבן די נייגעריקע פארגעלייגט.

און דער לעקטאר האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטן און אנגעהויבן.

„עס איז געווען ארום עלף א זייגער אין אוונט, ביי באפאלא. די פולמאן-קאר, וואו איך בין געפארן, איז שוין פארוואנדלט געווארן אין אן ענגן שלאפצימער מיט צווייגארנדיקע געלעגערס. די אראפגעלאזענע, טונקעלע פארהאנגען, וואס האבן זיך געצויגן איבער די אימפראוויזירטע בעטן, ווי לאנגע כאלאטן, האבן דער פולמאן-קאר צוגעגעבן א פאנטאסטישן אויסזען.

דער גרעסטער טייל פאסאזשירן האבן שוין פארנומען זייערע געלעגערס; אן אנדערער אדער אן אנדערע איז נאך גיט געווען פארטיק און האט זיך אומגעדרייט אין דעם ענג-פארהאנגענעם געצעלט און פון צייט צו צייט האט ארויסגעשטארצט א פוס נאך אין א זאק. עס איז געווען קענטיק, אז אינעווייניק קומט זייער שווער אן דאס אויסטאן זיך.

עס האט זיך ניט געוואלט ארייגפאלן אין דער ענגשאפט, און איך בין אריין אין היכער-צימער.

דארט איז געזעסן בלויז איין פאסאזשיר; אבער אים האב איך טאקע געדארפט. ער איז געווען דער איינציקער ייד פון דער

פולמאן=קאר, דער איינציקער, וואס האט ניט געקאנט און ניט געוואלט זיך אויסגעבן אלס ניט=ייד...

אויפן קוק האט ער אויסגעזען ווי א ייד פון משכילישן טיפ. די עדטערהוויז גרויע באָרד, ניט צו לאַנג און שיין פאַרקאַמט; דער שווארצער ווייכער הוט אויפן קאָפּ; דער ווייכער קראַגן; דאָס שווארצע שניפּסל און די קלאָר=ווייסע העמד; דער שווארצער, לענגלעכער ראָק, — האָבן אים צוגעגעבן א מילדן אויסזען. אויך דער בליק פון די שווארצע אויגן אונטער די ברילן מיט גאָלדענע ריפּן האָט אים צוגעגעבן דעם חן פון לומדות מיט השכלה צוזאַמען.

עס האָט מיך א צי געטאָן צו אים. מיט אַזאַ יידן וועט זיין איינגענעם צו פאַרברענגען א ביסל און ניט מוזן גיין אַזוי גיך אין דעם תפיסהדיקן געלעגער, וואָס דער שווארצער דינער פון פולמאַן=קאַר האָט פאַרגעבריט.

דערצו האָט מיך געצויגן צו אים די השערה, אַז ער איז א שטיקל קאַלעגע — אפשר א לעקטאָר פאַר די מזרחים; אפשר א דאָקטאָר=פילאָסאָף פון דעם אמאָליקן דור, וואָס האָלט א„פּרעדיג“ אַלע וואָך פאַר זיין געמיינדע אין א שטאָט אין דער וועסט, און אפשר גאָר א העברעישער שרייבער, צי א מחבר פון האַלב=רעליגיעזע, האַלב=השכלה=ספרים.

אָבער צו אויסגעפינען, אַז דאָס אַלץ איז ער ניט געווען, איז מיר אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען. אָנפאַנגס האָט דער ייד געשוויגן. א קוק געטאָן אויף מיר דורך די גאָלד=געריפטע ברילן און ווידער אַראָפּגעלאָזט די בליקן. הייסט עס, אַז ער געפינט אין מיר קיין אינטערעס ניט. איז דאָס טאַקע מיר ניט אָנגעשטאַנען.

האָב איך פונאַנדערגענומען מיין פּעקעלע מיט יידישע זשורנאַלן און צייטונגען און גענומען דאָ אין איינעם, דאָ אין דעם אַנדערן אַריינקוקן. זאָל ער, אדרבא, זען ווער איך בין און וואָס איך לייען...

דאָס האָט טאַקע געהאָלפן.

— קאָן מען דאָס אָנקוקן? — האָט ער געפרעגט, אָבער אין זיין פראַגע איז געלעגן א געוויסער שטאָלץ. דאָס האָט געהייסן, אַז ער אַליין האָלט דערפון ניט, נאָר אַזוי ווי ער האָט אויך קיין

חשק ניט צו גיין שלאפן אין דעם „געצעלטל“, נו, וועט ער עס אנקוקן, צו פארטרייבן די צייט.

דאס ערשטע האט ער אנגענומען דעם טעאטער־זשורנאל, האט דורכגעבלעטערט, איבערגעלעזן אלע קעפלעך, זיך אפגעשטעלט אויפן קעפל וועגן „דער נייער רעזשי“, און ווי ער האלט זיך אפגעבריט, האט ער עס גלייך אוועקגעלייגט.

— וואס, עס אינטערעסירט אייך ניט — האב איך געפרואוט אויסצוגעפינען זיין געשמאק. נאר אנשטאט צו ענטפערן אויף מיין פראגע, האט ער שטום זיך גענומען צו א צווייטן זשורנאל. אין יענעם זשורנאל איז שוין געווען א דערציילונג אויך. האט ער דווקא אפגעלעזן פון דער דערציילונג א צוויי־דריי שורות, ווייטער גענומען בלעטערן, ביז ער איז געקומען צו דער אנאנס וועגן דער סטייט־באנק. האט ער די אנאנס דווקא דורכגעלייענט אינגאנצן און ערשט נאכדעם צוגעמאכט דאס העפט...

האב איך שוין געזען, אז דער ייד איז ניט קיין ליטעראַרישער מענטש. דאס האט אבער ביי מיר ניט געהייסן, אז ער איז ניט קיין למדן און ניט קיין משכיל. עס זיינען דא אפילו געלערנטע און פילאסאפן, וואס בלעטערן אזוי דורך אונזערע ליטעראַרישע און קינסטלערישע זשורנאלן...

האב איך אים איידל א פרעג געטאן:

— וואס לייענט איר?

און ער איז שוין ריידעוודיק געווארן. ווייזט זיך ארויס, אז געלייענט האט ער נאר דאס יידישע „טאגעבלאט“ און אז ער האט צייט, קוקט ער אריין אין „אמעריקאנער“. אז ער איז געקומען צום „אמעריקאנער“, האט זיין בליק דורך די ברילן אויפגעלויכטן:

— אך, איז דאס א טייערע צייטונג — האט ער זיך באגייסטערט. — פון בלערליי זאכן ווערט דארט געשריבן... פון בלערליי!...

איז מיר שוין קלאר געווארן די גאנצע ליטעראַרישע דערציונג זיינע, און איך בין אריבער אויף וואכעדיקע פראגן...

— זייט איר שוין לאנג אין לאנד?

— שוין פופצן יאָר! — האָט ער געענטפערט מיט שטאָלץ.

— נו, ווי גייט עס? זיך אַרויפגעאַרבעט?

— גאָט צו דאַנקען, איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן. איך בין דאָ ווי אין דער היים — אַ סוחר.

דאָך האָט ער נאָך דער דערקלערונג אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס־זשע זיפצט איר? — די געשעפטן זיינען איצט ערגער?

— ניין, דאָס זאָג איך ניט... גייען דווקא גוט, ווי שטענדיק.

און ער האָט נאָך אַ שטאַרקערן זיפץ געטאָן.

אַז אַ ייד קען זיפצן פון פאַרגעניגן וועגן אויך, ווייס איך שוין פון לאַנג: אָבער דער ייד האָט געזיפצט טאָקע אויף אַן אמת. עס האָט מיך אַזש פאַרנומען פאַרן האַרצן.

— וואָס־זשע? צער גידול בנים?

— חלילה! — האָט ער זיך ווי אָפּגעשראָקן — מיינע קינדער זיינען מיר געהאָראָם. די יינגלעך דאַווגען, פּונקט ווי אין דער אַלטער היים, דריי מאָל אַ טאָג. די מיידלעך, אַפילו געלערנטע, אָבער וואָס דער טאַטע זאָגט איז געזאָגט, און רייד רעדן זיי ביי מיר דווקא יידיש... איין טאָכטער שפּילט ביי מיר פּיאַנע און איינע גייט אין האַיסקול... אָבער וואָס איך זאָג, איז געזאָגט.

איך האָב באַטראַכט געניייער זיין קליידונג, פון אויבן ביז אַראָפּ. יאָ, דער ייד איז אַ פאַרמעגלעכער. דער בליק אַפילו איז פון אַ מענטשן, וואָס באַזיצט אַ פאַרמעגן.

ער איז מיר געוואָרן טשיקאַווע... איך אַליין האָב אויך געוואונען זיין צוטרוי. ער האָט זיך צערעדט און ער האָט זיך אַרויסגעגעבן, אַז ער פאַרמאָגט ביי אַ האַלבע מאה אלף.

— איז דאָך גאָר פיין! בין איך געוואָרן איבערראַשט, וואָס דער דאָזיקער ייד איז אַזאַ עושר.

אָבער באַלד האָט ער ווידער אַ זיפץ געטאָן, און נאָך אַ שטאַרקערן.

„עפּעס דריקט דעם יידן" — האָב איך געטראַכט.

איך האָב אים ווי געטראָפּט:

— מיר דאכט, אז מען פארמאגט א פופציק טויזנט דאלער, איז ניטא וואס צו זיפצן — שמייכל איך צו אים.

— יא, איה זייט גערעכט — האט ער צוריק געשמייכלט — אבער עס זיינען דא יידן, וואס פארמאגן א סך מער. איר פארשטייט? — א סך מער!...

און נאך א קורצער פויזע האט ער אויסגעזאגט דעם סוד:

— איך האב א ברודער איז ער א מיליאנער... ער איז אינגאנצן עלטער פון מיר מיט צוויי יאר... א מיליאנער...

— טאקע אן אמתער מיליאנער?

— א מיליאנער ממש!

— נו, איז דאך גוט... א ברודער א מיליאנער — האב איך אים געטרייסט.

— אוודאי... איך פארגין אים מיטן גאנצן הארצן. — האט ער געענטפערט ווי עטוואס מיט א איראניע...

— יעפעס א גוטער מענטש, דער ברודער אייערער, דער מיליאנער?

— ווי א מיליאנער — האט דער שכן מיינער צווידייטיק ארויסגעברומט.

— לאזט ער זיך דערקענען ווי א ברודער א מיליאנער?

— אט דאס איז דאך דאס! — איז דער ייד געקומען צו זיך און האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ: ווען איך בין, למשל, אן ארעמאן, וואלט ער מיר אוודאי געהאלפן. ער איז דווקא ניט קיין שלעכטער... נאר וואס קאן ער מיר העלפן, אז איך בין אליין קיין עין־הרע ניט א ייד א סוחר. דאס געשעפט גייט גוט, איר פארשטייט.

— נו, ער קאן פארגרעסערן אייער געשעפט...

— וואס הייסט פארגרעסערן? מיין געשעפט איז אזא, וואס לאזט זיך ניט פארגרעסערן, אזא מין געשעפט איז דאס. אמאל מאך איך א יאר מיט טויזנט דאלאר מער, אמאל ווייניקער. אבער העלפן מיר דארף ער ניט... און דאס איז דאך דאס טאקע — האסט א ברודער א מיליאנער און וואס? — גארניט...

די טענה איז אויסגעקומען קאמיש. אבער איך האב ניט נאר

ניט געלאכט, נאר פארקערט, איך האב אים פארשטאנען. איס האט עפעס געמאטערט א פארדראס, וואס האט זיך ניט געלאזט דער־קלערן מיט ווערטער.

אין ווייטערדיקן שמועס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אויסער אלץ איז ער צוליב דעם ברודער דעם מיליאנער אמאל מער בעל־הוצאה.

— אין צדקה, למשל, שטייג איך אים איבער — שמייכלט שוין דער ייד טראציק...

— ווי אזוי? — וואונדער איך זיך.

— איך לאז אים, פארשטייט זיך, דעם ערשטן געבן; נו, זע איך, אז ער גיט אויף תלמוד־תורה א הונדערטער, גיב איך צוויי. הייסט עס, אז איך, בער הורוויץ, האב איבערגעשטייגט דעם ברו־דער, דעם מיליאנער, מאיר הורוויץ. איז ער מיט מיר א פאר וואכן ברוגז... פארדריסט עס מיך. נאכדעם בעט איך אים איבער. פארט א ברודער! אמאל אבער טרעפט, אז ער, הורוויץ, הייסט עס, גיט א טויזנט דאלאר פאר א גרויסן צדקה־ענין.... נו, דא איז מיר, בער הורוויצן, שוין שווער איבערצושטייגן. ווער איך שוין ברוגז אויף אים. דער ברודער האט מיר, הייסט עס, אפגעטאן א שפיצל. אבער איבערשטייגן אים קאן איך שוין ניט. כ׳מוז נאך געבן א סך ווייניקער... פיל איך מיך שוין קליין אקעגן אים. רעדט שוין די שטאט: מאיר הורוויץ האט געגעבן טויזנט דאלאר. ביי אונז אין שטאט איז דאס א גרויסע מטבע... ווארט איך, בער הורוויץ, שוין אפ, ביז עס קומט ווידער צו צדקה, און ער פארגעסט, אז איך בין אויך דא און גיט אינגאנצן א פופציקער. גיב איך שוין דעמאלסט גאנצע דריי הונדערט. רעדט מען שוין וועגן מיר גרויס און פון אים לאכט מען שטילערהייט... ווערט ער שוין ברוגז..

— אבער ווייטער — ענדיקט דער ייד פריילעכער — לעבן מיר זייער גוט. מיר גייען איינע צו די אנדערע אויף שמחות און פארגעסן זיך אמאל, ווער עס איז דער מיליאנער און ווער ניט... ווארעם נאך אלע זאכן זיינען מיר דאך ברידער, הא?

און נאך דער דאזיקער חקירה האט ער דאך א זיפץ גע־טאן...

---

# די אמעריקאנער אייראפעישע

ווען אמאליע איז געגאנגען אין פאבליקסקול, פלעגט זי אין געוויסע אוונטן באמערקן, ווי צו איר פאטער, דעם דאקטאר וואלפזאן אין הויז, קומען זיך צונויף אזעלכע מענטשן, וואס זיינען אין געוויסע הינזיכטן זייער „פאמי". דער טאטע אבער, פלעגט מיט זיי זייער גערן פארברענגען. פלעגט זיך היצן, מאכן מיט די הענט און פלעגט אט די אלע געסט פון פארשיידענעם עלטער און געשלעכט נעמען זייער ערנסט. און וויבאלד אז דער פאטער לאכט ניט פון זיי, פלעגט אמאליע אויך קוקן אויף זיי מיט מער אדער ווייניקער אכטונג, כאטש באפרייען זיך אינגאנצן פון דעם קאמישן געפיל, וואס מאנכע פון די באזוכער האבן ביי איר ארויסגערופן, האט זי ניט געקאנט. אז די געסט פלעגן איינער נאכן אנדערן אנהייבן צו פארלאזן דאס הויז און זי איז נאך שלאפן ניט געגאנגען, פלעגט זי זיך ארויפכאפן צום טאטן אויף די קני און האלב לאכנדיק, האלב ערנסט, פלעגט זי אים, פארשנדיק, אין די אויגן ארייקוקן און פרעגן, אין ענגליש נאטירלעך:

— פא, ווער זיינען זיי דאס?...

— וואס הייסט ווער? — האט ד"ר וואלפזאן איר אנגענומען פאר איר לאנגער, חנעוודיקער גאמבעלע — האסט אליין ניט געזען? מענטשן, געבילדעטע מענטשן.

— סאשעליסטן? — פלעגט זי ווידער ווי ניט אן מורא פרעגן.

דאקטאר וואלפזאן פלעגט א שמייכל טאן און ענטפערן:

— עס זיינען צווישן זיי דא אלערליי, „סאשעליסטן", אנארכיסטן, זייאניסטן, פועלי-זייאניסטן.

— אין בייזבאל שפילן זיי אויך?... — האקט אמאליע איבער דאס צעטל פון די איכטן.

דער טאטע פלעגט זיך צעלאכן און ענטפערן:

— ניין, מיין בייבי. זיי זיינען ניט קיין אמתע אמעריקאנער... צו ביזבאל זיינען זיי נאך ניט דערגאנגען. זיי האלטן דערפון ניט...

— זיי זיינען פון אירָאפּע?

— יא, מיין בייבי.

— דו, פּא, ביסט אויך פון אירָאפּע? — פרעגט אמאליע איבער נאכאמאל, כאטש זי ווייסט עס שוין לאנג; איר ווילט זיך אבער, אז דער פּא זאל עס איר אמאל אפּלייקענען.

ד״ר וואלפזאן שמאלצירט אבער מיט אייראפּע און ער שמייכלט:

— אוודאי, מיין קינד, איך בין פון אירָאפּע.

און אזוי ווי אמאליע פלעגט נאך דעם דאזיקן ווידוי פון טאטן ווערן א ביסל אומעטיק, פלעגט ער זיין געצוואונגען זי צו טרייסטן:

— איך בין שוין לאנג, לאנג פון אייראפּע.

די דאזיקע דערקלערונג האט דעמאלסט אמאליען גרינגער געמאכט און א צופרידנגעשטעלטע פלעגט זי פרעגן וועגן די געסט:

— זיי זיינען שוין אויך לאנג פון אייראפּע?...

— נא, מיין קינד. פאראן צווישן זיי אזעלכע, וואס זיינען ערשט א האלב יאר אין לאנד... פיינע מענטשן.

— זיי זיינען אבער „באמי״, אמת פּא?

— „באמי״! פארוואס? דו ביסט א נאר! זיי זיינען געלערנטע און האבן אידעאלן.

— פּא, וואס איז דאס אידעאלן? — פלעגט אמאליע פרעגן ניט גאר אן שרעק...

— אידעאלן... אידעאלן — פלעגט ד״ר וואלפזאן אנהייבן שטאמלען און ניט וויסן, ווי אזוי דער 12־יאריקער טעכטערל זיינער צו דערקלערן אזא איינפאך ווארט און ער האט עס געמוזט אפּלייגן אויף א צווייטן מאל, אז זי וועט ענדיקן פּאבליקסקול.

אבער אז זי האט געענדיקט פּאבליקסקול, האט זי שוין ניט געפרעגט, „וואס איז דאס אידעאלן״? ערשטנס האט זי זיך געלערנט דאן „דענסינג״, צווייטנס האט זי זיך צוגעגרייט צו הייסקול און האט שוין געטרוימט וועגן א לענגערער פרעסקע און צו איבער־

בייטן דעם באַטשיקל פון פּאַבליסקול אויף אַ באַי פון האַיסקול. אין דער זעלבער צייט האָט זי אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז צווישן די געסט, וואָס קומען אַריין צום טאַטן, זיינען דאָ אַ פּאָר באָיעס אויך. מיט איינעם פון זיי האָט זי זיך פאַראינטערעסירט. כאָטש ער איז געווען אַ „פּאָמי", ווי די איבעריקע, האָט זי דאָך צווישן די פיל הויכע פּראַזן, וואָס ער פלעגט שיטן מיט פייער און עקסטאַז, אייניקע פאַרשטאַנען און זי פלעגט זיך אַמאָל צווזעצן גאָר נאָענט און אָנהערן זיך וועגן דעם, וואָס די מענטשן ריידן, און פלעגט זיך וואונדערן, פאַרוואָס זיי היצן זיך אַזוי... האָט זי איינמאָל געפרעגט דעם פּאַ וועגן דעם דאָזיקן יונגמאַן, וועלכער היצט זיך מער ווי אַלע. דער פּאַ האָט אים פאַרגעשטעלט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס. זיין נאָמען האָט זי דייטלעך ניט געקאָנט באַנעמען. ער האָט זיך גענענדיקט אויף „סקי" און זי האָט אים געוואָלט איבערבעטן, האָט זי זיך געשעמט צו אים זיך ווענדן אַן אַ נאָמען.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען נאָך עטלעכע יאָר. אַמאַליע האָט געענדיקט האַיסקול און האָט שוין געטראָגן קליידער ווי אַ דערוואַקסן מיידל. וואָס איז אַזוינס אידעאַלן האָט זי שוין געוואוסט אַליין, אָבער זי האָט נאָך קיין אידעאַל ניט געהאַט. געצווינגן האָט איר שוין אָבער יאָ צו אַ וועלכן עס איז אידעאַל.

— פּאַ, דו האָסט דאָך אַזוי פיל אידעאַלן? — האָט זי זיך פייעטשעטשענדיק אין מאָל געווענדעט צו ד"ר וואָלפּזאָן — גיב מיר עפּעס אַ שטיקעלע אידעאַל. עס איז מיר אומעטיק...

ד"ר וואָלפּזאָן, וואָס האָט שוין באַקומען פיל גרויע האָר אין קאָפּ און די שלייפן זיינען שוין אינגאַנצן זילבערנע געווען, האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך האָב שוין אויך באַלד קיין אידעאַל ניט... איך בין שוין דאָ דרייסיק יאָר אין לאַנד, שוין צייט צו פאַרליכן זיי.

האָט זיך אַמאַליע אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער צוהערן צו די שמועסן, וואָס קומען פאָר אין פאָטערס הויז. אַמאָל האָט זיך איר געוואָלט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אָבער אַזוי ווי די שמועסן זיינען געפירט געוואָרן אין יידיש, האָט זי ניט געוואָלט מיט איר ענגליש אַריינטראָגן אַ דיסאָנאַנס. זאָגן איר מיינונג אויך אין יידיש, האָט

זי מורא געהאט, מען זאל נאר לאכן פון איר „אויסשפראך“, און זי האט געשוויגן, מאכנדיק איך די געסט דעם איינדרוק פון אן אנטוויקלט אמעריקאנער מיידל.

* * *

איינמאל האט ד״ר וואלפזאן באמערקט, ווי אמאליע איז שוין א לאנגע צייט אין ערגעץ ניט געוועזן. זי האט זיך געלאנגווייליקט און געקלאגט אויף קאפ־שמערצן.

— פארוואס גייסטו אין ערגעץ ניט, מיין טאכטערו — האט ער איר געפרעגט מיט אנטייל.

— איך האב ניט וואוהין — האט זי געשמייכלט.

— וואס הייסט, וואו זיינען דיינע אלע „אמעריקאנער“ באַקאנטע — האט זיך דער ד״ר געוואונדערט.

— עס איז מיר מיט זיי ניט אינטערעסאנט, פא — האט זי ווי פארשעמט זיך ענדלעך מודה געווען. — נאך די אלע געשפרעכן, וואס איך האב זיך אנגעהערט פון דיינע געסט, קען איך מיט „מיינע“ גארניט ריידן, און דאס, וואס זיי ריידן, איז אזוי ווייט פון מיר... פא — האט זי נאך א קורצער ווײַלע זיך געווענדט צו אים מיט א שמייכל — האסט מיך שלעכט דערצויגן. דיינע באקאנטע, ווי פרעמד זיי זיינען מיר, האב איך דאך עפעס פון זיי גענאשט. אינגאנצן זיינען זיי ניט לויט מיין געשמאק. יענע ווידער זיינען פאר מיר צו טעמפ און ניט אנטוויקלט. עס איז מיר באמת אומעטיק.

דער פאטער האט געשוויגן און געטראכט, ווי אזוי זיין אמאליען פארבינדן נעענטער מיט זיין געזעלשאפט.

אין דער זעלבער צייט האט אמאליע זיך באקענט מיט אן אמעריקאנער באי. האבנדיק אלע פרייהייטן ביי אירע עלטערן, פלעגט זי אים אמאל ברענגען צו זיך אהיים.

דער פאטער האט אים פארגעשטעלט פאר די געסט פון די פארשיידענע „איסטן“. מען האט אים גענומען אויפן פארהער. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז כאטש ער איז שוין א פארטיקער אינזשעניער, איז ער דאך אין די העכערע פראגן א גרויסער עם־

הארץ. די אייראפעישע געסט האבן געשמייכלט און זיך געוואונדערט, וואס צו ד״ר וואלפזאן אין הויז האבן אנגעהויבן צו קומען אזוינע מינים ברואים.

האט אמאליע אים אוועקגעלאזן און אויסגעקליבן א באי פון איר טאטנס געסט און אים גענומען צו אירע באקאנטע, האט זי דאס געהאט פון אים בזיונות. גערעדט האט ער ניט אנדערש ווי יידיש און פאר דער גאנצער צייט האט ער אפשר איין מאל געזאגט „עקסקיוז מי!“

איין חברטע האט איר איינגערוימט אין אויער:

— וואו האסטו גענומען דעם דאזיקן „קאק“?

און אזוי האט זיך אמאליע געווארפן מיט אירע באיעס. דא איז זי געגאנגען מיט א „היימישן“, דא מיט אן אמעריקאנער און פון ביידערליי מינים האט זי געהאט אויסצושטיין בזיונות. פון דעם היימישן האבן געלאכט די אמעריקאנער און פון דעם אמעריקאנער האבן געלאכט די היימישע.

כאטש בלייב אויפן גאנצן לעבן איינע אליין!...

---

# דער פֿאַרליבטער שדכן

ווי אַ פֿרעמדער האָט זיך באַריס אַרומגעדרייט צווישן די מיידלעך אויף דער וועראַנדע פֿון דעם „זומער-הויז“ אין די בערג, וואו ער איז געקומען אָפּרוען זיך אַ פּאָר וואָכן מיט זיין יונגער און שיינער ווייבל בעלאַ. אין דער אמתן זיינען אָבער דער גרעסטער טייל פֿון די מיידלעך געווען זיינע גוטע באַקאַנטע. מיט אַ יאָר צוריק איז ער מיט זיי געווען נאָענט באַפֿריינדעט, גערופֿן זיי דאָס רוב מיט די ערשטע נעמען, און מיט אַ מאַנכער פֿון זיי געשפּילט זיך אין לייכטער, אומשולדיקער אָבער פֿאַרלאָקנדיקער ליבע. איצט זיינען זיי וייטע, פֿון אַן אַנדער לאַנד און ריידן גאָר אַן אַנדער שפּראַך. אמת, ער אַליין היט זיך אויס פֿון צו-נאָענטער פֿאַמיליאַריטעט אַפֿילו מיט מיס פֿעני גאָלדשטיין — דאָס שיינע בלאָנדע מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך איצט געפֿונען אויבן זעלבן פּלאַץ, פֿלעגט ער ניט נאָר רופֿן ביים ערשטן נאָמען, נאָר צייטנווייז זיך דערלויבן צו זאָגן איר „דו“, וואָס זי האָט אָנגענומען גאַנץ נאַטירלעך, — אַפֿילו מיט איר האַלט ער זיך אָפֿיציעל, ער רופֿט זי נאָר „מיס“ גאָלדשטיין, און אויב ער רעדט שוין יאָ מיט איר אויס פֿון צייט צו צייט עטלעכע פֿראַזן, איז עס דאָס רוב וועגן וועטער.

דערלעבט יאָרן! — באַריס, דער פֿריילעכער, גייסטרייכער באַריס, וועלכער איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פֿון הומאָר אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מיידלעך, רעדט גאָר איצט וועגן וועטער...

און בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט דאָס יאָר חתונה געהאַט.

און אויף וועמען זאָל ער בייז זיין, ווייס ער אַליין ניט. זיין ווייבל, בעלאַ, איז אַ מאָדערנע, אַ ראַדיקאַלע, אַ באַלעוועסטע. זי פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אויב אַ מענטש האָט חתונה געהאַט אַפֿילו

אויס דער ריינסטער ליבע, איז ער דאָך ניט פּאַרקויפט מיט אַלע זיינע געפילן צו איר. אייפערזוכט איז בכלל אַן אַלט־אָפּגעלעבּ־טער געפיל.

נאַטירלעך ווייס זי אויך, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין קיינע אַנדערע פרויען־געזעלשאַפטן. אָבער זי וואָלט, ווען יאָ, געוויס אים ניט געשטערט אין דעם, ווער רעדט שוין, אַז איר ליבע צו אים זאָל אָפּגעקילט ווערן דערפאַר — אוודאי ניט...

— באָריס, דו ביסט פריי אין אַלע דיינע געפילן און סימפּאַטיען — באַמערקט זי אים אַמאָל, ווען ער ווערט דאָ, ווי איר דאַכט זיך, אומעטיק.

דאַן מוז באָריס איר דערקלערן, ווי אַזוי זי קען אים ניט. אויסער איר, בעלען, האָט פאַר אים קיין פרוי קיין אינטערעס ניט אַלס פרוי. אַלס מענטש — אפשר יאָ.

— נו, קענסט זיך האַלטן מיט זיי פריי אַלס מענטש... איך, באָריס, שטער דיך ניט, ווייסט דאָך...

און זי גייט מיט אים אַראָפּ אויף דער וועראַנדע.

* *
*

אויף דער וועראַנדע זיצט פעני אויף אַ וויגשטול און וויגט זיך נאַכלעסיק. קענטיק, זי וואַרט אויף עמעצן. אַז עס באַווייזט זיך באָריס מיט בעלען, איגנאָרירט זי באָריסן אינגאַנצן. נאָר צו בעלען ווענדט זי זיך יאָ. עס פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך וועגן דעם שטאָף פון בעלעס קלייד.

באָריסן לאַנגווייליקט פון געשפּרעך. ער קוקט, ווי פעני וויגט זיך לאַנגזאַם אויפן שטול. און זי זאָל כאָטש אויף אים אַ בליק טאָן! ער איז באַליידיקט!

דערווייל דערמאָנט זיך בעלאַ, אַז זי האָט עפּעס צו טאָן אין צימער. זי פאַרלאָזט דעם פּלאַץ און פאַרשווינדט. פעני בלייבט אַליין אויג אויף אויג מיט באָריסן.

אַ לאַנגע פּויזע. פעני צעגענעצט זיך.

— אייך איז דאָ לאַנגווייליק, מיס גאָלדשטיין?

— יאָ... אַ ביסעלע...

— אַך, פאַראַאָרן האָט ער זי אַזוי אַמיזירט.

ער וויל געפינען דעם פאַראַאָריקן טאָן, ער וויל זי רופן פעני. ער געפינט אָבער ניט קיין מוט. בעלא קען נאָך באַלד אַראָפּ. נאַטירלעך וועט איר ניט אַרן, ווי אַזוי ער רופט דאָס מיידל, צי מיס גאָלדשטיין, צי פעני... דאָך איז בעסער, אַז ניט. און בשעת ער מאַכט פּלענער, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען איצט פעניען, ווערט אים אַלס ליכטיקע ערינערונג פון זיינע „פריייע טעג". באַוויזט זיך פּלוצים אַראָנסאָן, איינער פון די דריי יונגעלייט, בחורים, וואָס געפינען זיך אין דעם פּלאַץ.

אַראָנסאָן איז באַקאַנט פאַר אַ לעבעדיקן יונג, האַלט זיך לוסטיק, ווי אַ דאָן־זשואַן, און מען פאַרגינט אים אַלע זיינע פריייע באַנעמונגען.

לעבן פעניען איז דאָ אַ ליידיקער שטול. אַראָנסאָן זעצט זיך אַנידער אויף אים. רוקט אים צו נעענטער, נעענטער צו פעניען. ער זיצט שוין ווי צוגעקלעפּט צו איר.

פעני פּראָטעסטירט ניט. פאַרקערט, זי פילט זיך דערפון אויפגעמונטערט. זי פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אויך מעשה וואוילמיידלעריש, און אַראָנק דעם הענגט איר פיין פאַרמירט פיסל ווי אויף אַן אויסשטעלונג.

באָרים איז פאַרכאַפּט פון דער שיינער פאָרם פון איר פוס.

ער דערשטיקט אָבער אין זיך דאָס געפיל און פאַרקוקט זיך אויף אַ בוים, וואָס שטייט אַנטקעגן אים. דערווייל איז שוין אַראָנסאָנס קאָפּ אויף פעניס אַקסל, זיין לינקע האַנט שפּילט זיך מיט אַ קוטאַס פון איר בלוזע, די רעכטע האַנט בלאָנדזשעט אַרום האַלז...

באָרים צינדט זיך אָן. אָט אַזוי דערלויבט מען זיך עס, אַז מען איז פריי. אַ מענטש דאַרף זיין פריי — באַשליסט ער פעסט.

נאָר ער האָט זיך פאַרבונדן. אַך, ווען ער קען דערקלערן דער וועלט, ווי אַזוי פריהייט איז גוט, וואָלט, דאַכט זיך, קיינער ניט חתונה געהאָט.

און פּלוצים באַפאַלט אים אַ כעס, וואָס ער איז ניט פריי, וואָס אָט דער אַראָנסאָן פלירטעוועט מיט אַלע מיידלעך. אַבסאָלוט מיט אַלע... ער כאַפּט זיך פּלוצים, אַז ער, אַראָנסאָן, באַליידיקט

די מיידלעך, איבערהויפט פענין. וואס הייסט! — איז דען פעני סתם א מיידל, וועלכע מען קען אזוי לייכטזיניק באהאנדלען?

און ער פארגעסט אן זיין פרייהייטס־טעאריע און הויבט אויס:

— פריינד אראנסאן, איך האב אייך געוואלט עפעס פרעגן...

מיט פארגעניגן — ענטפערט אראנסאן, און הייבט ניט אויף זיינע בליקן אפילו. ער איז פארשפילט מיט פענים קוטאסל פון דער בלוזע.

— האט איר דען ליב פענין?

אראנסאן האט אפגעלאזט דאס קוטאסל און פארטוירט גע־פרעגט:

— ליב... וואס הייסט ליב?...

פעני האט זיך אויך דערוואכט און זיך פאראינטערעסירט אין געשפרעך.

— איך מיין, צי זייט איר אזוי פארליבט, אז איר וואלט מיט איר חתונה געהאט?...

— הם... איך האב וועגן דעם גארניט געטראכט.

— אט דאס איז דאס, וואס איר טראכט ניט... — און באָ־ריס איז אריינגעפאלן אין א מוסר־טאן, — מען דארף יא טראכטן, און אויב מען דערלויבט זיך אזוינע פרייהייטן...

— איז וואס? — האט אראנסאן א ביסל אפגערוקט זיין שטול פון פענים.

— דארף מען חתונה האבן!...

פעני האט אפלאדירט:

— איי, גוט! איי, גערעכט! — האט זי אויסגעזונגען, — איר הערט, אראנסאן?

באריס איז קעגן זיין ווילן אריין טיפער אין ערנסטן טאן.

— יא, חתונה האבן!... — האט ער זיך צעשריען, ווי ער וואלט געווען פענים א ברודער, — פעני איז ניט עפעס אזוי א מיידל...

— נו, אראנסאן, וואס זאגט איר? — האט פעני כלומרשט געשמייכלט.

אַראָנסאָן האָט איר אַ גלעט געטאָן אויפֿן קאָפּ, פּאָרזיכטיק...
אָבער פֿעני האָט אים גראַציעז, דאָך גענוג שטרענג, אָפּגע־שטויסן...

— ניין, אַראָנסאָן, דערווייל טאָר מען ניט, — האָט זי גע־דראָט מיט אַ פֿינגער.

אַראָנסאָן האָט זיך פֿאַרשעמט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך דערפֿילט אומבאַקוועם, אין אַ קאָמישער לאַגע, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ יונג מיידל.

עס איז אַראָפּ בעלאַ. זי האָט באַמערקט ביי באָריסן אויפֿן פּנים אַן אויסדרוק פֿון אויפֿרעגונג.

— האָסט זיך געקריגט מיט עמעצן? — האָט זי פֿריינדלעך געפֿרעגט.

— ניין, טייערע, — איך האָב בלויז אויסגעפֿירט אַ שידוך... — האָט ער געקוקט אַ צופֿרידענער.

— ווירקלעך? — האָט זיך בעלאַ פֿאַרוואונדערט און גע־פֿריים, — ווער מיט וועמען?

— מיך מיט אַראָנסאָנען! — האָט פֿעני אָנגעזאָגט.

— מזל־טוב! — האָט בעלאַ אויסגעזונגען.

און פֿעני מיט אַראָנסאָנען האָבן זיך איבערגעקוקט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט...

# די צופרידענע

דודן איז די פּאָר צענדלינג דאָלאַר א וואָך, וואָס ער האָט פאַרדינט אַרבעטנדיק אין אַן אָפיס, געווען קוים־קוים גענוג דורכ־צולעבן זיך אַ גאַנצע וואָך און פון צייט צו צייט קויפן א נייעם אַנצוג...

ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דער שיינער גוידען, און זי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט דוד געמוזט ווערן א גרוי־סער פאַרדינער.

אויב ער האָט קיין העכערונג אין אָפיס ניט געקראָגן, האָט ער אָבער אַזוי אויסגערעכנט געלעבט, אַז דעם גרעסטן טייל פון דעם געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען, זאָל ער קענען אויסגעבן פאַר דער שיינער גוידען און מאַכן דעם ריכטיקן איינדרוק.

און באַקומענדיק שבת צוועלף א זייגער דאָס קליינע גע־האַלט, האָט ער אָפּגעגנבעט דערפון בלויז א קליינע סומע פאַר דער גאַנצער וואָך, און דאָס איבעריקע האָט געדאַרפט אַוועקגיין אויף שבת אָוונט, ווען ער „נעמט אויס" גוידען.

גוידע, זעענדיק, ווי דוד צאָלט פאַר איר פון דער פולער האַנט, האָט זיך געפילט זייער גליקלעך. אַט דאָס איז איר אמתער אידעאַל פון א מאַן — א רייכער און ניט קיין קאַרגער.

לויט דודס וואָרפן זיך מיט געלט אין די שבת־צו־נאַכטן אין די אַמיזירונגס־פּלעצער, וואו ער פלעגט זי „אויסנעמען", האָט גוידע, נאָך א יונג מיידל, וואָס האָט שוין אַליין פאַרדינט 15 דאָלאַר א וואָך, אַרבעטנדיק אויך אין אַן אָפיס, — זיך פאַרגעשטעלט, אַז דוד מוז באַקומען א זייער גרויס געהאַלט. פרעגן אים אָבער וויפיל, האָט איר ניט געפאַסט.

ווער רעדט, אַז דוד פּלעגט זיך אַמאָל אַזוי אָנטציקן פאַר גויִ-דען און פאַרשווענדן אויך די אָפּגעגנבעטע פאַר דאָלאַר אויף אַ גאַנצער וואָך און אָפּפירן זי אַהיים אויף אַ „מאַשין", דאַן האָט שוין גוידע פאַר אים ווי מורא געקראָגן. ווער ווייס, ווי רייך ער איז.

מיינט אַזאַ רייכער יונגערמאַן הירקלעך ערנסט מיט איר חתונה האָבן?

און דערפאַר, אַז דוד פלעגט איר אין אויטאָמאָביל אַרומנע-מען און וועלן זי אַ קוש טאָן, האָט זי אָנפאַנגס ניט דער-לויבט.

— פאַרוואָס, גוידע?...

— איך גלייב ניט אין אײַער ליבע.

— אַך, גוידע, זעסטו דען ניט, ווי ליב איך האָב דיך!

און ערשט דאַן, ווען גוידע האָט אים טיף אין די אויגן אַריינ-געקוקט און אָפּילו אין דער טונקלקייט באַמערקט זיינע פלאַמענדיקע בליקן, האָט זי זיך ענדלעך אונטערגעגעבן.

אָבער דאָס האַרץ האָט דאָך אומרויק געקלאַפּט. טרעפט איר זיכער אַזאַ גליק?...

זיכער איז זי ערשט געוואָרן מיט דודן, ווען ער האָט זי געפרעגט מיט אַן ערנסטן טאָן, „ווען צו גיין אַרויסצונעמען לײַ-סענס".

גוידע האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר פרייד, און וויבאַלד אַז זי איז שוין זיכער מיט אים, וויל זי נאָך זיך ניט פאַרבינדן.

— מיר האָבן נאָך צייט, דוד.

דודן איז אָבער שווער געוואָרן דער שפּיל אין „רייכקייט".

ער האָט זיך געוואָלט אָפּרוען.

גוידען האָט ער עס אָבער ניט אַנטדעקט, ווי ער וואָלט זי ניט געוואָלט דערשרעקן מיט אַמאָל, און ער האָט זיין אייַלן זיך איר דערקלערט מיט זיין שטאַרקער ליבע.

— גוידע, — האָט ער זי איינגערעדט, — עס איז שוין צייט. מיר וועלן נאָך דער חתונה האָבן אַנדערע פאַרגעניגנס.

און גוידע איז א גליקלעכע אוועק מיט דודן אין סיטי־האל.

יענעם טאג האבן זיי ביידע ניט געארבעט. איר האט עס ניט געארט. פארקערט, עס קען זיין, אז באלד, באלד וועט גי אינגאנצן אויפהערן גיין אין אפיס. אים אבער האט עס געפייניקט. דער באס וועט אים זיכער אפרעכענען פאר א טאג.

— וואס ביסטו אומעטיק, דוד? האסט חרטה? — האט אים גוידע געפרעגט א גליקלעכע, זיצנדיק אין רעסטאראן ביים מיטאג, וואו ער האט זיך נאך אלץ ניט ארויסגעגעבן מיט זיין „ארעמקייט“.

— א, ניין, ניין! — האט דוד פייערלעך אויסגערופן, און אומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן, צי קיינער קוקט ניט צו זיין טישל, האט ער זי ארומגענומען און א קוש געטאן.

גוידע, א גליקלעכע, א זיגרייכע, האט זיך פעסטער געטוליעט צו דודן.

נאך דער געזעצלעכער חתונה איז דוד געבליבן וואוינען אין זיין צימער, וואוהין ער האט ארייגעפירט גוידען.

— אייער כלה? — האט די מיסעס געפרעגט.

— ניין, מיין ווייב.

גוידע האט זיך אומגעקוקט צום וואנט, א פארשעמטע.

— א, אויב אזוי, זייט איר ווילקאמען, — האט די מיסעס, שוין אן עלטערע פרוי, מיט א גליקלעכן מוטערלעכן שמייכל געזאגט, — ווען אבער נעמט איר רומס?...

— רומס... רומס? זיכער... איך זוך שוין...

— נו, יא... — האט די מיסעס גוטמוטיק גערעדט, — ביז מ׳קריגט היינט רומס... איר קענט דערווייל דא וואוינען. אין א גוט לעבן איז אלעמאל געראס. איבעריקנס איז דער צימער גענוג גרויס. נאך א דאלאר א וואך, און ביז וואס ווען קענט איר דא וואוינען און וואוינען — האט די מיסעס געענדיקט מיט א צווייטיקן שמייכל.

דעם קומענדיקן שבת אוונט האט שוין דוד מורא געהאט אויבנעמען גוידען אין יענע פלעצער, וואו ער האט זי אויסגענומען פריער. דאס געהאלט, וואס ער האט באקומען, איבעריקנס מיט

א פינף דאלאר שוין מער, האט ער געמוזט היטן אויף א גאנצער וואך.

— נו, וואוהין גייען מיר היינט אוונט, — האט גידע חנעווּדיק געפרעגט.

— היינט אוונט... היינט אוונט — האט דוד געשטאטלט, און ענדלעך, דרייסטער ווערנדיק, האט ער זיך געווענדט צו איר — מוז מען דאס גיין דווקא פארשווענדן דאס געלט?...

— אזוי, ביסט א קארגער, — האט אים גידע אנגעקוקט ווי דערשראקן.

—א קארגער? נארעלע! ווי קום איך צו א קארגן.

— וואס דען? — האט גידע נאיוו געפרעגט.

— איך מוז שוין זאמלען פאר א גאנצער וואך, — פארשטייסט.

גידען איז עפעס קלאר געווארן.

זי האט אנפאנגס א זיפץ געטאן, באלד אבער איז זי געקומען צו זיך און ארויפלייגנדיק די האנט אויף דודס אקסל, האט זי ליבלעך געזאגט:

— געוויס... צו וואס גיין?... מיר וועלן בעסער אפשפארן דאס געלט און נעמען אן אייגענע וואוינונג, און איך וועל פירן דאס הויז. אבער דו מוזט מיר זאגן, דוד, וויפיל נעמסטו א וואך?

דוד האט זיין געהאלט זיך אליין פארטאפלט.

— א, אזוי ווייניק... — האט גידע זיך חנעוודיק פארקרימט,— אבער עס מאכט ניט אויס, מיר וועלן זיך אן עצה געבן...

ערשט אין עטלעכע וואכן ארום, ווען זיי האבן שוין געוואוינט אין אייגענע „רומס“, איז גידע דערגאנגען זיין ריכטיקן געהאלט...

זי איז שוין אבער געווען אזוי געניט אין איר ווירטשאפט און הויז־פירונג, אז עס האט איר שוין ניט געארט.

— ניט געפערלעך, דוד, — האט זי אים געטרייסט, — איך וועל דיר ווייזן א קונץ, אז מיר וועלן נאך קענען אפשפארן, — האט זי ענדלעך צוגעגעבן און אנגעקוקט דודן מיט א שמייכל פון א זיגערין.

# דער רײַכער גענאָסע

באמת איז נאָחומזאָן געווען אַן אויפֿריכטיקער מענטש. ווען ער האָט גערעדט וועגן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן און געשאָטן שוואַרצן מאָן אויף די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער האָט ער געוועקט צום קאַמף און זיי פֿאַרשפּראָכן די גליקלעכסטע צוקונפֿט — ווען ער האָט דאָס גערעדט בײַ אַ טישל אין קאַפֿע, סײַ בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג, האָט ער גערעדט מיטן גאַנצן האַרצן.

אָבער אין פּריוואַטן לעבן איז געווען עפּעס ניט גלאַט מיט אים. אַליין אַן אײַגנטימער פֿון אַ פֿאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט בײַ אַ פּאָר הונדערט מיידלעך, האָט ער געפֿילט, אַז זײַנע טעאָריעס וועגן קאַפּיטאַל זײַנען צו שאַרף... און בכלל, צו וואָס זאָל ער גיין אַזוי עקסטרעם... אמת, צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נאָך ווײַט, און אויב זי וועט אפֿילו קומען גיכער, ווי ער מיינט, וועט ער שוין זײַן אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט זיך קענען אַן עצה געבן און ניט אונטערגיין, ווי די פּראָגראַם שטעלט פֿאַר. און דערצו ווייס ער, אַז דער קאַפּיטאַל קען פּלוצלונג ניט אָפּגעשאַפֿט ווערן... ער פֿאַרשטייט „קאַפּיטאַל" מאַרקס בעסער פֿאַר די איבעריקע טעאָרעטיקער. אָבער דאָס האַלט ער בסוד... דאָס זאָגט ער ניט אַרויס אפֿילו פֿאַר זײַן נאָענטסטן מענטשן פֿון דער פּאַרטיי, כאָטש צײַטנווײַז ווילט זיך אים אַ גלאַנץ טאָן מיט אַזאַ אָריגינעלן געדאַנק... בלויז פֿאַר זײַן ווײַב, וועלכע איז דווקא אַ פֿרוי מיט אַ בורזשואַזער וועלט־אַנשויונג און האָט אַ שטאַרקע נייגונג צו קאַפּיטאַל ממש און ניט ווי איר מאַן נאָחומזאָן — צו „קאַפּיטאַל"־מאַרקס — פֿאַר זײַן ווײַב אַנט־פּלעקט ער פֿון צײַט צו צײַט זײַן טעאָריע...

— פֿאַרשטייסט, נשמה מײַנע, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל אפֿילו קומען פֿאַר אונזער לעבן, איז נאָך אויך ניט, ווי זיי מיי־

נען... בײ מאַרקסן גופא איז דאָ אַזאַ שטעל, װעלכע זײ פאַרשטײען ניט...

— טאָ פאַרװאָס־זשע קלערסטו זײ ניט אױך?... — מוסרט איס דאָס װײב...

— צו װאָס, נאַרעלע... דעמאָלט װעלן זײ מיר באַקעמפן... פּאָר אַ נײעם געדאַנק האָבן זײ מורא... און דערצו איז דאָס מײן סוד...

— װעט מען אונזער פאַבריק, זאָגסטו, ניט אַװעקנעמען? — פרעגט זי אים ענדלעך, קוקנדיק מיט צוטרוי אויף נאַחומזאָנען...

— קענסט שלאָפן רויק... — טרײסט ער איר מיט אַ גוטמוטיקן שמײכל.

— און טאָמער אַ שטרײק?... — זיפצט זי װידער...

— מילא... אַ שטרײק איז אַ שטרײק... דערצו האָב איך שוין קײן מיטל ניט... אָבער איך קען די פּסיכאָלאָגיע פון די אַר־בעטערינס... בײ מיר שטרײקט מען ניט... עפּעס בין איך דאָך זײער אַ מענטש... אַ געגאַסע...

נאָך אַזאַ געשפּרעך מיט זײן װײב פילט זיך נאַחומזאָן אַ בי־סעלע זינדיק. ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס... דער סאָציאַליסטישער געװיסן הײבט אים אָן אַ ביסעלע פּײניקן.

— פאַרװאָס זאָלסטו איר טאַקע ניט אױפקלערן? — זידלט ער זיך אַלײן — לעבסט שױן מיט איר אַזױ פיל יאָרן צוזאַמען.

ער צעזיפצט זיך פרום, גײט אַרײן אין זײן קאַבינעט און נעמט זיך לעזן די סאָציאַליסטישע מאַגאַזינען...

דאָרט געפינט ער אַ נײעם אַרטיקל פון קאַוטסקי... ער לעזט אים בכובד־ראש... בײ שװערע שטעלן שאָקלט ער זיך צו, װי ייִנגל־װײז בײ דער גמרא... דער אַרטיקל באַהאַנדלט טאַקע די סאָציאַ־לע רעװאָלוציע... אָבער קאַוטסקי אײלט זיך אויך ניט... ער האָט נאָך צו טאָן מיט רוסלאַנד, װעלכע איז אַן אַגראַר־לאַנד... כינע שטײט אים אויך װי אַ בײן אין האַלז... דאָס אײנציקע לאַנד, װאָס איז יאָ רײף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, איז די שװײץ, האָט זי אָבער ניט קײן אינדוסטריע און זי מאַכט אַ לעבן פון די רײכע טוריסטן, הײסט עס, אַז טאָמער װעט...

מיט איין וואָרט, די שרעק פון נאַכומזאָנס ווייב איז לחלוטין אַן אומזיסטע... די פאַבריק וועט ניט נאָר זיין זייער אייגענער פאַרמעגן פאַרן לעבן, נאָר זי וועט נאָך איבערגיין אין די הענט פון זיינע קינדער...

* *
*

נאַכומזאָנס בוכהאַלטער איז אויך אַ סאָציאַליסט... זיי געהערן טאַקע ביידע צו איין אָרגאַניזאַציע... אַז זיי קומען זיך צונויף אויף אַ מיטינג, באַהאַנדלט אים נאַכומזאָן ווי אַ גענאָסע... דער בוכהאַלטער רויטלט זיך, פילט זיך עפּעס אומבאַקוועם און ענטפערט צוריק:

— מיסטער נאַכומזאָן...

— ניין, ניין... — כאַפּט זיך אָן נאַכומזאָן... — איך בין דאָ קיין מיסטער ניט... מיר זיינען קאַמעראַדן... גענאָסן... אָדער ווי אין אונזער אַלטער היים האָט עס געהייסן, טאָוואַרישטשי... כי—כי—כי! — צעלאַכט ער זיך... — שווער אויסצורײדן... איך בין שוין אַזוי ווייט פון דער היים.

ביי אַ געלט־זאַמלונג פאַר שטרייקן אָדער פאַר אַנדערע אַרבעטער־אַנגעלעגנהייטן הויבט זיך נאַכומזאָן אויס מיט אַ באַדייטנדיקער סומע. אין זאַל, וואו די געלט־זאַמלונג קומט פאָר, ווערט אַ שטיקל גערודער: צוויי הונדערט דאָלאַר... אַ, אַ פיינער ביטראַג... ווער? נאַכומזאָן... גענאָסע נאַכומזאָן... ביי וואָס אַרבעט ער?...

— שוטה... — שיסט איינער אויס מיט אַ געלעכטער — ער איז דאָך אַליין אַ קאַפּיטאַליסט, אַ פאַבריקאַנט...

— הייסט עס, אַ רייכער גענאָסע...

— נו, שטייט דיר ניט אָן?... — כאַפּט זיך אָן אַ צווייטער.

— און זינגער?

— וועלכער זינגער? פון די ניי־מאַשינעס...

— ניין, זינגער פון דייטשלאַנד דער סאָציאַליסט... אַ מיליאָנער געוועזן...

עס רוקט זיך אונטער אַ קליין יידל, זעט אויס ווי אַ שניידער פון געבאָרן אָן:

— און בײ מיר װעט איר עס ניט אװעקנעמען — טענהט ער אין דער שטיל אין א קאָפּקעלע... — איך האָב ניט ליב קײן רײבע גענאָסן...

די שטימונג װערט נערװעז. נאָכומזאָן מערקט עס. כאָטש די געשפּרעכן קומען פאָר אין דער שטיל, אָבער עפּעס פילט ער, אַז דער עולם רוקט זיך אָפּ פון אים... ער האָט זיך טאַקע צו פיל אַרױסגעכאַפּט. װען ער גיט אַ פינפערל, װאָלט געװען איבער גענוג און ער װאָלט זײן זײערער אַ מענטש... צװײ הונדערט דאָלאַר איז טאַקע אַ באַלײדיקונג פאַר זײ...

און דעם גאַנצן אָװנט פילט ער זיך, װי אַן איבעריקער, װי אײ־נער, װאָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס...

ער זוכט זײן בוכהאַלטער, אָבער יענער איז גרײט צו גײן:

—װאָס אײלט איר זיך, גענאָסע?

איך דאַרף מאָרגן פרי אױפשטײן, מיסטער נאָכומזאָן... שמײכלט דער בוכהאַלטער...

נאָכומזאָן גיט עפּעס אַ מורמל און גײט אַרױס פון דער פאַר־זאַמלונג אײנער אַלײן...

# דער מוטיקער ענטפער

.1

אין דעם „טרייד", וואו בעסי און קידי — צוויי יונגע, שווארצהנעוודיקע מיידלעך פון מיטעלער וואוקס, מיט גראציעזע פיגורלעך האבן געארבעט ביי שווערע באדינגונגען א פאר יאר — איז ענדלעך אויסגעבראכן א שטרייק. אז דער שטרייק האט זיך פארצויגן, זיינען זיי באשטימט געווארן פון דעם שטרייק־קאמיטעט, אין וועלכן זיי האבן אנטייל גענומען, צו גיין זאמלען געלט פאר די שטרייקערינס.

די באשטימונג האבן זיי אנגענומען מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. ביידע לאנדסמיידלעך, זיינען זיי נאך אין זייער שטעטל אמאל ארומגעגאנגען זאמלען געלט פאר שטרייקער. נאטירלעך, אין דער היים האט דעמאלסט ניט יעדערער געטארט וויסן, אז דאס איז פאר שטרייקער. דארט האבן זיי געשפילט די ראלע פון צוויי „גבאיטעס", וואס קלייבן נדבות פאר אן „ארעמער פאמיליע". אבער דא האבן זיי פראנק און פריי ארויסגעזאגט דעם צוועק פון זייער זאמלען. איבעריקנס, איז דאס זאגן געווארן אן איבעריקע זאך: אויף זייערע ארעמס איז געווען אנגעהאנגען צו רויטע בענדעלעך מיט דער אויפשריפט: פאר די שטרייקערינס... די זעלבע אויפשריפט איז אויך געווען אויף דער פאפירענער פושקע, אין וועלכער די צושטייערונגען זיינען אריינגעווארפן געווארן...

די זאמלונג איז צוגעגאנגען מיט ערפאלג. דער שטרייק איז שוין געווען א ביסל פאפולער אדאנק דער פרעסע, וואס האט פון אים, אלס שטרייק פון פרויען, געמאכט א סענסאציע. דערצו האבן שוין מיט צוויי טעג צוריק א טויזנט מיידלעך־שטרייקערינס געמארשירט מיט רויטע פאנען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויפ־

געשריבן דרייסטע און פולע פאדערונגען. דער דאזיקער מארש האט פארנומען עטלעכע גאסן און האט געמאכט אויף פיל פארבייגייער אן איינגענעמען איינדרוק. יונגעלייט, ליידיקגייערס האבן לאנג דעם דאזיקן מארש נאכגעפאלגט מיט אפעטיטלעכע בליקן, און בתוכם, וואס האבן אליין געפילט דעם טעם פון א שטרייק, האבן מיט א פרומער כוונה זיך אנגעשלאסן אן מארש און האבן מיט מאנכע פון די געשלאסענע רייען געשלאסן באקאנטשאפט... אויך די פרעסע, אפילו די קאפיטאליסטישע, האט דעם דאזיקן מארש געשענקט גרויס אויפמערקזאמקייט. די סאציאליסטישע צייטונג האט אבער מיט דעם דאזיקן מארש פארנומען גאנצע פיר שפאלטן, און אין יענעם טאג איז אין דער צייטונג ניט אריין ניט די שטענדיקע סקיצע און ניט דער געוויינלעכער פעליעטאן; אויך איז ארויסגעפאלן פון יענעם נומער די נייס וועגן א פאר גטן אין די הויכע פענסטער...

זעלבסטפארשטענדלעך, אז נאך אזא מארש און נאך אזא באשרייבונג איז בעסן מיט קיידן אנגעקומען די זאמלונג זייער לייכט. וועגן פענים איז אפגערעדט: די דאזיקע קליינע מטבעלעך זיינען געפלויגן אין דער פאפירענער פושקע ווי הורך כישוף... נאר אפילו ניקלס זיינען אויך געווארפן געוואָרן מיט גרויס פרייד. אין איין קאפע, וואו עס זיצן יונגע ליטעראטן און יוניאן-פירער, וואס זיינען אלע מאל יונג, האבן די צוויי לאנגס-מיידלעך געמאכט א מטמון מיט געלד... איין ליטעראט, וואס האט געהאט א שם פאר א שטיקל דאן-זשואן און וואס אין אמתן האט ער בלויז געליבט די פאעזיע פון די יודישע טעכטער, האט אריינגעווארפן אין פושקע א גאנצן קוואדער און האט איבער דער גרויסער „נדבה“ געשענקט איניקע ליבלעכע און פריינדלעכע בליקן פרייער בעסן, נאכדעם קיידן. עס איז געווען קענטיק, אז ער האט א פראבלעם.

.2

פארנאכט האבן זיך די צוויי זאמלערינס אפגעשטעלט ביי א סטאנציע אין א רייכערער געגנט, צו איבפאסן דעם רייכערן קלאס מענטשן, וועלכע פארן פון די אפיסעס.

פון סטאציע איז אראפ א הויך און פעסט געבויטער מאן מיט ברייטע פלייצעס, אויף זיין קאפ איז געזעסן א שטייפער נייער הוט. דער רייכער מאנטל איז ביי דעם מאן געווען פונאנדערגעשפיליעט און עס האט זיך ארויסגעזען זיין דיקע גאלדענע קייט. אין ברייטן זייד׳נעם קראוואט האט געפינקלט א גאלדענע פען...

די צוויי מיידלעך האבן אים פלינק באטראכט, נאכדעם האבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט, ווי זיי וואלטן זיך געהאלטן שטומערהייט אן עצה, אפשטעלן אים, צי ניט; אבער אזוי ווי דער דאזיקער מאן האט שוין געהאלטן ביים אוועקגיין, איז בעסי מוטיק געווארן און האט אים ווי צעטומלטערהייט א צי געטאן ביים ארבל און האט אויסגעפראלט:

— מיסטער, גיט עפעס צושטייער אויפן שטרייק.

דער מאן האט זיך אפגעשטעלט, באטראכט זיי מיט א צווייטיקן שמייכל, געפרעגט דעם „טרייד" פון די שטרייקערינס, און דערהערנדיק דעם נאמען פון טרייד, איז זיין שמייכל נאך דייטלעכער געווארן, און ער האט זיך פריינדלעך אנגערופן:

— יא.. עס איז מיר באקאנט.. א שווערער טרייד... וואס פאדערן זיי אייגנטלעך?

בעסי און קידי, שטארק אנטציקט פון דעם אנטייל, וואס דער דאזיקער מאן נעמט אין דעם שטרייק פון זייערע שוועסטער, האבן פאר אים איינע נאך די אנדערע אויסגעשאטן די גאנצע טעאריע און פראקטיק פון דעם דאזיקן שטרייק.

דער מאן איז אבער געווען לויט בעסיס און קידיס מיינונג א שטארקער ארבעטער־פריינד און ער האט זיך נאך ניט באנוגנט. ער האט זיך אויך שטארק פאראינטערעסירט מיט דער טאקטיק.

— איך בעט אייך, קינדערלעך — איז ער אלץ ווייכער און זאנפטער געווארן — ווי לאנג רעכנט איר צו שטיין אין שטרייק?

— ביז מיר וועלן אויסקעמפן אלע אונזערע פאדערונגען! — האט בעסי מיט א פייער אין די שווארצע אויגן אויסגערופן.

— ביז וואנען מיר וועלן די באסעס איינמידן! — האט קידי פון איר זייט מיט נאך מער פייער צוגעגעבן.

— גערעכט... גערעכט... האט דער מאן פּאטאקעוועט ... — זיי זיינען דאס ווערט, די באַסעס... זאגט־זשע מיר, קינדער, זיינען אַלע שטרייקערינס אַזוי ווי איר באַגייסטערט?... איז ניטאָ קיין אומצופרידענע?...

— מיר שטייען פעסט אין די רייען — אלע ווי איינע! — האט בעסי באַשטעטיקט מיט אַ פסוק פון אַ היימישער פּראָקלאַמאַציע.

— מיר שטייען אין רייען און פעסט ווי אַ וואַנט! — האט קיידי פון איר זייט דעקלאַמירט אַ גאַנצע צייל פון אַ קאַמפּס־ליד...

דער מאַן האט אַ שמייכל געטאָן נאָך ברייטער, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און געמורמלט:

— שיין... שיין... זייער שיין! עס געפעלט מיר!...

און ביי די ווערטער האט ער אַרויסגענומען אַ פינף־דאָלאַר־שטיק און עס אייגנהענטיק אַריינגעלייגט אין פּושקע.

— ווער קאָן דאס זיין? — האט בעסי, אינגאַנצן שטראַלנדיק פאַר גליק, אויסגעשטעלט די אויגן, ווען ער איז אַוועק.

— איך רעכן, אַ געוועזענער אַרבעטער, וואס איז רייך געוואָרן — האט קיידי משער געווען.

— אַ פיינער מאַן! — האט בעסי געריכט...

— זעט זיך אָן זיין אָן אידעלער! — האט קיידי איר מיינונג אַרויסגעזאָגט...

.3

דער מאַן אָבער האט שוין די געזיכטער פון די צוויי מיידלעך פאַרגעסן. ער האט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקער גאס און אַרומגעטראַכט זייערע ווערטער.

— „מיר שטייען ווי אַ וואַנט!... „יאָ, — האט ער געמורמלט, — עס וועט זיין שווער זיי בייצוקומען".

ער איז ענדלעך צוגעקומען צו אַ פּריוואַט הויז, וואו אייניקע באַסעס פון זעלבן „טרייד" האָבן געהאַט זייערע אַ קליינע זיצונג.

נאָך אַ קורצער באַגריסונג האט אים דער פּאָרזיצער געפרעגט:

— נו, מר. מילער, וואס הערט מען עפּעס וועגן שטרייק?

— אָ, איך האָב איצט בײ צװײ שטרײקערינס פיל דערפאַרן! — האָט דער הער מילער װי פאַרװאָלקנט געענטפערט — עס האָט מיר געקאָסט פינף דאָלאַר. גיט טאַקע מיר דעם פינפערל, מר. סעקרע־טאַר, און שטעלט עס צו צו די שטרײק־הוצאות.

הער מילער האָט געקראָגן אַ פינפערל, זײן פּנים אָבער האָט זיך נאָך מער פאַרװאָלקנט... און די װערטער פון די צװײ שטרײ־קערינס בעסי און קײדי האָבן אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן. און בײ זײן ערשטן װאָרט, װאָס ער האָט גענומען — האָט ער אָנגע־הויבן:

— איך זאָלט װיסן, מײנע דזשענטל־לײט, אַז די שטרײקערינס שטײען אין רײען און פעסט װי אַ װאַנט...

און די באָסעס האָבן אַראָפּגעלאָזט, װי פאַרשעמטע, די אויגן, און יעדער האָט אין דער שטיל אומעטיק צוגעזונגען:

— מיר שטײען אין די רײען און פעסט װי אַ װאַנט...

# טשוינג־גאם

(דערציילונג פון א שאפּ־מיידל)

איך האב דעמאלסט געארבעט אין א גרויסן שאפּ. דער פארמאן איז געווען אפילו ניט קיין שלעכטער יונגערמאן, אבער ער איז דאך געווען גענוג שטרענג צו אונז. עס איז אבער געווען ניט זיין שולד. דער באס, מיסטער קאפּטשיק, א ליטווי־שער ייד, וואס האט זיך אויסגעגעבן פאר א דייטש, א געוועזענער שניידער פון דער היים — דער באס איז אייגנטלעך געווען אונזער פארמאן. ער האט די גאנצע צייט פון דער ארבעט אונז „געוואטשט", און ווי קליין זיינע אייגעלעך זיינען ניט געווען, אזוי פיל אבער האבן זיי געשניטערט, אויסגעקוקט און געשפּיאנירט.

וועגן זינגען רעדט מען ניט. דאס האט מען זיכער ניט גע־טארט. אבער די דאזיקע גזרה האט ניט אלע מיידלעך אנגערירט. בלויז איינציקע פון די „גרינהארנטעס", וואס האבן נאך געהאט פאר־ אין די בעקלעך און יונגטפריד אין ברוסט — פלעגן פון צייט צו צייט אנהייבן צו זינגען א היימיש ליד. אבער ווי נאר דער באס, מר. קאפּטשיק, פלעגט די ערשטע קלאנגען דערהערן, פלעגט ער צולויפן צו דער זינגערין און שטרענג פארבאטן:

— דא איז ניט קיין טעאטער... דא איז א שאפּ... אין שאפּ זינגט מען ניט...

אבער אויך ריידן צווישן זיך האט מען ניט געטארט, אויסער איבערווארפן זיך מיט א פאר ווערטער, וואס איז גענוג צו דער ארבעט. אבער אויך די גזרה איז ניט געווען באזונדער שווער צו פארטראגן. סיי־ווי־סיי האבן אלע ארבעטערינס פון פארשיידענע שטעט און לענדער, ניט געהאט קיין געמיינזאמעס צווישן זיך, און עס איז ניט געווען פיל וואס צו ריידן איינע מיט די אנדערע.

אבער דער טיפער אומעט, וואס האט ביי דער ארבעט געהערשט, איז געווען אומדערטרעגלעך, ווי די ארבעט, צו וועלכער מיר זיינען אלע געווען געוויינט און מיט וועלכער מיר זיינען שוין שלום געווארן... דער אומעט אבער איז געוואקסן פון טאג צו טאג, און האט זיך געדאכט, אז מען קען אים זען, אנטאפן: שווער און אומבאוועגלעך איז ער געשטאנען אין שאפ פון פרי ביז פארנאכט, און ערשט, ווען מיר פלעגן זיך אנהייבן פונאנדערצ׳גיין, פלעגט ער אונז באגלייטן...

דער איינציקער אונטערהאלט אונזערער איז געווען דאס שענקעלע מיט די „טשוינג=גאם“... דאס דאזיקע שענקעלע איז געווען פאר אונז ווי א לעבעדיקע זאך. גייסט צו צו אים, ווארפסט אריין אין שפאלט א פעני און ער ווארפט גוטהארציק ארויס א שטיקל „טשוינג=גאם“.

געווען א וואויל שענקעלע... דאס איינציקע, וואס מיר האבן אין שאפ ליב געהאט, און צום איינציקן, צו וועלכן מיר, שאפ=מיידלעך, פלעגן זיך ווענדן אין מינוטן פון טיפן אומעט און פארחלשקייט...

האלטנדיק דאס שטיקל טשוינג=גאם אין מויל און קייענדיק עס, פלעגט די ארבעטער ווי לייכטער ווערן. און אזוי האבן מיר ביי דער ארבעט אנשטאט זינגען און ריידן — געקייט...

די ווײדזשעס אונזערע אין דעם דאזיקן שאפ זיינען געווען זייער קליינע. יעדע פעני איז אונז שווער אנגעקומען. און דאך האבן מיר אויף טשוינג=גאם „געספענדעט“ יעדן טאג צו עטלעכע סענט... עס איז ביי אונז געווען א מין שיכרות. איבערהויפט טאקע דאס שענקעלע, וועלכעס האט אונז אזוי גערן ארויסגעווארפן דאס שטיקל טשוינג=גאם — דאס שענקעלע האט פאר אונז געהאט א באזונדער חן...

אמת, דאס שענקעלע האט אויך אויבן א שפיגעלע געהאט, און פאר דער זעלביקער פעני פלעגט מען זיך שוין אויך אפשפיגלען...

אבער דער עיקר איז געווען דאס שטיקל טשוינג=גאם, וואס ביים אריינלייגן עס אין מויל, האט עס נאך געהאט א טעם, און באלד

איז עס נאר געווארן א מין גימנאסטיק פאר די ציין... אבער אונז האט עס צוגעגעבן כּוח און געדולד צו דער פּארמיאוסט גע־ווארענער לאנגווייליקער ארבעט...

* *
*

איינמאל זיינען מיר געקומען צו גיין אין שאפּ און זיך גע־שטעלט צו דער ארבעט; דער פרימארגן איז געווען א טריבער, דרויסן האט געגאסן א ניו־יארקער רעגן, א שמוציקער און א שנע־לער, ווי אויך דער ניו־יארקער הימל וואלט „באסעס" און פּארלייט געהאט, וועלכע האבן אים געיאגט... אין שאפּ איז געווען ליכ־טיק, אבער א ליכט פון גאז און עלעקטריע... דאס דאזיקע ליכט האט זיך געלייגט אויף דער נשמה ווי שווערע וואלקנס. מיר אלע האבן דאס דאזיקע ליכט מער פיינט געהאט ווי די נאכט... אין אזא טאג איז דאס שענקעלע געווען אונזער איינציק טרייסט...

ארבעט איך אפּ אזוי א שטונדע און לאז מיך שנעל צו דעם שענקעלע מיט אן אנגעגריטער פּעני... איך קוק מיך אום — ניטא דאס שענקעלע...

א העפּטיקער צארן האט דורכגענומען מיין גאנצן וועזן. ניט קענענ־דיק זיך באהערשן, האב איך הויך איבגעשריען:

— וואו איז דאס שענקעלע?

אלע מיידלעך פון שאפּ האבן אוועקגעלייגט די ארבעט און צו־געלאפן צו מיר...

— וואס איז? וואס איז?

— דאס שענקעלע מיטן טשוינג־גאם איז ניטא! — האב איך ווייטער געשריען.

— אמת טאקע, — האבן איניקע באמערקט.

עס איז אנגעקומען דער באס מיטן פארמאן...

— וואס איז דא, הא? — איז דער באס געבליבן איבערראשט, אנקוקנדיק די מיידלעך אין איין קרייז — פארוואס ארבעט מען ניט?...

— דאס שענקעלע!... האבן אלע אויסגעדונערט ווי אין איין קול.

— המ... דעם שענקעלע... — האט דער באם האלב=שמייכ=לענדיק ארויסגעזייט דורך די ציין — דאס שענקעלע האב איך גע=הייסן ארויסטראגן... איר פלעגט צו פיל זיך מיט אים אפגעבן...

— אהיים, מיידלעך! — האבן זיך דערהערט איניקע שטימען.

— אהיים! אהיים! — האבן פיל אונטערגעהאלטן.

און אין דעם שאפ האט אויסגעבראכן א שטרייק פאר דעם שענקעלע מיטן טשוינג=גאם...

---

# אויף דאָס ניי

געקומען אין אַמעריקע צו צוואַנציק יאָר, איז גרינשטיין אַריינגעפֿאַלן גלייך אין דעם סאַמע רויש פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער שוין געטראָפֿן פֿיל פֿון זיינע פֿריערדיקע חברים און חברטעס, מיט וועלכע ער האָט נאָך אַלס יינגל געקעמפֿט האַנט־אין־האַנט אין דער אַלטער היים. אין אַלגעמיין איז דער קאַמף אין דער נייער וועלט געווען ענלעך צו דעם קאַמף אין דער היים. אויב פֿרייהייט איז דאָ געווען מערער, וואָס אַפֿילו אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי גרינשטיין האָט עס ניט געקענט אָפּלייקענען, דערפֿאַר אָבער האָט דאָ די גלייכקייט שטאַרק צוגעהונקען. אויב דאָרטן אין דער היים איז דער באַלעבאָס געווען כּמעט אַזוי אָרעם ווי דער פּועל אַליין, איז שוין אָבער דאָ דער „מאַנופֿעקטשורער“ געווען אַ מיליאָנער.

דערפֿאַר איז טאַקע דאָ דער קאַמף געווען ניט אַזוי טעאָרעטיש, ווי פּראַקטיש. האָט טאַקע דאָ דער קאַמף געהאַט ניט נאָר אַ גרויסן זין, נאָר אויך געבראַכט פּראַקטישע נוצן. נאָך יעדן שטרייק איז דער אַרבעטער, און מיט זיי אויך גרינשטיין, אַליין אַן אַרבעטער, אַרויס דער זיגער.

האָט זיך טאַקע גרינשטיין דאָ געפֿילט די ערשטע יאָרן, ווי אין דער היים. מיטינגען מיט פֿלאַם־פֿייערדיקע רעדעס, דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פֿאָנען, דרייסטע איפּשריפֿטן און נאָך דרייסטערע אויסרופֿן: נידער, און עס זאָל לעבן... קיינער האָט נאָך אַזוי שטאַרק און אַזוי פֿרום ניט אַפּלאָדירט די ענדע פֿון אַ רעדע, ווען עס איז געקומען צו דעם: „עס זאָל לעבן דער אַרבעטער־קלאַס!“ ווי גרינשטיין. האָט די רעדע אַליין געמעגט זיין ווי שוואַך

און ניט־אײַנדרוקספֿול, איז בלויז געווען געגנג די ענדע: „עס זאָל לעבן" — אַז גרינשטיין — צוזאַמען מיטן עולם — זאָל אויפֿוואַכן, זיך אָנצינדן און אַפּלאָדירן הילכיק מיט די לעצטע כּוחות.

און אַפֿילו אין פּריוואַטן לעבן האָט גרינשטיין זיך געפֿירט און זיך געפֿילט ווי אַ קעמפֿער. אַלס בחור האָט ער געוואוינט בײַ אַ פּאָר־פֿאָלק, וואָס זײַנען בײדע געווען פּאַרטיי־מענטשן, און אין די פֿרײַע שטונדן, ווען ער האָט מיט זיי פֿאַרבראַכט, האָבן זיך די געשפּרעכן געוויקלט אַרום דער „אידעע", און סיי די צײַ־טונג, וואָס ער האָט געלייענט, און סיי די ביכלעך האָבן פֿאַרמאָגט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך גרינשטיין געפֿילט שטענדיק אין אַ געהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג. זײַן לעבן, וואָס איז אויסערלעך אָרעם געווען, איז אָבער אינערלעך גע־ווען רײַך און פֿילפֿאַרביק. דער קאַמף פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס, פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג, האָט אים געגעבן פֿרייד און אָנגעפֿילט אים מיט אינהאַלט.

און ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי אַזוי די געוועזענע חברים זײַנע ווערן ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז קעלטער און קעלטער סײ צו דער אידעע און סײ צו אים אַליין.

פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט אָנהייבן ריידן די אַמאָ־ליקע רייד מיט איין חבר, מיט אַ צווייטן און יענער האָט אים אַפֿילו ניט אָפּגעשלאָגן, ניט געאַמפּערט זיך... ער האָט אים בלויז אָנגעקוקט אַזוי פֿון דער זײַט און, דאַכט זיך, ווי מיט אַ שמייכעלע, אַז גרינשטיין האָט געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן און זיך נעמען צו אַן אַנדער געשפּרעך...

ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז יענער איז שוין מער ניט קיין אַרבעטער.

— אַזוי גאָר?... הייסט עס, איר האָט געוואָרפֿן די אַרבעט — איז וואָס טוט איר איצט?...

— איך האַלט אַ „סטענד"...

און אַ צווייטער, ווערט גרינשטיין געוואָר, איז גאָר אַליין אַ שטיקל „[illegible]" געוואָרן...

און א דריטער האט געקראגן אן אמט אין א טשאריטי־אינסטיטוציע...

און די פארזאמלונגען אליין זיינען אויך זעלטענער געווארן. פון די אפענע מיטינגען איז שוין קיין זכר נים געבליבן. ס'זיינען פאר די „עלעקשאנס“. אבער די דרייסטע אויסדרוקן און דער רוסישער „עס זאל לעבן“ הערן זיך שוין נים. מען רעדט וועגן טרוקענע תכלית־זאכן...

גרינשטיין איז אבער דעם תכלית נים אויסן געווען. ער האט ליב געהאט דעם קאמף. ער האט ליב געהאט די הויכע רוסישע אויסרופן, און דעם סוף פון דער רעדע:

„עס זאל לעבן!...“

ער געדענקט שוין נים די צייט, אז א רעדנער זאל אויסרופן: „עס זאל לעבן דער ארבעטער־קלאס“. דאס ביסעלע פון זיינע נאָענטע חברים, וואס זיינען נאך געבליבן אין דער באוועגונג, זיינען שוין אליין קיין ארבעטער נים...

ער האט געזוכט צו טרייסטן זיך מיט דער מאטעריעלער לאגע פון די ארבעטער, מיט זייער ערפאלג, מיט דער גרויסער צאל מיטגלידער פון אלערליי ארבעטער־פאראיינען. נאכגעיאגען דער „באוועגונג“ טריט ביי טריט, אבער דאס געפיל, אז דאס וואס איז געווען, איז שוין ניטא מער, — האט אים נים פארלאזן און געדריקט...

עפעס איז אלט געווארן און ער האט מורא, אז אליין ווערט ער אויך אלט.

ער האט געזוכט שוץ אין די קלענערע מיטינגען, וואס זיינען נאך פון צייט־צו־צייט פארגעקומען. רויקע, שטילע, און, דאכט זיך, אומנייטיקע, בלויז צום אויסשלאפן זיך...

ביז איינמאל האט איינער אויף אזא מיטינג א ווארט אריינגעווארפן.

א ווארט פון אומצופרידנקייט.

א סך פון די פארזאמלטע האבן זיך געברוגזט, איבערגעווארפן זיך מיט ווערטלעך. אן עלטערער פרעזער האט דעם רעדנער מיט חוזק אנגערופן: א יונגער...

און געענדיקט האט דער יונגער מיט די אמאליקע אויסרופן: נידער מיט די אונטערדריקער — עס זאל לעבן דער ארבעטער-קלאס!...

אייניקע פון די פארזאמלטע האבן ווי דערוואכט פון א חלום און שטארק אפלאדירט.

גרינשטיין אליין האט זיך דערפילט, ווי אמאל אין די ערשטע יארן פון זיין קומען אהער.

הייסט עס, אז עס הייבט זיך אן צוריק. ער האט אפגעהיט דעם יונגן רעדנער, ווען ער איז ארויס אין גאס, אים נאכגעגאנגען און אים אפגעשטעלט:

— חבר, לאזט מיר אייך דריקן די האנט.

— איר זייט געווען אויפן מיטינג?

— יא...

דער יונגער האט אים אויסגעצויגן די האנט, אים ארײנגעקוקט אין די אויגן און מיט פייער געזאגט:

— מיר הייבן אן אויף דאס ניי. קומט צו אונז.

אויף די מיטינגען, וואו גרינשטיין האט אנגעהויבן צו קומען, האט ער קיין איינעם פון די אמאליקע חברים ניט געפונען. ער האט זיך באגעגנט מיט שטראלנדיקע יונגע פנימער און מיט לויכטנדיקע אויגן.

אזוי האבן אמאל אויסגעזען די חברים, פריער אין דער היים און נאכדעם דא אין לאנד.

גרינשטיינען איז געפעלן געווארן, וואס ער איז דער אײנציקער צווישן זיי, וואס הייבט אן דעם קאמף אויף דאס ניי צוזאמען מיט די יונגע, מיט די נייע. און מיטן אמאליקן גלויבן האט ער זיך ארײנגעווארפן אין קאמף, ווי א מיטל צו ווערן צוריק יונג...

# דער איינזאַמער

נאָכדעם, ווי דער יונגער פּאָעט מאָזעס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין די ראַדיקאַלע צייטשריפטן, וואָס זיינען אין דער זעלבער צייט געווען אויך מאָדערנע און וואָס זיינען טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די יינגסטע פּאָעטישע גרופּן, האָט ער זיך דערפילט שוין גענוג רייף, און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַ שיינהייט, וואָס ער זאָל מיט איר רייצן און נאָמען מאַכן דעם געהעריקן אַיינדרוק אין דער פּאָעזיע פון די יינגסטע...

נאַטירלעך, האָט דאָס ניט געמיינט דווקא אַ מיידל פון דער ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט האָט מאָזעס איגנאָרירט; פון דער רעאַלער וועלט האָט ער חוזק געמאַכט. דער גרעסטער צוגעמעניש איז ביי מאָזעסן געווען אַ "רעאַליסט"... אַז ער איז געוואָרן בייז אויף אַ יונגן קאָלעגע, האָט ער אים גערופן „רעאַליסט"... און דער קאָלעגע איז דערפאַר געוואָרן אויף אים ברוגז און אים אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט פאַרגעבן אַזאַ באַליידיקונג — רעאַליסט....

די שיינהייט האָט געדאַרפט זיין ניט פון דער אויסערלעכער, נאָר פון דער אינערלעכער וועלט און איר הויפּט־שיינקייט האָט געברויכט זיין אין איר נאָמען.

די פּאָר שיינע נעמען, וואָס פּאָר אַזוינע שיינהייטן האָבן זיך געפּאַסט, האָבן זיינע יונגע קאָלעגן שוין פאַרכאַפּט. דער יונגער פּאָעט זעליגסאָן, למשל, האָט זיין האַרצנסגעליבטע אַ נאָמען געגעבן שעלאַבעלאַ... און זיינע פערזן וועגן איר האָבן טאַקע געקלונגען זייער דערהויבן:

„אַ, שעלאַבעלאַ!
אין דיינע וויסע פינגער
שטראָמען ימים פאַרלאַנגען..."

זיין צווייטער קאלעגע זינגער, למשל, מיט א יאר עלטער פון איב, האט פאר זיין „שיינהייט“ געקראגן א נאמען שוין ניט אזא קלינגענדיקן, אבער אויך א געווג רייצנדיקן. איר נאמען האט זיך אויך געענדיקט מיט לא: גראצאדעלא...

און איין געדיכט פון דער סעריע, וואס ער האט איר געווידמעט, האט זיך אנגעהויבן:

„א, גראצאדעלא!
דיין אטעם בארוישט,
ווי הונדערט-יאריקע
קריגן מיט וויין“...

און עטלעכע נעמען האבן געגעבן זייער געליבטע די איבעריקע פאעטן פון דער נייסטער ריכטונג...

האט מאזעס לאנג געזוכט א נאמען פאר א שיינהייט פון זיין אינערלעכער וועלט, וואס זאל באשיינען זיין לעבן און זיין דיכטונג.

געוואלט האט ער מיטן נאמען פון דער שיינהייט איבערשטייגן די אלע קאלעגן, וואס האבן שוין זיך פארשאפט פאר זייער פאעזיע די שענסטע מיידלעך, און וואס זיי זיינען שוין באלד פאפולערער ווי זייערע לידער אליין.

דער נאמען האט באדארפט באשטיין פון די שענסטע, פיינסטע קלאנגען: פון נונען מיט וואוון מיט לאמעדן... און דערצו טאר די שיינהייט ניט דערמאנען קיין שום נאמען, וואס געפינט זיך אין דערווירקלעכקייט.

דער נאמען, ווי דאס מיידל אליין, דארף זיין אויסגעטראכט, אויסגעדיכטעט.

איז ער ארומגעגאנגען א לענגערע צייט אן איינזאמער, אן א שיינהייט, און זיין פאעזיע האט נאך ניט געהאט יענעם רייץ, וואס די פאעזיע פון זיינע קאלעגן.

אבער ענדלעך האט אויף אים „גערוט דער גייסט“ און ער האט אויסגעפינען א נאמען:

וואנדאלינא !

און גלייך האט ער זי דערזען, ווי א לעבעדיקע שטיין קעגן אים און האט געשריבן מיט באגייסטערונג וועגן איר:

„א, וואנדאלינא!
אין דיין בויג
פון שלאנקן פוס
רוט די גראציע
פון דער וועלט"...

אויף אזא אופן האט אויך מאזעס דערגרייכט די פולע רייפקייט פון א מאדערנעם פאעט, וואס שעפט זיינע אויסדרוקן פון דער אינערלעכער וועלט...

דערווייל אבער איז ער אויך רייף געווארן אלס מאן. באגעגנט זיך מיט א מיידל פון דערווירקלעכער וועלט, האט ער ניט נאר געלייענט פאר איר זיינע לידער, נאר געמאכט איר א פארשלאג צו גיין מיט איר א ביסל פארברענגען.

די מיידל פון דער רעאלער וועלט, מיט דעם געווינלעכן נאמען ליזע, איז אוודאי ניט געווען אזוי שיין ווי וואנדאלינע, און דערפאר, אז ער האט איר אין א פאר טעג ארום דורכגעלייענט זיין סעריע לידער „וואנדאלינא", האט זי פארשטאנען, אז ניט איר מיינט מען עס.

און זי האט געפרעגט א ביסל מיט איפערזוכט:

— ווער איז דאס די וואנדאלינע?

— דאס איז א נאמען ניט פון דער ווירקלעכקייט, — האט ער איר מיט א שמייכל אפגעענטפערט.

— אבער איר האט דאך אוודאי געקענט אזא מיידל... וואו איז זי איצט? טרעפט איר זיך מיט איר אמאל? — האט ליזע איבערגעפרעגט און צוגעשמייכלט.

— ס'איז אן אויסגעטראכטער נאמען. עס איז אזא אויף דער וועלט ניטא, — האט מאזעס זי פארזיכערט און אויך געשמייכלט אויף איר נארישקייט...

און צו איבערצייגן זי האט ער איר פארגעלייענט נאך א ליד פון דער זעלביקער סעריע „וואנדאלינא".

אין דיינע בלויע אויגן,<br>
ווי בלויע ימים,<br>
שווימען אום די שיפן<br>
מיט מיינע גאָלדענע חלומות...״

— ווי איך זע, האָט איר שטאַרק ליב בלויע אויגן... — האָט ליזע, דאָס מיידל פון דער ווירקלעכער וועלט, אים א שטאָך געטאָן.

נאָר ער האָט שוין ניט געהערט און געלייענט ווייטער:

„דיינע בלאָנדע לאָקן<br>
כ׳וואָליען זיך, ווי זאַנגען<br>
אויף די ווייטע פעלדער<br>
פון געטרוימטע לענדער...״

— איז דאָך די פראַגע, וואָס גייט איר ניט צו איר אין די ווייטע לענדער?... — האָט ליזע אים ווידער איבערגעריסן מיט ביטול.

— ס׳זיינען ניטא אַזעלכע מיידלעך אין אַזעלכע לענדער...— האָט מאָזעס, א ביסל פאַרשעמט און א ביסל מיט שטאָלץ, אָפּגעענטפערט דער אומפּאַעטישער ליזען:

— טאָ וואָס שרייבט איר וועגן זיי, אַז זיי זיינען ניטאָ?... — האָט ליזע אים אָנגעקוקט מיט חשד... — אַט קענט איר מיך שוין עטלעכע וואָכן און קיין איין ליד וועגן מיר האָט איר נאָך ניט אָנגעשריבן.

איר זייט דאָך די ווירקלעכקייט, — האָט מאָזעס זיך פאַרטיידיקט...

— און וואַנדאַלינע?... — האָט ליזע ווידער געפאַרשט... — ווער איז זי?... הא... ווער?...

— וואַנדאַלינע איז בלויז א טרוים, — האָט זיך מאָזעס צעהיצט, — עס איז ניט נאָר ניטאָ אַזאַ מיידל, עס איז ניטאָ אפילו אַזאַ נאָמען... און דערפאַר טאַקע, — האָט ער זיך נאָך מער צעהיצט, — קלינגען די לידער וועגן איר אַזוי שיין, אַזוי פאַרכאַפּנדיק, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ מיידל און ניטא אַזאַ נאָמען...

ליזע האָט זיך שוין דערפילט אינגאַנצן באַליידיקט. געוויס. זי האָט געוואָלט האָבן אַ פּאָעט פּאַר אַ באַקענטן, עס איז אָנגענעם צו הערן די לידער, וואָס ער לייענט פאַר פאַר איר, נאָך איידער ער דרוקט זיי אָפּ. אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז ער שרייבט גאָר וועגן אַנדערע און ער וויל נאָך זי איינריידן, אַז אַזעלכע זיינען גאָר ניטאָ... מען ווייס שוין, נישקשה.

און דעם צווייטן „אַפּאָינטמענט״ האָט זי ניט אָפּגעהיט און ניט געקומען זען זיך מיט מאָזעס.

מאָזעס האָט זיך יענעם אָונט דערפילט איינזאַם, איז ער אַוועק אויפזוכן זיינע קאָלעגן.

ער האָט געפונען זעליגסאָן.

זעליגסאָן האָט אים באַגעגנט מיט פרייד:

— אַ, מאָזעס, דיין ליד פון דער סעריע „וואַנדאַלינאַ״ איז דאָך פּראַכטפול.

— ווירקלעך... געפעלט זי דיר? — האָט מאָזעס מיט הכנעה זיך אָפּגערופן.

— וואָס הייסט?... עס איז אַזוי פריש... איך זע זי פאַר די אויגן. זי לעבט.

האָט שוין מאָזעס פון זיין זייט געפילט צו רימען אויך זע־ליגסאָנס ליד:

— איך האָב גראָד נעכטן געלייענט דיין שעלאַבעלאַ... ס׳האָט מיך אויך אַנטציקט.

דערווייל איז אָנגעקומען זינגער, דער אויטאָר פון דער סעריע גראַצאַדעלאַ.

ער האָט צוגעדיכטעט אַ ניי ליד צו דער סעריע:

„אָ, גראַצאַדעלאַ,
אין דיינע אָרעמס,
ווי צוויי זעגלען צעשפּרייטע
איבער ימים
פיל איך זיכער ווי אויף לאַנד״.

און אָט, אין די קלאַנגען פון דער וואונדערלעכער גראַצאַדעלאַ, שעלאַבעלאַ און וואַנדאַלינאַ האָט זיך מאָזעס דערפילט ווידער אייפ־

געלעבט און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין ליזען פון דער ווירקלעכ-קייט, וואָס איז ניט געקומען זען זיך מיט אים אין האָט אים, וואַרשיינלעך, פאַרלאָזט אויף שטענדיק...

— ס'זיינען דאָ שענערע פאַר איר. — און ער האָט מיט שטראַלנדיקע אויגן ווידער אויסגעזונגען, שוין מער פון געוווינהייט:

„אָ, וואַנדאַלינאַ...״

און אַלע דריי קאַלעגן זיינען אַרויס אין גאַס. און אויב פאַר דער אויסערלעכער וועלט זיינען זיי מער ניט געווען, ווי דריי איינ-ציקע, זיינען זיי אָבער אין אמתן געווען זעקס, ווייל יעדערן פון זיי האָט באַגלייט איינע פון די דריי געשטאַלטן, וואָס זיי האָבן אַליין באַשאַפן.

# דער שפּאָרזאַמער גביר

צו דעם קרייז פון די יונגעלייט, וואָס האָבן באַזוכט אין די אָוונטן פאַרשיידענע קאַפע־הייזער, לויט דער שעה פון אָוונט, איז צוגעקומען אַ נייער מענטש, אָנשטענדיק געקליידט, מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען און פיינער האַלטונג. די ערשטע אָוונטן האָבן אַפילו אַלע ניט געוואוסט זיין נאָמען. דער נאָמען איז טאַקע געווען אַ שווערער, ניט ווי אַ נאָמען, וואָס מען קען אים פאַרבייטן. אַ נאָמען פון די נעמען, וואָס דאַכט זיך, אַז אָט איז עס בלומענשטאָק און אָט איז עס ראָזענקראַנץ און אָט איז עס עפּעלבוים. ביז מען איז געוואָרן קלאָר, אַז זיין נאָמען איז דווקא ראָזענצווייג. האָט עס יעדער גוט איינגעחזרט, כדי ניט צו באַליידיקן אַ מענטשן, וואָס מען רופט אָן ניט ריכטיק זיין נאָמען.

בפרט, אַז מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מען דערגאַנגען, אַז דער נייער באַקאַנטער איז אַ מאַן אַ פאַרמעגלעכער, האָט אַ גוט און רויִק געשעפט, ביי וועלכן ער איז זייער ווייניק פאַרנומען און מאַכט דווקא מער, ווי ביי אַ געשעפט, וואָס מען איז שטאַרק פאַרנומען, — האָט מען אוודאי זיך געהיט ניט אָנצורופן אים ראָזענקראַנץ אָדער עפּעלבוים, אָדער בלומענפעלד, נאָר טאַקע ריכטיק — ראָזענצווייג.

— מיסטער ראָזענצווייג, זעצט זיך, מיסטער ראָזענצווייג, ווי גייט עס...

מר. ראָזענצווייג האָט אָפּגעשאַצט די פריינדשאַפט און איבערהויפּט די העפלעכע באַציִונג פון דעם אינטערעסאַנטן קרייז יונגעלייט. אַליין אַ פאַרמעגלעכער, און ווי עס האָט אויסגעוויזן, אַ שטאַרק פאַרמעגלעכער, איז אים געפעלן געווען, וואָס זיי, די חברה־לייט, זיינען דווקא ניט פאַרמעגלעך און שטאַרק ניט פאַרמעגלעך,

אָבער גוטע יונגען, פריילעכע און טאַקע אינטעליגענטע אויך. אים האָט אפילו ניט געאַרט, וואָס א פּאָר פון זיי זיינען שטאַרקע סאָציאַליסטן און ביי יעדער געלעגנהייט גיבן זיי זיך אַרויס, אומקוקנדיק זיך צו אים.

— נישקשה, רעדט, רעדט, — פלעגט ער אונטערוואַרעמען — איך בין חלילה ניט קיין קעגנער, פאַרקערט, אויב איר ווילט, בין איך נאָך איצטער אויך א סאָציאַליסט.

טאָמער האָט איינער פון די יונגעלייט א שמועס געטאָן וועגן ליטעראַטור און מיט וואָס ער האָט זיך טאַקע באַשעפטיקט, האָט רויזענצווייג אויך אונטערגעהאַלטן.

— א, ליטעראַטור... איך האָב אויך אַמאָל געשריבן... פּאָעמען. פראָזע האָב איך עד־היום ניט שטאַרק ליב... נאַטירלעך, עס ווענדט זיך וועמעס פראָזע... אייער פראָזע האָב איך געלייענט — גוט, זייער גוט...

די יונגעלייט האָבן דערזען, אז ער איז שוין אַן אייגענער מענטש, האָט מען זיך גענומען אַרויסגעבן פאַר אים. דער ליטעראַט יאָסעליעוו האָט אַן א באַזונדער צוגרייטונג א פראַגע געטאָן.

— וואָס, מר. רויזענצווייג, אפשר וואָלטן מיר גאָר געגרינדעט א פאַרלאַג?...

— יאָ, א פאַרלאַג איז א גוטע זאַך, א פאַרלאַג דאַרף מען אָבער מאַכן א „קאַפּעריישאַן“; איר ווייסט וואָס א קאַפּעריישאַן קאָסט? איבער הונדערט דאָלאַר, און ביז וואַנען איר וועט פאַרקויפן אַן אַקציע... אַך, לאָזט עס צורו...

האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אז גלאַט אין דער וועלט אַריין וואַרפט ער זיך ניט מיט געלט; האָט איינער פון די סאָציאַליסטן, חבר זילבער, אים פאַרגעלייגט ער זאָל קויפן צוויי בילעטן צו א אונטערנעמונג פאַר א סאָציאַליסטישן צוועק. האָט מר. רויזענצווייג באַטראַכט די צוויי בילעטן, דערזען דעם פּרייז: 2,75 דאָלאַר, גלייך געטאָפּלט די סומע אויף צוויי און עס איז אויסגעקומען זעקסהאַלבן דאָלאַר, האָט ער די בילעטן צוריק דערלאַנגט און געזאָגט:

— גראַד דעם אָוונט וועל איך זיין פאַרנומען.

ביז מען האָט זיך איבערצייגט, אַז קיין נוצן פון אים קען מען ניט האָבן.

און מען האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון אים.

איז אָבער פּאָרט געווען אַ שאָד — פּאָרט אַ יונגערמאַן אַ רייכער. ס'איז אַ סברה, אַז ער פאַרמאָגט ביי אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר...

און אַז ער האָט זיך אַמאָל אין אַן אָוונט ניט געוויזן, האָט דער ערשטער געפרעגט דער סאָציאַליסט זילבער:

— וואו איז מר. רויזענצווייג?

— מסתמא ברוגז געוואָרן, — האָט יאָסעליעוו דער ליטעראַט געענטפערט.

און דער יונגער מאָלער בעלקין האָט זיך אָפּגערופן:

— איך האָף נאָך פונדעסטוועגן, אַז ער וועט קויפן ביי מיר אַ בילד...

איז דער עולם פריילעכער געוואָרן פון דער האָפענונג אַליין און יעדער האָט באַשטעלט אַ ריכטיקן מאַכל מיט וויין.

דערווייל איז געקומען מר. רויזענצווייג. דערזעענדיק די יונגע־לייט ביים טיש פאַראַוועגדיק די סעודה און נאָך מיט וויין דערצו, האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָס, איר הוליעט, קינדער? — איך בין אײַך מקנא...

— באַשטעלט אויך עפּעס... — האָט אים זילבער פאָרגע־לייגט.

— הם... יאָ, מען דאַרף עפּעס נעמען. וואָס האָבן זיי דאָ?

און ער האָט דורכגעקוקט די שפּייז־קאַרטע.

אַלע זיינען געווען פאַראינטערעסירט, וואָס ער וועט אויס־קלייבן.

ער האָט אָבער באַלד אַוועקגעלייגט די קאַרטע, אָנגעקוקט די יונגעלייט מיט אַ קריטישן בליק און זיך אָנגערופן:

— די פּרייזן זיינען דאָך דאָ גאָר גוואַלדיק...

און ער האָט באַשטעלט אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכעלע...

דער עולם האָט זיך פאַרשעמט אומגעקוקט און דער ליטע־ראַט יאַסעליעוו האָט, אַנגיסנדיק נאָך אַ גלעזל וויין, זיך אָנגערופן מיט מיטגעפיל צום אומגליקלעכן גביר:

— נעמט עפּעס, מר. רויזענצוויג, אַ בעסערע זאַך... איך וועל צאָלן פאַר אייך.

—וואָס עפּעס איר? איך וועל צאָלן, — האָט זיך דער מאָלער אָפּגערופן, אויך מיט גרויס מיטגעפיל צום גביר.

— זאָל ער שוין נעמען, מירן שוין צאָלן, — האָט אויך דער סאָציאַליסט געזאָגט פון זיין זייט.

מר. רויזענצוויג איז געוואָרן אַזש געריררט און ער האָט גע־זאָגט:

— ניין, ברידער... דאָס ניט, צאָלן וועל איך אַליין פאַר מיר. ס'איז פאַר מיר גענוג, אַז איך זיץ מיט אייך און הער אייך ריידן. איר זייט גוטע, קלוגע מענטשן. אָבער דעם דאָלאַר היטן קענט איר ניט... אַ חסרון, אַ גרויסער חסרון... קיין גבירים וועט איר שוין קיינמאָל ניט זיין. קיינמאָל ניט זיין.

און ער האָט זיך שטאַרק צעזיפצט...

---

# די יינגערע שוועסטער

מיט דעם אנקומען פון בערטען, מרס. גאלדינס יינגערער שוועסטער, האט דאס לעבן אין דער קליינער וואוינונג גענומען אן ענדערונג. מאן און ווייב האבן גערעדט הייקער, שטילער, די ווערטער זיינען געווארן זאפטיקער, קלינגענדיקער און ווייניקער דערזאגטע... אויך דער „סטיל" איז געווארן ריינער, געלייטערטער...

דער גאסט, וואס מען האט אראפגעבראכט פון דער אלטער היים, א מיידל פון א יאר צוויי=און=צוואנציק, האט מיט איר אנקומען דאס לעבן אין הויז פארייניגט און אפגעפרישט.

אויסער דעם אלעמען האט זי דערמאנט די יוגנט פון מרס. גאלדין, וועלכע איז שוין אלט א יאר עטליכע=און=דרייסיק און א מוטער פון צוויי קינדער.

מר. גאלדין אליין, וועלכער געדענקט זיין פרוי, ווי זי האט אויסגעזען מיט פופצן יאר צוריק, קוקט אויף בערטען, ווי ער וואלט זיך וועלן אן עפעס אמאליקעס דערמאנען, קוקט=און ענדלעך זיין ווייב, פארגלייכט זיי ביידן און שמייכלט:

— ווייסטו, בעלא, אזוי האסטו אויסגעזען, ווען איך האב דיך דערקענט... פונקט ווי זי, בערטע, זעט איצט, אזוי האסטו דעמאלסט אויסגעזען.

מרס. גאלדין שמייכלט צוריק האלב גליקלעך און האלב פארבענקט... זי קוקט אן איר אנגעקומענע שוועסטער, בערטען, און ענטפערט שטימונגספול:

— יא, ווירקלעך. אויף מיין אמאליקן פאטאגראפישן בילד זע איך אויס, פונקט ווי זי איצט.

און דאס, וואס די אמאליקע בעלא איז אזוי ענלעך צו דער איצטיקער בערטען, איז אזוי פריידיק=טרויעריק, אז איבער דער גאנ=

צער וואוינונג טראָגט זיך אַרום עפּעס אַ ווידערקלאַנג פון פאַרגאַנ-
גענע טעג...

און אין בעלען הויבט זיך אָן דאָס אַמאָליקע מיט איר פולער קראַפט. זי וואָלט קיינמאָל ניט דערוואַרט צו באַקומען אַזאַ לעבע-
דיקן גרוס פון איר פריער יוגנט, ווי איצט, דורך דעם קומען פון איר שוועסטער.

עס שווימען אַרויף גאַנצע פראַזן, וואָס זי האָט אַמאָל אַזוי אָפט געניצט און דורך דער לאַנגער צייט דאָ אין לאַנד זיי פאַר-
געסן. זי היט זיך ניט אויסצורייטן אַ וואָרט, וואָס זאָל קלינגען פרעמד פאַר איר יונגער שוועסטער, ווי זי וואָלט דערמיט ניט וועלן צעשטערן די האַרמאָניע, די גאַנצקייט.

אַפילו דאָס וואָרט „אָלרייט" האָט זי זיך געהיט ניט אַרויסצו-
זאָגן.

איר איז איינגעפאַלן צו הערן דעם אַמאָליקן רוסישן „קאָניעטשנאָ", וואָס איר שוועסטער האָט אים אַריינגעבראַכט אין הויז צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ווערטער, וואָס זיינען אַלע אַזוי אָנגעזאַפּט מיט פרייד און יוגנט און מיט „היים"...

אַפילו די קליידער, וואָס די שוועסטער האָט געבראַכט פון דער היים, כאָטש געניית נאָך דער דאָרטיקער לעצטער מאָדע, דערמאָנען איר איצט אָן אירע קליידער, וואָס זי האָט אַמאָל אין איר יוגנט געטראָגן. זי האָט אָנגעמאָסטן דער שוועסטערס אַ קלייד, אַ צווייטס, געקוקט אין שפּיגל און זיך דערפילט ווי זי וואָלט אַליין ערשט גע-
קומען פון דאָרט, אַ יונגע, פול מיט האָפענונג...

און מר. גאָלדין באַשטעטיקט עס:

— אָט אַזוי, בעלאַ, האָסטו אויסגעזען, ווען דו ביסט אָנגע-
קומען און איך האָב דיך די ערשטע וואָך באַגעגנט. געדענקסט?

אַ פראַגע, צי בעלאַ געדענקט. און זי ענטפערט אַפילו ווי אַמאָל:

— „קאָניעטשנאָ!" — געוויס...

און ניט נאָר די ווערטער, און ניט נאָר די קליידער, אַפילו די „מאָלצייטן" האָבן זיך, אַדאַנק דער געקומענער שוועסטער, געענ-
דערט. מיכעס גאָלדין האָט זיך דערמאָנט, וואָס מען האָט אין דער

היים געקאָכט אויף אַנבייסן, אויף מיטאָג און אויף וועטשערע. און דאָס, וואָס זי האָט פאַרגעסן, האָט איר בערטע דערמאָנט, נאָטיר־לעך מיט אַ געלעכטערל.

— געדענקסט נאָך, בעלאַ, ווי אַזוי מען קאָכט ביי אונז... — און האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ מאַכל.

אַ שאלה, צי בעלאַ געדענקט: און אַט טוט זי שוין אָן אַ פאַרטעך, שטייט שוין ביים אייזוועלע (אַ שאָה, וואָס דאָס איי־זוועלע איז דאָ גאָר אַן אַנדערס) און דער מאַכל איז פאַרטיק. און מען עסט שוין ניט קיין „סאַפּער", נאָר וועטשערע.

מר. גאָלדין, אַליין פון דער זעלבער געגנט, וואָס זיין פרוי און יונגע שוועגערין, לעבט אויך אויף און ער וואונדערט זיך, פאַר־וואָס האָט בעלאַ ביזאַהער עס ניט געקאָכט.

— אַזוי היימיש...

און די יונגע שוועסטער האָט נאָך מיטגעבראַכט עטלעכע בי־כער, אַ באַנד טורגעניעוו, אַ באַנד גאָגאָל און גאָרינס „גימנאַזיס־טישע יאָרן".

— צי וואָס האָסטו עס געדאַרפט מיטנעמען? — שפּאַסט פלומרשט בעלאַ און בלעטערט מיט ליבע די ביכער, וועלכע זי האָט אַמאָל געלייענט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג.

— איך האָב געמיינט, איך וועל איבן שיך זיי לייענען, — ענטפערט בערטע, ווי פאַרשולדיקט, וואָס זי האָט מיטגענומען אַזעלכע אַלטע ביכער.

— ניין, פאַרקערט, טאַקע גוט, וואָס דו האָסט זיי געבראַכט, — באַגייסטערט זיך שוין מר. גאָלדין אַליין, — איך וועל זיי טאַקע לייענען. שוין אַזוי לאַנג ניט געלייענט דאָ אַזעלכע גוטע ביכער.

און בעלאַ האַלט אונטער:

— אַך, ווי איך האָב אַמאָל ליב געהאַט טורגעניעוון! איך האָב געמיינט, אַז מען לייענט שוין מער ניט אָט די ביכער.

— פאַרוואָס? — פאַרטיידיקט בערטע — יונגע מיידלעך לייענען נאָך דאָרטן איצט אויך די ביכער.

און בעלאַ כאַפּט זיך, אַז אַזוי איז עס טאַקע: יעדער דור הייבט אָן אויף דאָס ניי דאָס, וואָס דער פריערדיקער האָט שוין

דורכגעלעבט, און ווי ווענדיק עפעס צוריקכאפן, נעמט זי זיך צום באנד טורגעניעוו.

און גאלדין נעמט זיך צום באנד גאגאל. ער האט אמאל שטארק ליב געהאט „די אלטמאדישע פריצים"... א שאד, אין דעם באנד געפינט זיך עס ניט. נעמט ער לייענען די דערציילונג „דער פארטרעט". עס איז אים אויך גוט באקאנט.

די אמעריקאנער טעגלעכע צייטונג, מיט די גרויסע שרייענדיקע אותיות, ליגט ביי א זייט פון טיש פארשעמט שוין עטלעכע טעג, כאטש מר. גאלדין קויפט זי נאך אלע טאג און ברענגט זי פארנאכט אהיים, אבער ניט ער און ניט בעלא קוקן אין איר אריין. אין הויז טראגט זיך ארום דער גייסט פון די אלטע קלאסיקער, וואס דערמאנט דווקא אן יוגנט, פרייד און פארשוואונדענע חלומות...

* * *

עס גייען אזוי אריבער א פאר וואכן.

אז בעלא גייט ארויס אין גאס מיט בערטען, וועלכע טראגט נאך אירע היימישע קליידער, באמערקן די ענדלעך ביידע, אז מען קוקט זיי נאך. מאנכע פארבייגייערינס שמייכלען שפאטיש.

— מען דערקענט, אז עס איז ניט קיין אמעריקאנער — מערקט שוין בערטע, ווי א פארשעמטע.

— נו, ביסט בדלות — ענטפערט בעלא מיט איראניע און פארדראס...

עפעס ווילט זיך ניט בעלען, אז איר שוועסטער זאל אזוי גיך אראפווארפן די היים פון זיך.

אבער אין א טאג שפעטער מערקט זי, ווי בערטע טוט אליין אן איינס פון אירע, בעלעס, קליידער. זי קוקט זיך אן אין שפיגל און שמייכלט צו איר פון שפיגל ארויס:

— אזא קלייד וואלט מיר געפאסט.

— נו, וועט מען דיר קויפן, — שמייכלט צוריק בעלא, וועלכע וועט פאר דער שוועסטער אליך טאן. און דערווייל גיט זי איר אנטאן איינע פון אירע קליידער, צו גיין אין גאס.

אַך, ווי די יונגע שוועסטער פרייט זיך! בעלאַ באַמערקט, ווי די שוועסטער וויל וואָס גיכער ווערן אַן אַנדערע, פאַרגעסן די הײם. זי האָט שוין אַפילו אַ פּאָר מאָל געזאָגט „אָלרייט“..

— אַ, שוועסטערל, ווי גיך דו גרינסט זיך אויס! — האָט זי איר גוטמוטיק פאָרוואורף געמאַכט, — וואָס אײַלסטו זיך? בלײַב נאָך היימיש...

— נו, מען מוז דאָך... איך וויל טאַקע מיט דיר עפּעס ריידן— איז בערטע ערנסט געוואָרן.

— וואָס? — האָט בעלאַ ווי פאַרגעפילט עפּעס שווערעס.

— איך גלויב, אַז מען דאַרף אָנהייבן טראַכטן וועגן אַרבעט.

— הם... אַרבעטן?...

און בעלאַ האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון צער.

— קאָנסט זיין אַ גאַסט ביי אונז אַפילו נאָך אַ יאָר — שמייכלט שוועסטערלעך בעלאַ — ס'איז מיר אַ שאָד, דיך שיקן אין שאַפּ — אַזאַ וואַכעדיקייט, אַזאַ גרויקייט...

* * *

און אײדער בערטע איז נאָך אַוועק אין שאַפּ, האָט זיך שוין די וואָכעדיקייט געשפּרייט אין הויז. בערטע האָט זיך שוין אָנגעטאָן אַ קלייד און אַ הוט, וואָס מען האָט איר דאָ שוין גע־קויפט... געוועדט אַלץ ווייניקער פון דער הײם און בייגעריק זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג פון נייעם לעבן, פון נייעם לאַנד...

אין גאַלדינס וואוינונג האָט איך דאָס ניי געקלונגען דאָס וואָרט „שאַפּ“, זיין גרויקייט האָט זיך געלייגט אויף אַלע ווענט, אויף אַלע כלים און אויף די פּנימער, די עטלעכע ביכער, וואָס בערטע האָט געבראַכט, זיינען געלעגן פאַרוואָרפן, דער באַנד טורגעניעוו איז פאַרשעמט געלעגן ביים שפּיגל.

פון „שאַפּ“, וואו בערטע האָט שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָט זי געבראַכט אַלץ נייערע ווערטער. בעלאַ האָט געדריקט די פּלייצעס און ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי גיך איר יונגע שוועסטער פאַרגעסט דאָס היימישע און כאַפּט זיך צו צו דאָס נייע, וואָס איר, בעלען, האָט דאָס שוין אַזוי דערעסן...

אָבער אויך דאָס דערמאָנט איר דאָס פאַרגאַנגענע, אויך זי, בעלאַ, האָט זיך שנעל צוגעכאַפּט צום נייעם לעבן.

און ווען בערטע קומט פון שאַפּ אַ מידע, מיט בלויע צייכנס אונטער די שיינע, גרויסע אויגן, דערמאָנט זיך בעלאַ אָן אירע ערשטע וואכן אין שאַפּ, אָן איר אַמאָליקער מידקייט, און איר ווילט זיך אויסרופן:

— צו וואָס קומט מען אַהער?

זי וויל אָבער ניט אָפּעסן דאָס האַרץ איר יונגער שוועסטער, וועלכע איז פול מיט האָפענונגען אויף אַ ניי לעבן...

# די רייכע מדינה

הענעך זאוולס איז געווען א ייד א דרייקאפ. זיין מוח האט קיינמאל ניט גערוט, נאר שטענדיק געארבעט וועגן נייע געשעפטן. מער ווי א חודש האט ער זיך ביי א געשעפט ניט געקענט האלטן, און אויב אפילו דאס נייע געשעפט איז גוט געגאנגען, האט ער זיך דאך ניט געקענט מיט אים צופרידן שטעלן. ער האט געמוזט האבן נאך א קליין געשעפטעלע. בכלל פלעגט ביי הענעך זאוולס א געשעפט זיך פרוכפערן, פונקט ווי דאס געשעפט וואלט געלעגן אין דער ערד... פון יעדן געשעפט פלעגן נייע קלענערע ארויסוואקסן, ביז אין א העלן פרימארגן פלעגט זיך הענעך כאפן, אז סיי דער גרויסער געשעפט, און סיי די קליינע געשעפטעלעך ליגן אלע אין דער ערד און דעמאלסט פלעגט זיין מוח ווידער אנהייבן ארבעטן וועגן א נייעם געשעפט. דער נייער געשעפט איז ווידער געלעגן אין דער ערד און ארום אים האבן זיך ווידער געשעפטלעך צעוואקסן...

און אזוי איז דאס געגאנגען, ביז הענעך זאוולס האט זיך לסוף אזוי פארדרייט, אז וועגן נייע געשעפטן איז שוין גארניט געווען וואס צו טראכטן. ער האט קוים צונויפגעשלאגן, מיט דער הילף פון זיין ווייבס פערדל און זיין שבתדיקן איבער־בגד, וואס ער האט פארזעצט, א רובל דרייסיק, א הובל פופציק האט ער פארכאפט פרעמד געלט, און אין א העלן פרימארגן האט ער זיך אוועקגעלאזט צוגלייך מיט אלע שניידער און אנדערע בעלי־מלאכות למדינת הים — קיין אמעריקע.

הענעך זאוולס איז שוין דעמאלסט געווען א ייד ארום פערציק; ווען ער וואלט אפגעגאלט די בארד און וואנסן, ווי אלע, וואס קומען אין אמעריקע, וואלט ער אפשר געהאט א פנים ווי א יונגערמאן.

אבער אזוי ווי הענעך זאוולס האט זיך מיט זיין לאנגער באָרד שיידן ניט געקענט און אזוי ווי פון די פילע געשעפטן, וואס ער האט אין דער היים געהאט, איז די באָרד כמעט אינגאנצן גרוי געוואָרן, האט ער אויסגעזען ווי א ייד א זקן. עס איז געווען א חידוש, חי אזוי מען האט אים גאר אריינגעלאזט אין אמעריקע, אפילו אין יענע פרייע צייטן אָן קוואָטעס... אבער דערפאר האט מען אים אין קיין שאפ ניט געוואלט אריינגעמען און ער אליין האט טאקע צו א שאפ קיין חשק ניט געהאט. האט ער אויך אין אמעריקע זיך געמוזט נעבעך נעמען צו מסחר, צו ביזנעס הייסט עס.

אין אמעריקע אבער האט הענעך צו מסחר זיך ניט געקענט צופאסן. די ערשטע צייט האט ער אלץ נאכגעפרעגט ביי זיינע לאנדסלייט: „וואו איז דא, איך בעט אייך, ערגעץ דער מארק? וואו קומען דא ביי אייך זיך צונויף די פויערים מיט זייער ווייץ, קארן, גערשטן, האבער און שאר־ירקות?...“ און אז די לאנדסלייט האבן אין א חוזק־שמייכעלע אים דערקלערט, אז אין אמעריקע זיינען בלויז דא סטריטן און עוועניוס און קיין מערק זיינען ניטא, האט הענעך דאס בשום אופן ניט געקענט משיג זיין. ווי שיקט זיך עס, אז אזא כרך ווי ניו־יארק זאל ניט האבן קיין מארק?

האט ער זיך אזוי אומגעדרייט און געזוכט געשעפט, ביז וואנען די לאנדסלייט האבן זיך צונויפגעלייגט און געקויפט אים א וועגל, און הענעך זאוולס איז דא געווארן „א סוחר“ פון פרוכט, ווי ער האט זיך גערופן און ווי די לאנדסלייט האבן עס גערופן — א פעדלער.

קיין נאשער איז ער ניט געווען, אבער אויס לאנגווייל פלעגט ער פון יעדער פרוכט אפט פארזוכן. אויף אזא אופן איז ער באהאוונט געווארן אין א קורצער צייט אין די אלע טעמים פון אמעריקאנער פרוכט, וואס אין דער היים איז דאס ניט בנמצא...

די פרוכט איז געווען זיס, אבער די פרנסה א ביטערע: ער האט זיך דערצו ניט געטויגט. האבן זיך די לאנדסלייט אויף אים מרחם געווען און אים געשיקט אהיים, צוריק אין שטעטל...

געקומען אהיים פון אמעריקע אָן די שווערע טאלער, גראד א פאר טעג פאר ראש־השנה, האט דאס ווייב, וואס האט אויף אים

ניט געלייגט קיין סך כבוד, כאטש א גאסט פון אמעריקע, פונ־דעסטוועגן אמת, מיט א האלבן מויל, איך געפרעגט, וואס צו קויפן אים אויף „שהחיינו". האט זיך ארויסגעוויזן, אז עפל און בארן האט ער שוין געגעסן דארטן.

— נו, וועל איך קויפן א פאר פלוימען... — האט דאס ווייב אונטערגעזיפצט.

האט זיך שוין הענעך זאוולס ניט געקענט איינהאלטן און זיך שטארק צעלאכט:

— פלוימען?... ביסט, האב קיין פאריבל ניט, א שטיקל שוטה... שהחיינו אויף פלוימען? איך האב שוין פלוימען געגעסן מיט דריי חדשים צוריק.

— הער א ביסל... — האט דאס ווייב פארקנייטשט דעם שטערן... — וועל איך דאך, הייסט עס, מוזן אויסגעבן א גאנצן זעקסער אויף „קאוונע"...

— טא וויי־זשע ניט קיין נאר... — האט איר הענעך איבער־געשלאגן און האט זיך אויסגעצויגן גלייך ווי א סטרונע, — וואס מיינסטו, אז איך האב דארט געפאסט תעניתים? — איך האב שוין אויף קאוונע, וואדעמילאן הייסט עס דארטן, געמאכט שהחיינו נאך ערב תשעה־באב... עס קאסט א פענע א שטיק...

— אויב אזוי, וועל איך קויפן עטלעכע ווינטרויבן — האט דאס ווייב געזיפצט.

האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז אויף ווינטרויבן האט ער שוין אויך אין אמעריקע שהחיינו געמאכט...

דא האט זיך דאס ווייב א ביסל אפגערוקט, ווי זי וואלט ניט זוכה געווען צו שטיין אזוי נאענט לעבן אזא רייכן מענטשן... זי האט ניט געקענט גלויבן, אז איר הענעך, וואס פלעגט תמיד מאכן ראש־השנה שהחיינו איבער אן עפל, זאל מיט אמאל אלע מינים פירות שוין האבן געגעסן.

און זי האט מיט דרך־ארץ איבערגעפרעגט:

— אויב אזוי, ווייס איך שוין טאקע ניט, וואס איך זאל קויפן. איך ווייס גארניט, צי קריגט מען שוין דא אנדערע פירות, אחוץ די... אדרבא, זאג דו...

דא האט זיך הענעך דערמאַנט אַן זיין ווײַבעלע פּרוכט און ער האט גענומען מיט די פֿינגער ציילן די מינים, וואָס ער האט שוין געגעסן:

— פֿיין־עפּל... שוין געמאַכט שהחיינו... באַנאַנעס איז ניט שייך געמאַכט — דאָס עסט מען תּמיד... טשערים, סטראָבערים...

און כּדי דאָס ווײַב זאָל מער דרך־ארץ האָבן, האט ער אָנגע־הויבן אַריינרעכענען אויך גרינס אין די פּרוכטן פֿון די ענגלישע נעמען:

— פּיקעל... טאָמייטאָ... פּאָטייטאָ...

— נו, אויב אַזוי — האט די ווײַב אים איבערגעשלאָגן — וועסטו הײַ־יאָר אויסקומען אָן שהחיינו.

און אַז דאָס ווײַב איז אַרויס אין מאַרק קויפֿן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר די קינדער אויף שהחיינו אַ פֿאַר עפּל, האט זי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיך אָנגעהויבן צו דער יידענע, וואָס האָט פֿאַר קויפֿט די פּרוכט:

— ווי געפֿעלט אײַך, אַז מײַן הענעך וועט הײַ־יאָר ניט קענען מאַכן קיין שהחיינו?...

— וואָס הייסט? עפּעס אַ שטיקל חולה? — האט די מאַרק־יידינע זיך געמאַכט תּמעוואַטע...

— ניין, ניט דאָס? — האט הענעכס ווײַב מיט גדלות געענט־פֿערט, — ער האט שוין דאָרט אויף אַלע מינים פּירות שהחיינו גע־מאַכט...

און אַפֿילו גייענדיק צוריק האט זי זיך ניט געקענט אײַנ־האַלטן און האט פֿאַר אַלע שכנות זיך פֿלומרשט באַקלאָגט:

— וואָס זאָגט איר אויף מײַן אומגליק? מײַן הענעך בלײַבט הײַ־יאָר אָן שהחיינו?... ער האט שוין דאָרט אַלע פּירות, אַפֿילו „פּאָטייטאָ“ פּאַרווּכט...

און הענעך איז צוריק עולה לגדולה געוואָרן סײַ בײַ זײַן ווײַב און קינדער, סײַ בײַ די שכנים.

— אַ קלייניקייט, אַ ייד האט ניט איבער וואָס שהחיינו צו מאַכן! — און מען האט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט זיך

געוויצלט, אַז אַזוינס קאָן פּאַסירן נאָר מיטן גרעסטן גביר, — פון אַלע פּרוכטן פּאַרזוכט...

און סי די ווייב און סי די „שטאָט" האָט איס שוין מוחל געווען, וואָס ער איז געקומען פון אַמעריקע, ווי מען האָט געשמועסט, בלויז מיט צוויי דאָלער. אַבי געלעבט אַ גוטן טאָג דאָרטן, איז שוין כּדאַי געווען דאָס פּאָרן.

# לענדער אין איין הויז

די וואוינונג, וואס די מיטגלידער פון דער פאמיליע בלומקינד האבן פארנומען דא אין דעם לאנד, קומענדיק אהער איינציקווייז, אין פארלויף פון א פאר יאר, איינע נאך די אנדערע, פון פארשיידענע שטעט און לענדער, וואוהין די מלחמה און רעוואלוציע האט זיי פארטריבן, די דאזיקע וואוינונג איז ניט קיין באזונדערס גרויסע — אינגאנצן פיר צימערן, שוין די קיך אריינגערעכנט. אבער אפט דאכט זיך, אז עס איז ניט קיין וואוינונג פון א פאמיליע, נאר א גאנצער טייל וועלט, אויב מען זאל רעכענען נאך די קולטורן, וואס יעדער מיטגליד האט פון זיין וואגל־ארט געבראכט. און ניט נאר איין טייל וועלט, אפילו א שטיק פון אזיע האט די וואוינונג פארכאפט.

דער פאטער. א ייד א משכיל אין די מיטעלע יארן, איז אין דער מלחמה־צייט ארויסגעשיקט געווארן מיט זיין פאמיליע פון זיין געבורטסשטאט אין ליטע ערגעץ אין א שטאט אין טיף רוסלאנד. אויפן וועג האט ער פארלוירן זיין ווייב מיט א מיידל פון עלף יאר און זיי זיינען מגולגל געווארן אין ווין. אן עלטערע מיידל, וועלכע האט פריער שטודירט אין אויסלאנד, איז פארלוירן געגאנגען און ערשט העט־ווען איז מען געוואר געווארן, אז זי געפינט זיך אין פראג, וואוהין אירער א קרוב האט זי מיטגענומען, אנטלויפנדיק אהין אליין אין מלחמה־צייט. א זון, וואס איז געווען אלע מאל ציוניסטיש געשטימט, איז מיט א חברה פרייוויליקע אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל, געארבעט ביים שאסיי ארום יפו און ער איז אויך ענדלעך געקומען צוריק אהער, זיך באהעפטן מיט דער משפחה, מיט דעם נאמען חלוץ. די יינגסטע טאכטער, וואס האט מיט איר פאטער איבערגעלעבט די רעוואלוציע אין טיף רוסלאנד און האט שוין בא־

ווזן זיך צו דערציען אין א נייער רוסישער שול, האָט זיך גע־פילט ווי א ווייטע אָך א פרעמדע אין דער צונויפגעזאמלטער משפחה דא אין דער גאָלדענער מדינה.

אין די פּאָר יאָר, וואָס יעדער האָט זיך געפונען אין אן אנדער ווינקל פון דער וועלט, האָט יעדער באַקומען אַנדערע איינ־דרוקן, נייע באַגריפן פון דער וועלט. יעדער האָט געהאַט זיינע גע־וויינהייטן. די יינגערע טאָכטער סאָניע, וואָס האָט זיך שוין דער־צויגן אין נייעם רוסלאַנד, האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די צופּיל שפע, וואָס האָט זיך איר געוואָרפן דאָ אין לאַנד, די זאַטקייט און צופרידנקייט. דער בחור, וואָס איז געקומען פון ארץ־ישראל, האָט געטענהט, אַז דער היגער הימל איז נאָר קיין הימל ניט: דער אמתער הימל איז אין ארץ־ישראל.

— אָך, איז דאָרטן א הימל! — פלעגט ער אויסזינגען אין גרויס בענקשאַפט.

פלעגט שוין די מוטער, א מיטליערינקע פרוי, זיך לאָזן הייבן די שטאָט ווין.

— קיין שענערע שטאָט ווי ווין איז אויף דער וועלט ניטא... אָך, ווין, ווין! וואָס פאַר א גוטע מענטשן דאָרטן זיינען.

— און איך, — זאָגט דער פאָטער, שוין א גרוי־געוואָרענער פאַר איבערלעבונגען און צרות — איך זאָג אייך, אַז די בעסטע זאַך איז געווען אין דער היים, נאָר אַמאָל, פאַר דער מלחמה, פאַר דער רעוואָלוציע.

די יינגערע טאָכטער, וואָס האָט זיך דערצויגן אין נייעם רוס־לאַנד אין א שול, לאַכט אויס דעם טאַטן:

— ניין, פּאַפּאַ, אַזוי ווי געווען קען שוין ניט זיין. היינט איז א נייַ רוסלאַנד און אהין וואָלט איך איצט געפלויגן.

גרויסע גליקן דאָרטן, — לאַכט דער חלוץ... — ווען דו גיסט נאָר איין בליק אויפן ארץ־ישראלדיקן הימל, — אַיי, א הימל!

— ווען דו זעסט, ברודער, פּראַג, וואָלסטו פאַרגעסן אָן ארץ־ישראל — זאָגט אַריין די עלטערע מיידל, וועלכע האָט אין פּראַג יענוג אויסגעלייטן זיך, אָבער איצטער בענקט זי גראָד נאָך פּראַג,—

אזא שיינע שטאָט, אַזאַ ליבע שטאָט האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען.

— ווען דו זעבסט ווין, וואָלסטו ניט געבענקט נאָך פּראָג — רופט זיך אָן די מוטער, וועלכע האָט האַלב געהונגערט צוויי יאָר אין ווין.

— ס'איז אומעטום גוט, אַז עס איז דאָ פּרנסה... — זיפצט ענדלעך אויס דער פֿאָטער, וואָס איז אַמאָל אין דער היים געווען אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש, געפירט גרויסע געשעפטן.

אין די זונטאָגס קומען צו גיין די היגע קרובים, געוואָר ווערן די משפּחה, וואָס האָט זיך אַזוי געוואַלגערט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע יאָרן, און וואָס אַדאַנק די היגע קרובים איז די משפּחה אַהער געבראַכט געוואָרן, יעדער מיטגליד פֿון אַן אַנדער ווינקל פֿון דער וועלט.

די קרובים, רייך געוואָרענע און איינגעפונדעוועטע, וואָס וואוינען שוין דאָ יאָרנלאַנג, און פֿון מזרח-אייראָפּע האָבן זיי אַ באַגריף נאָר פֿון די נייעס אין די צייטונגען, ווילן טאַקע דערגיין אַקוראַט, וואָס דאָרטן טוט זיך אַזוינס, ווילן הערן מיינונגען.

— נו, פֿרעגט אַ קרוב, וואָס אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, — ווי אַזוי לעבט מען פֿאַרט איצט אין רוסלאַנד?

— מען לעבט ניט, מ'שטאַרבט דאָרטן... — פֿאַרמסרט דער חלוץ, — אַ לעבן איז איצט אין ארץ-ישראל.

אָבער דאָ שפּרינגט אַרויס סאָניע, וואָס האָט שוין אין זיך איינגעזאַפּט דעם נייעם גייסט פֿון רוסלאַנד און זי שלאָגט איבער איר ברודער:

— אַט הערט איר, וואָס ער רעדט, רוסלאַנד איז איצט דאָס בעסטע לאַנד אין דער וועלט.

— אַמאָל טאַקע געווען... — זיפצט אַרויס דער פֿאָטער.

— און ווען איך האָב די מעגלעכקייט, פֿאָר איך צוריק קיין פּראָג, — פֿאַרבענקט זיך די טאָכטער, וואָס איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן קיין פּראָג.

דערלאָזט עס ניט די ייִנגסטע טאָכטער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער נייער רוסלאַנד:

— אויב פאָרן צוריק, וואָלט איך געוואָלט פאָרן קיין רוסלאַנד...

— און איך — קיין ווין! — מישט זיך אַריין די מוטער—מען איז דאָרט טאַקע אָרעם, אָבער די גאַסן אַליין, היינט די מענטשן, די איידלקייט...

און יעדער מיטגליד פון דער צונויפגעזאַמלטער משפחה קען זיך ניט געגוג אָפּלויבן פון דער שטאָט און לאַנד, וואו ער האָט געוואָלט...

דער קרוב פילט זיך אַזש צעטומלט און קען ניט דערגיין, פון וואַנען זיי קומען. ענדלעך רופט ער זיך אָפּ, ווי אַ באַליידיקטער:

— אָבער, קינדערלעך, ווי געפעלט אייך עפּעס דאָס לאַנד?

וועגן דעם לאַנד האָט אַ גוטע מיינונג בלויז דער פאָטער, און אפילו ער זאָגט בלויז צוליב טאַקט:

— יאָ, ס'איז אַ שיינע מדינה.

— ווייס איך וואָס... — רופט זיך אָן דער חלוץ — דאָ זעט מען דאָך גאָר קיין הימל ניט, וועק איר זעט דעם הימל אין יפו!...

קענען דאָס שוין ניט פאַרטראָגן די איבעריקע קינדער און עס ווערט אַן אַמפּעריי, וואו, אין וועלכן לאַנד און אין וועלכער שטאָט איז שענער...

דערפאַר אָבער, אַז מען זעצט זיך אַוועק ביים טיש עסן „די-נער" און די מוטער שניידט אָן די פאַרשיידענע ברויטן, גאַנץ ווייסע, האַלב-ווייסע און ראָזעווע, און מען שטעלט אַוועק די פולע שאָל מיט פוטער און מ'דערלאַנגט דאָס ערשטע פאַרשפּייז און די איבע-ריקע געריכטן — פאַרגעסט זיך יעדערער אָן זיין ליבלינגסלאַנד און אין זיין ליבלינגסשטאָט, און ווי פאַרשעמטע קוקן זיי זיך איינע מיט די אַנדערע איבער, און דער געהויבנסטער פון אַלע ווערט ביי זיי דער קרוב, וואָס וואוינט שוין דאָ אַזוי לאַנג אין לאַנד, און וואָס האָט אויך געהאָלפן ברענגען זיי אַהער צוזאַמען....

יעדערער, אויסער סאַניען. סאַניען קויפט מען ניט אָפּ מיט אַ בעסערן ביסן. זי בענקט אַלץ נאָכן נייעם רוסלאַנד, נאָך די כאַוועטן — אפילו ביים גוטן מאַלצייט...

# די אומזיסטע שמחה

דאס געשעפט, וואס מאזעס אייזנבערג האט געגרינדעט גלייך נאך זיין חתונה, איז אוועק מיט הצלחה. דער עיקר איז דאס געשעפט געווען א זיכערס. עס איז באשטאנען פון א געוויסן מין סחורה, וואס אין פלוג האט עס קיינער ניט נייטיק געדארפט, און טאקע דערפאר האט קיינער דערמיט זיך ניט גענומען האנדלען. און אפילו אין די ערגסטע צייטן, ווען מענטשן האבן געזוכט געשעפטן מיט ליכט, האט אייזנבערג אויך דעמאלסט קיין קאנקורענטן ניט געהאט.

און ווייל ער איז געווען כמעט דער איינציקער אין גאנצן לאנד, האט ער געהאט גענוג קונדן אויף זיין ניט זייער נייטיקער סחורה.

קונדן זיינען געווען צווייערליי: אזעלכע, מיט וועלכע ער האט געהאנדלט פערזענלעך, און אזעלכע, מיט וועלכע ער האט געפירט דעם מסחר שריפטלעך — אנפאנגס מיט דער אייגענער האנט געשריבענע בריוו, שפעטער, אז דאס געשעפט איז גרעסער געווארן, דורך א געהילף, וואס ער האט צוגענומען, און נאך שפעטער שוין דורך א שרייב-מאשין, ביי וועלכער עס איז געזעסן דאס רוב א שיינע יונגע מיידל און „אפגעקלאפט“ די אנבאטן און די ענטפערס אויף די פארדערונגען.

צו זיינע קונדן האט אייזנבערג פון דעם ערשטן טאג אן געהאט די סאמע ווארעמע באציונג. אפילו די, וואס ער האט ניט געקאנט פערזענלעך און זיי קיינמאל ניט געזען, האט ער טיף פארערט און צו זיי געפילט אפילו א געפיל פון פארוואנדשאפט.

זיי זיינען ביי אים אלע געווען פארשריבן אין א בוך מיט די פולע ערשטע נעמען און מיט די פולשטענדיקסטע אדרעסן.

או עס איז פאַרגאַנגען אַ פּאָר יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט שוין פאַרמאָגט אַ געוויסע צאָל קונדן, איז איינגעפאַלן אויסצודריקן זיי זיין פאַרערונג און פאַרוואונדערשאַפט מיט עפּעס רעאַלעס. אין די בריוו, וואָס ער האָט, ווי געזאָגט, אָנפאַנגס אַליין געשריבן און שפּעטער שוין דיקטירט אַ צווייטער פּערזאָן, האָט ער געמוזט זיין ריין געשעפטלעך, מיט אַ געוויסן סטיל און טרוקענעם טרייסטן טאָן.

אָבער נאָכדעם, ווי דאָס ווייב האָט אים געבוירן דאָס ערשטע קינד און צום גליק אַ יינגל, האָט ער געלאָזט אָפּדרוקן אין דער שענסטער שטאָטישער דרוקעריי אַזוינע קאַרטן, וואו עס איז געווען, האַלב אין דער לאַנד-שפּראַך און האַלב אויף לשון-קודש, געמאָלדן אין דער סאַמע אײדלסטער פאָרם פון זיין גרויס גליק... די דאָזיקע קאַרטן האָט ער צעשיקט צו אַלע זיינע קונדן, וואָס האָבן זיך שוין צו יענער צייט געציילט אין די הונדערטער.

דאָס פונאַנדערשיקן די איינלאַדונגען האָט אים שטאַרק באַפרידיקט. עס איז ניט קיין טרוקענער אָנבאָט — ניין, דאָס איז שוין אַן אָנזאָג, אַ בשורה וועגן זייער אַ פּערזענלעכער שמחה. קומען וועלן זיי ניט — דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער טראַכטן פון אים וועלן זיי שוין גאָר אַנדערש...

און ער האָט געזוכט אַנדערע געלעגנהייטן, מיט וואָס ער זאָל יאָגען זיינע קונדן. איז אים אין אַ האַלב יאָר אַרום — נאָכדעם ווי מען האָט אין טעמפּל, וואו ער פלעגט שבת דאַווענען, געבענטשט ראש-חודש אלול — איז אים איינגעפאַלן אָפּצודרוקן ראש-השנה-קאַרטן, אין וועלכע ער וועט עפּעס ספּעציעלע וואונטשן אויסדריקן און צו זיינע קונדן פונאַנדערשיקן אויף ראש-השנה...

און אַזוי האָט ער געטאָן.

און פון דער דאָזיקער אידעע האָט זיך אין אַ יאָר אַרום אַנטוויקלט אַ העכערע אידעע, וואָס האָט געדאַרפט איבערצייגן זיינע קונדן ווי שטאַרק ער איז פאַרבונדן מיט זיי.

די נייע אידעע איז באַשטאַנען אין דעם: ער וועט יעדן סוף זומער אָפּדרוקן אַ קליינעם, שיינעם לוח און אים צעשיקן זיינע ליבע קונדן אַלס מתּנה.

די אידעע האט איס באגייסטערט. דאס איז שוין ניט קיין שנה־טובה־קארטן. ס'הייסט שוין א ווערק, מען דאס ווערק פארנע־מען בלויז זעכצן קליינע זייטלעך מיט א פאר טאוולען...

זייענדיק נאך גאר א יונגערמאן, האט ער זיין אידעע דורכגעפירט שנעל און זארגפעלטיק. עס איז געווען אן אמתער לוח, וועלכן ער האט קאפירט פון אן אנדער לוח, וואס איז ארויס אינמיטן זומער און האט געקאסט 2 פענים... ער האט פון אים איבערגעשריבן אלע נייטיקע טיילן, אנהייבנדיק פון דער כראניק פון דעם ערשטן טאג, זינט די וועלט איז באשאפן געווארן...

אין יענעם יאר, ווען ער האט ארויסגעגעבן זיין ערשטן לוח, אלס מתנה פאר זיינע קונדן, איז די וועלט אלט געווען פינף טויזנט זעקס הונדערט מיט עטלעכע און פערציק יאר. אבער דער טאג, אין וועלכן דאס לוחל איז ארויס פון דרוק, איז געווען א וואַ־רעמער, א זוניקער און א יונגשטראלנדיקער... אייזבערג, אז ער האט ארייגעקוקט אין דעם ערשטן בלעטל, וועלכעס האט זיך אנגע־הויבן מיט וועלט־כראניק, האט ניט געקענט גלויבן, אז די וועלט איז אזוי אלט... אים האט זיך געדאכט, אז די וועלט הייבט זיך ערשט אן מיט אט דעם לוחל...

ער האט איבערגעקערט עטלעכע בלעטלעך און דערזען זיין בילד. א יונגערמאן מיט מונטערע און ווייטבליקנדיקע אויגן... אונטער זיין בילד איז געווען דערמאנט זיין סחורה און דער אדרעס... דאס ווייטערע זייטל איז שוין ווידער געווען לוח...

און כאטש אינעם לוחל האט ער פארנומען מיט זיך אליין און מיט זיין סחורה בלויז איין בלעטל, האט זיך אים געדאכט, אז עס איז אלץ ער, פון יעדן אות קוקט ער, אייזבערג, ארויס...

אזוי האט ער יאר־איין יאר־אויס עס ווידערהאלט.

אין איין לוח איז שוין די וועלט געווארן אלט פינף טויזנט מיט עטלעכע און זעכציק יאר...

אייזבערג אליין האט שוין באקומען פיל גרויע האר אין קאפ, און אויף זיין בילד אין לוח האט מען זיי שוין דערקענט....

ער האט אפילו געקאנט געבן זיין בילד פון די יונגערע יארן,

אבער אייזבערג האט זיין געשעפט געפירט ראיעל — אפנארן זיינע קונדן האט ער ניט געוואלט און ניט געקענט.

די איינציקע מתנה, וואס ער גיט זיינע קונדן איינמאל אין יאר, מוז זיין עכט...

די וועלט איז אין דער כראניק עלטער געווארן מיט נאך עטלעכע יאר... אייזבערג אליין האט זיך דערפילט שוין איך גארניט יונג...

פילע פון זיינע קונדן, וועלכע ער שיקט נאך זיין לוח אלס מתנה, האבן שוין לאנג אויפגעהערט צו באשטעלן זיין סחורה... אים ארט ניט דאס געשעפט, אים ארן די קונדן אליין: ווער וויס, וואס פון זיי איז געווארן...

און ער האט אנגעהויבן טראכטן וועגן אויפגעבן דעם גאנצן אויבטו.

אומזיסט האט ער זיך אזוי געפרייט יעדעס יאר, ווען ער האט באקומען פון דער דרוקעריי די לוחלעך און צעשיקט זיי מיט שמחה די קונדן, און קוים דערלעבט צו הרוקן א צווייטן מאל, א דריטן... א צענטן מאל.

עס ווייזט זיך ארויס, אז אויף אזא אופן האט ער צו־שנעל אפגעשטופט דאס לעבן...

— וואס האסטו אזוי געיאגט? — איז ער ווי אין כעס אויף זיך אליין.

און פאר פארדראס באשלאסט ער, אז פון דעם יאר אן וועט ער שוין זיין קליגער... אויב ער וועט אפילו ארויסגעבן נאך א לוחל א מתנה פאר די קונדן — וועט ער עס אבער טאן ניט געיאגט... אדרבא — וואס לאנגזאמער... ווייל די גאנצע שמחה פון א נייעם לוחל איז א פאלשע און א נארישע...

# די טרייסט

— ... און איך זאָג אייך, אַז ס'איז נישט! — האָט אײנער פון די יונגערע דיכטער, װעלכע האָבן געשמועסט זיצנדיק בײַ אַ טיש אין קאַפע, אויסגערופן און פאַרשאַרט אַ לאָק, וואָס איז אים פאַר אויפרעגונג אויפן שטערן אַראָפּגעפאַלן.

מען האָט געװאַרט, װאָס ער וועט ווײַטער זאָגן, און ער האָט פאַרגעזעצט:

— מיר האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז די װעלט דאַרף אונז, אַז אָן אונז קאָן זיך די מענטשהייט ניט באַגײן. נאַרישקײטן! — האָט ער אויסגעשריען: — קײנער דאַרף אונז ניט.

עס איז געװאָרן שטיל. אַ גאַר-יונגער דיכטער איז געװאָרן שטאַרק טרױעריק און האָט פאַרשולדיקט און תּמעוואַטע געשמײכלט. די פּאָעמע, װאָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, גרייט פאַרצולעזן, האָט ער, בגנבה פון די איבעריקע, אַרײַנגעלײגט ערגעץ אין אַ וועסט-קעשענע: „ס'איז ניט די צײַט!“

די איבעריקע פון די דיכטער, װעלכע זײַנען דערבײַ געזעסן, האָבן געזוכט מיט די אויגן אײנע בײַ די אַנדערע הילף קעגן אָט דעם גרויזאַמען דיכטער, װאָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ שווערן אורטייל קעגן קונסט בכלל און קעגן זייערער בפרט. אויב מען דאַרף זײ ניט, איז דאָך טאַקע ניט ניחא דאָס לעבן. בלײַבט דאָך אַוועקצוגײן אין אַ שאַפּ און נײען מאַנטלען. גאָט! װי לאַנגווײַליק דאָס מוז זײַן!...

צום גליק האָט זיך צווישן זײ געפונען אײנער אַ דיכטער אין די מיטעלע יאָרן, װאָס האָט שוין באַוויזן באַקאַנט צו ווערן צווישן אַ גרעסערן לעזער-קרײַז. ער איז געבליבן רויק און פאַרטיפט. עס איז געווען קענטיק, אַז ער וויל עפּעס דערציילן, נאָר ער ישובט

זיך מיט זיך אליין. באלד אבער האט ער געמאכט א באוועגונג מיט דער האנט און די איבעריקע האבן דערפילט, אז ער האט פאר זיי א טרייסט.

ער האט זיך געווענדט מיט זיינע בליקן צום פעסימיסטיש-געשטימטן דיכטער און ענדלעך אנגעהויבן:

— איר זייט ניט גערעכט. אבער איך פארשטיי אייך. אזוינע געפילן לעבט יעדערער פון אונז איבער פון צייט צו צייט. דאס איז אפשר נייטיק פאר אונז און פאר דער געזעלשאפט. איבערהויפט פאר דער געזעלשאפט, וועלכע, נאך אלע זאכן, באלוינט אונז שוין כסדר ווי-סיי צו פיל. מיר מוזן אמאל צווייפלען אין זיך און אין אונזער ווירקזאמקייט, אז די געזעלשאפט, אדער דער יחיד נייטיקט זיך אין אונז. אבער זיין אזוי פעסימיסטיש איז אויך ניט כדאי, און ס'איז ניטא קיין גרונד. אבער, ווי געזאגט, דאס פאסירט. מיט מיר — דאס ער געשמייכלט — האט עס פאסירט זייער אפט. איצט, קאן מען זאגן, בין איך געהיילט געווארן דערפון, כאטש איך בין ניט איינגערעדט, ווי אנדערע, אז איך ראטעווע די וועלט און מען דארף מיר דערלאנגען דאס טעלערל פון הימל. מיר איז גענוג דאס ביסעלע אנערקענונג, וואס איך באקום פון צייט צו צייט.

— נאר דערלויבט מיר בעסער אייך צו דערציילן אן עפיזאד פון מיין לעבן.

„דאס איז געווען טאקע ניט זייער לאנג, מיט עטלעכע יאר צוריק. עס איז געווען א כמורנער ווינטערטאג, אט ווי היינט — אפנים אז אזוינע טעג זיינען שולדיק אין אונזערע צווייפלערייען. איך בין געזעסן אין צימער, האב געהאלט עפעס שאפן און ניט געקאנט. מיר האט זיך געדאכט, אז איך האב נאך קיינמאל גארניט געשאפן. עס פאסירט אמאל, אמת, מיט אייך אויך. ווער עס צווייפלט ניט, איז א נאר, און א נאר האב איך קיינמאל ניט געוואלט זיין. איך בין ארויס אין גאס, געזוכט דערהיילונג, אנרעגונג, איינען. די גאס מיט אלע אירע טומלדיקע באשעפעניש, מיט זייערע זוכענישן איז אבער געווען אזוי ניט אינטערעסאנט און אפאטיש, זייער האווען און רייד איז געווען אזוי ווייט פון דעם, וואס מען רופט שיינקייט, קונסט, פאעזיע! איך בין פארביי'געגאנגען א ביכ-

האַנדלונג אין איך בּין געווען טשיקאַווע צו בּלייבּן שטיין אַ צייט און נאָכקוקן די פאַרבּייגייער, צי וועלן זיי זיך אָפּשטעלן און וואַרפן כאָטש אַ בּליק אין שוי־פענסטער, וואו עס שטייען אויסגעשטעלט די אַלע בּיכער, מיט די נעמען פון די מחבּרים אויף די לעדערנע רוקנס. קיינער האָט אַפילו קיין בּליק ניט געוואָרפן אין יענער זייט. אויב איינער האָט שוין יאָ אַ בּליק געוואָרפן, איז עס געווען אויף דער אַנדערער סטאָר, אַ „מילך־סטאָר“, וואו אין פענסטער זיינען געווען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע סאָרטן קעז. איר לאַכט? איך לאַך איצט אויך. אָבער מיר האָט זיך דעמאָלסט געדאַכט, אַז קעז איז פאַר די מענטשן וויכטיקער ווי ליטעראַטור... עס האָט מיך שרעקלעך בּאַליידיקט. איך האָב געפּרוּווט אַריינקוקן אינעווייניק אין בּוכהאַנדלונג — שטיל און טרויעריק... אויסער דעם בּוכהענדלער אַליין איז דאָרט קיינער ניט געווען. דער בּוכהענדלער, אַן עלטערער ייד, איז געשטאַנען און פאַרצווייפלט געהיכט... איך האָב מיך דערשראָקן און בּין אַוועק מיט שנעלע טריט.

„איך האָב זיך געלאָזט אין די רייכע גאַסן. איך בּין אַריינגעפאַלן אויף בּראָדוויי. עס איז געוואָרן פאַרנאַכט. די עלעקטרישע בּאַלייכטונג האָט שוין געשטראָמט פון די אַלע פענסטער, שילדן און דעכער. דער בּרייטער טראָטואַר איז געווען פאַרפלייצט מיט מענטשן, מיט שמראַלנדיקע געזיכטער. איבּעריפּט האָט עס געשטראָמט מיט יוגנט. פּאָרלעך, פּאָרלעך — לאַכנדיקע, שרייענדיקע און גליקלעכע. איך האָב זיי דאָס גליק פאַרגונען פון גאַנצן האַרצן. אַדרבּא, זאָל זיי וואויל בּאַקומען. אָבער וואו בּין איך? איך בּין דאָך עפּעס איך, און האָב זיך איינגערעדט אַזוינע גליקן, און דאָ זע איך, אַרום מיר, ווי מען דריקט זיך בּיי אונז אין, יובלט און קאַכט אין רוישט, און איך בּין אַזוי אָפּגעזונדערט, אַזוי פרעמד.

און פּלוצים פאַלט מיר איין, אַז פון צווישן די אַלע שטראָמענדיקע מאַסן איז ניטאָ אַפילו איינער, וואָס זאָל וויסן פון מיר און זאָל האָבן דעם מינדסטן אינטערעס אין מיר, ווען איך זאָל מיך אַפילו פאָרשטעלן פאַר זיי. און וואָס האָט בּיי זיי פאַר אַ ווערט ליטעראַטור, אַז דער עיקר איז דאָך דאָס לעבּן און די פרייד פון

לעבן און די בענקשאפט נאך גליק און ליבע, און ווייטער איז אלץ א ליגן, וואס מיר האבן אליין אויסגעטראכט.

„איך האב זיך געוואלט שוין לאזן צוריק, גיין אהיים און בלייבן מיט זיך אליין, באטראכטן, ווי אזוי ווייטער אנצוהייבן צו לעבן. דאס פריערדיקע איז געווען א טעות. און ווי איך טראכט אזוי, הער איך, ווי איינער הינטער מיר רופט אויס מיין נאמען. איך האב זיך אפילו ניט אומגעקוקט. איך בין געווען זיכער, אז מיר דאכט זיך עס אפ, ווי עס פאסירט אמאל, איבערהויפט ווען מען איז אין אן אויפגערעגטן צושטאנד. אבער באלד האב איך ווידער געהערט, ווי עמעצער רופט מיך. איז דאס מעגלעך? דא, צווישן א פרעמדן עולם, אין אזא פרעמדער גאס... איך בין געווען איינגעשפארט און ניט געוואלט זיך אפקערן.

„ביים דריטן מאל רופן האב איך זיך אומגעקערט. א פרעמדער מענטש האט מיך אנגעקוקט מיט שמייכלענדיקע און אזוי ווי מיט דאנקבארע בליקן, מיך געפרעגט:

— ווי אזוי האט איר אהער פארבלאנדזשעט... — און האט צוגעלייגט ווידער מיין פולן נאמען.

— פון וואנען קענט איר מיך? — האב איך פארוואונדערט אים אנגעקוקט.

„ער האט פארשולדיקט געשמייכלט און געענטפערט:

— איר מיך קענט ניט, אבער מיר איך — יא!...

„איך האב דעם מענטשן באטראכט. א יונג בחורל פון א יאר אכצן. ער איז געווען געקליידט אין אן אוניפארם פון א „מעסענדזשער". אונטערן ארעם האט ער געהאלטן א מין פארטפעל. איך האב ניט געקאנט באגרייפן, ווי אזוי איז דאס מעגלעך, אז גראד דער יונגער בחורל, און נאך פון אזא פראפעסיע, זאל מיך קענען און זיך מיט מיר אינטערעסירן. ווארשיינלעך קען ער מיך אזוי, צופעליק, — ניט ווילנדיק ווער איך בין און דער אמתן...

„איך האב צו אים געזאגט:

— מיר איז טאקע א וואונדער, פון וואנען קענט איר מיך?

— א, איך קען אייך! — האט ער ווי אויסגעזונגען. — אז איך בין נאך געווען א יינגל, האב איך שוין אייך געלייענט. און

נאָר־וואָס, מיט אַ האַלבע שעה צוריק, פֿאָרנדיק אויפֿן „על", האָב
איך געטראַכט פֿון אײַך. ס׳איז מיר געווען עפּעס טרויעריק, האָב איך
זיך געטרייסט מיט אײַערס אַ ליד. און ער האָט מיר אָפּדעקלאַמירט
אַ סטראָף פֿון מײַנס אַ ליד, און באַלד צוגעגעבן:

— אײַך איז גוט, איר וועט אייביק לעבן. אָבער מיר אַלע
דאָ... ווער ווייס, ווער וועט וויסן פֿון אונז, ווער וועט געדענקען? —

איך האָב אים געוואָלט טרייסטן, אַז סײַ־ווי־סײַ איז אין לעבן
דאָ אַ גרויסער זין. און יעדעס לעבן איז אייביק... אָבער אין גע־
דרענג איז ער פֿון מיר פֿאַרשוואונדן, ווי אַ זעונג.

צוריק בין איך שוין געגאַנגען אַ שטאָלצער, אַ גליקלעכער
און געטראַכט פֿון דעם אָרעמען באָי, וואָס האָט מיר געבראַכט אַזאַ
דערהויבענעם גרוס פֿון מיר אַליין...

„דאַרפֿט איר זײַן אַראָפּגעפֿאַלן?" — האָט דער דע״צ״לער פֿאַר־
ענדיקט און אָנגעקוקט די איבעריקע חברים מיט אַ שמייכל.

דער יינגסטער דיכטער, וועלכער האָט דעם עלטערן דיכטער
אויסגעהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, האָט זיך אויפֿגעשטעלט מיט
אַ שײַנענדיקן פּנים און גליענדיקע אויגן, און אַרײַנלייגנדיק די הענט
אין קעשענע, האָט ער צוריק אַרויסגענומען די פּאָעמע, און זיך אַוועק־
זעצנדיק, האָט ער זיך שטאָלץ געווענדט:

— אויב אַזוי, גיי איך אײַך פֿאָרלייענען מײַן נײַע פּאָעמע. הערט
מיט קאָפּ...

# דער באַוויז

דער שריפטשטעלער קריינין איז געווען אין אַ באַזונדערס גוּ־טער שטימונג. די גלאָז קאַווע, וואָס דער קעלנער האָט אים צוגעטראָגן צום טישל, האָט ער אָנגענומען גלייך מיט דאַנקבאַרקייט, געזאָגט, אַז די קאַווע זעט אויס גרויסאַרטיק, וואָס דאָס פּאַסירט זייער זעלטן. דאָס רוב מוז נעבעך דער קעלנער אים ברענגען און צוריק־טראָגן און אַן אַנדערע ברענגען, ביז וואַנען קריינין אַקצעפּטירט און נעמט זי טרינקען. אויבער דער גלאָז קאַווע האָט ער אויך שטאַרק געלויבט די דערציילונג פון דעם יונגן שריפטשטעלער גרינשפּאַן, וועמען ער וויל אַלעמאָל פאַרניכטן.

— דער גרינשפּאַן האָט עפּעס! — האָט ער געטייטלט מיטן פינגער אויף דעם קאָפּל פון דער דערציילונג.

האָבן די אַנדערע קאָלעגן פון די דערבייאיקע טישלעך דערפילט, אַז קריינין איז גוט געשטימט. האָבן זיי זיך אויך צוגעזעצט צום זעלבן טישל, וואו קריינין איז געזעסן. דאָס האָט קריינינען נאָך מער אויפגעמונטערט. ער איז געוואָרן פיל מיט ווערטער און טיינונגען, און ער האָט געטיילט שבחים יעדן קאָלעגע מיט דער פולער האַנט. אפילו חייקלסאָנען, וועלכער שרייבט בלויז נייס אין דער מאָרגנ־צייטונג, האָט ער ניט פאַרטיילט אין געלויבט זיין איבערזעצונג פון דער לעצטער פּאָליטישער נאָטע —פראַכטפול איבערזעצט — האָט ער פאַרענדיקט.

חייקלסאָן האָט זיך געררויטלט ווי אַ כלה־מיידל און געדאַנקט קריינינען פאַר אָנערקענונג.

נאָך אַלע עליות, וואָס ער האָט יעדן געגעבן, האָט קריינין רעזומירט מיט צופרידנהייט:

— קאָלעגן, וואָס איז דאָ צו ריידן; אונזער ליטעראַטור וואַקסט, און דער עיקר, זי האָט באַקומען אַ באָדן!

אַז זי וואַקסט — האָט יעדערער צוגעזאָגן, אַפילו דער אײַ־בערזעצער פון דער פּאָליטישער נאָטע, חיקלבאָן, אָבער אַז זי האָט אַ באָרדן — דערײַן האָבן מאַנכע קאָלעגן געצווײפלט.

— ניין, קיין באָרדן האָט זי נאָך ניט! — האָט איינער זיך געקלאָגט.

— זי האָט! זי האָט! — איז קריינין געשטאַנען פעסט אויף זיינס. ביז איצט האָב איך אַליין געצווייפלט, אָבער היינט האָב איך זיך דערײַן איבערצייגט.

קריינין איז אַנטשוויגן געוואָרן און צופרידן געשמייכלט. די קאָלעגן האָבן געוואוסט, אַז ער וועט באַלד עס באַגרינדן מיט אַ פאַקט. קריינין שעפּט ניט זיינע מיינונגען פון דער לופט. ער איז, נאָך זײַער מיינונג, צו פיל רעאַליסט.

לאַנג וואַרטן האָבן זיי ניט געדאַרפט. קריינין האָט אַרויסגענומען פון טאַש זיין קעסטעלע סיגאַרעטן, דערזען, אַז עס איז אַ ליידיקע, עס אַוועקגעוואָרפן, אויסגערופן הויך אויפן קול: „סיגאַרעטס!״ און נאָכדעם ווי דער קעלנער האָט אים געבראַכט אַ פּעקל סיגאַרעטס, פאַררויכערט, און מיט ליידנשאַפט אַריינגעצויגן דעם רויך אינגעווייניק און צוריק אַרויסגעלאָזט אין אַ דינעם שטראָם, און אָנגעהויבן:

„ביז היינטיקן טאָג בין איך געווען אייפערזיכטיק אויף די אַנדערע קונסטן, וועלכע יידן שעצן אַזוי אָפּ. שטעלט זיך פאָר די לעגענדן, וואָס יידן דערציילן וועגן פידלשפּילער, וועגן זינגער, וועגן זייערע גרויסע פאַרדינסטן. וויפיל יידישע מאַמעס שלאָגן־אָפּ די שוועלן פון מוזיק־לערער, מיטברענגענדיק זייערע יינגלעך, און פרעגן, צי האָבן זיי טאַלאַנט. האָט איר ווען געהערט, אַז אַ ייד זאָל דערציילן אַ לעגענדע פון אַ יידישן שרייבער אָדער דיכטער? האָט איר ווען געהערט, אַז אַ יידישער טאַטע זאָל ברענגען זיין זון צו אַ יידישן שרייבער און פרעגן, צי האָט זיין זון טאַלאַנט צום שרייבן, צום דיכטן? קיינמאָל ניט. שרייבערײַ איז בײַם יידישן פאָלק אַ גישטיקע פּראָפעסיע. ווער רעדט אַ קונסט — אַוודאי ניט. אפשר איז עס בײַ די גויים אויך אַזוי, אָבער בײַ די יידן אין אַ גרעסערער מאָס. שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז אויך די קאַלטקייט, אָדער בעסער געזאָגט, די פאַרניכטנדיקע באַציִונג צו דער קונסט פון שרייבן הייבט אָן צו

פֿאַרשווינדן. היינט בין איך עס געוואָויר געוואָרן. און ווי קאַמיש דאָס האָט מיר אויסגעוויזן, מוז איך דאָך פֿאָרט דערפֿון דרינגען, אַז אונ־זער ליטעראַטור באַקומט אַ באָדן. היינט, מיינע קאָלעגן, זנצנדיק נאָכ־מיטאָג אין רעדאַקציע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז שרייבער־הייבט אָן ווערן ביי יידן אַ רייכע פּראָפֿעסיע און מען פֿירט שוין די ייִנגלעך ניט נאָר צו פֿידלשפּילער אָדער צו געזאַנג־פּראָפֿעסאָרן, נאָר אויך צו אונזערע שרייבער. היינט איז דאָס געשען...“

— די הקדמה איז צו לאַנג! — האָט אַן אומגעדולדיקער קאָ־לעגע אַ מורמל געטאָן.

— האָט צייט! — האָט קריינין גוטמוטיק געשמייכלט — עס איז כדאַי. היינט איז עס געשען.

„איך זיץ אַזוי אין רעדאַקציע אין וואַרט אויפֿן רעדאַקטאָר, און דער רעדאַקטאָר זיצט אין זיין צימער און איז שטאַרק פֿאַרנו־מען מיטן לייענען אַ פֿאַראַכטאַגעדיקע צייטונג. זע איך, ווי די טיר עפֿנט זיך און עס גייט אַריין אַ מאַן פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿער־ציק, מיט אַ בחורל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן־זעכצן. דער מאַן איז אַ ביסל דערשראָקן, אָבער מער דערשראָקן איז דאָס „באָיטשיקל“. ער טוליעט זיך הינטער דעם מאַן און וואָגט ניט אויפֿצוהייבן די אויגן. ענדלעך גייט צו דער מאַן גלייך צו מיר, און מיט אַ זיסן שמייכל ווענדט ער זיך צו מיר:

— דאָס זייט איר, מר. קריינין?

— איך — שטעל איך מיך פֿאָר.

— איך ווייס, — איז דער מאַן געוואָרן דרייסטער. — איך קען אייך שוין לאַנג. איך האָב אייך געהערט אַמאָל פֿאַרלעזן אין „סיינט־מאַרקס־האָל“... איר האָט זיך אַ ביסל געענדערט. איר האָט דע־מאָלסט בעסער אויסגעזען. אייך קענען אַלע, מיך — קיינער ניט. אָבער מיין באָי, האָף איך, וועט מען שוין קענען... שעם זיך ניט, הערי, דאָס איז דאָך מר. קריינין! ער קען אייערע זאַכן אויף אויס־ווייניק... ער האָט שוין ביי מיר געאַרבעט אין אַ שאַפּ, אָבער איך זע, אַז דעם באָי ציט צום שרייבן... קלער איך, אפשר האָט ער טאַלאַנט? האָב איך אים אַפּגענומען פֿון דער אַרבעט, כאָטש עס איז מיר זייער שווער, נאָר, ווי זאָגט איר — אויב ער האָט טאַקע

טאַלאַנט, וועט זיך דאָס באַצאָלן. די שכנים אַלע זאָגן, אַז ער האָט. די נעקסטדאָריקע, אַ געבילדעטע ווייבל, אַ ווילנערין, איז נאָר נתפּעל: ער וואַקסט אַ פּושקין, זאָגט זי, — אַ מאַריס ראָזענפעלד... ווייס איך — אמת, צי ניט, מיר אַליין געפעלט. נאָר מיר געפעלט אַלץ. איך הער עס גראַמט זיך, געפעלט מיר. שיקט ער אָבער עפּעס דרוקן, ענטפערט מען, אַז טאַלאַנט האָט ער, נאָר דרוקן, דרוקט מען ניט... טראַכט איך מיר: צו וואָס זאָל עס מיך וואַרפן ווי אין קדחת, צי ער האָט יאָ טאַלאַנט, צי ער האָט ניט טאַלאַנט, און דערווייל זאָל ער ניט אַרבעטן; אַמער וועל איך אַריינגיין צו אייך און פרעגן... ווי איר וועט זאָגן, אַזוי וועט דאָס בלייבן...“

„און איידער איך האָב צייט געהאַט צו זאָגן עפּעס, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו הערין.

הערי האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע מיינט. מיט צי־טערדיקע הענט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון ערגעץ אַ קעשענע אַ גאַנצן פּעקל מיט פּאַפּירלעך, פאַרשריבענע, ווי דער שטייגער זייערער, פון ביידע זייטן, און אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

כ'האָב אַרויסגענומען, ווי אַ גורל, איין שטיקל פּאַפּיר און אַריינגעקוקט אין דעם.

עס איז געווען וואָס באַזונדערס! געגראַמט האָבן זיך בלויז די לעצטע אותיות, למשל: „געגאַנגען“ מיט „געגעבן“, „געזאָגט“ מיט „האָט“... כ'האָב שוין געוואָלט אַרויסגעבן מיין שרעקלעכן אור־טייל, אָבער כ'האָב אָנגעקוקט דעם טאַטן מיט דעם זון, ווי זיי שטייען מיט איינגעגלאָצטע אייגן אין מיר און וואַרטן אויף זייער גורל, האָב איך ניט געהאַט קיין מוט...

האָב איך געפּרוווט גיין אַרום און אַרום:

— און וואָס מיינט איר, אַז מען האָט שוין טאַלאַנט? וואָס האָט מען דערפון?

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער טאַטע צעהיצט — היינטיקע צייט: טאַלאַנט! מען זאָגט, אַז שרייבער מאַכן היינט געלד... און גלאַט, עס איז אַ שיינע פּרנסה...

— יעס... נאַטירלעך... — האָב איך זיך אַ ביסל גע־קווענקלט, — אָבער, איר פאַרשטייט, טאַלאַנט איז אַ טונקעלע זאַך...

וועט איר גלויבן – בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרמילדערן מיין אורטייל – וועט איר גלויבן, אַז איך אַליין צווייפל, צי איך האָב טאַלאַנט ..."

דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט, און אַפילו דער דערשראָקענער שעמעוודיקער העריִ האָט זיך אויך ניט געקאָנט באַהערשן...

– כע־כע... – האָט זיך דער טאַטע געשטיקט – הלוואי פאַרמאָגט מיין העריִ אַ הונדערט־חלק...

אָבער באַלד איז ער צוריק ערנסט געוואָרן, געבעטן, איך זאָל אַריינקוקן אין אָט דעם חיטן פאַפּירל... דאָס איז אַ סאָציאַליסטיש לידל וועגן ערשטן מאַי. די געקריצטדאַריקע האַלט פון דעם ליד אַן עולם־ומלואה... און אָט אויף דעם שטיקל פאַפּיר איז אַ ליד וועגן אַ פאַרלוירענעם שטרייק...

איך האָב דורכגעקוקט ביידע קאַליִעטע פאַפּירלעך. די לידער זיינען שוין געווען געגראַמט אַ „בית" מיט אַ „טית". למשל: „האָב" און „שפּאָט"... און אַ „זיין" מיט „קוף", למשל: „איז" און „צו־ריק"... איך האָב געמיינט, אַז דאָס זיינען לידער אָן גראַמען, האָב איך באַמערקט:

– ס'הייסט, איר שרייבט אויך אין פרייע פערזן, אָן גראַמען.

– אָן גראַמען! וואָס רעדט איר! – האָט זיך דער טאַטע דערשראָקן און אָנגעקוקט העריִן ווי אַ גזלן, – דו הערסט, האַרי, וואָס מר. קריינין זאָגט?...

– עס איז דאָך מיט... – האָט העריִ זיך פאַרטיידיקט, – „איז" – „צוריק"...

– איז... צוריק... יעס, עס איז אַ גראַם! – האָט דער טאַטע באַשטעטיקט...

„איך האָב דערזען, אַז דאָס שפּיל איז אָן אַן ענד, האָב איך עס אָפּגעהאַקט. – ער האָט אַ סך לעזן, לעזן... – האָב איך געראָטן. – און זאָל ער עפּעס צושיקן אין אַ יאָר אַרום...

– אָבער ער האָט אַ טאַלאַנט? – האָט דער טאַטע געוואָלט דערגיין דעם עיקר.

דעם עיקר איז ער אָבער ניט דערגאַנגען. אינגאַנצן אָפּזאָגן אים – האָב איך ניט געהאַט קיין האַרץ; אים צוגעבן מוט –

האָב איך ניט געקאָנט באַגיין אַזאַ זינד, האָב איך אים געהייסן גאַכאַמאָל אַ סך לעזן... לעזן... און גאָט איז אַ פּאָטער...

הערי האָט דערווייל צונויפגעקליבן די צעשאָטענע שטיקלעך פּאַפּיר, זיי פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצן פאָדעם, זאָרגעוודיק אַריינגעלייגט דאָס פּעקעלע אין קעשענע און זיך גענומען גרייטן צו גיין.

דער פּאָטער אָבער האָט ניט געקאָנט אַוועקגיין. ער וויל וויסן אויך זיכער... איך האָב אים געטרייסט מיט אַ פּאָר צווידייטיקע ווערטער, און ער איז ענדלעך אַרויס. נאָך זיינע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט ביזן טיר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט הערן שיקן מאָרגן אין שאָפּ... עס האָט מיר וויי געטאָן, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? — האָט קריינין פאַרענדיקט.

די קאָלעגן האָבן געשמייכלט. קריינין אַליין איז געווען האַלב ערנסט און האָט רעזומירט:

— עס מאַכט גאָרניט אויס, וואָס דאָס זיינען געווען אָרעמע אומוויסנדע מענטשן... די הויפּטזאַך איז, וואָס מיר האָבן דערלעבט, אַז אַ טאַטע זאָל ברענגען זיין יינגל צו אַ שרייבער מיט אַ פּעקל לידער, ווי מען פלעגט ברענגען אַ יינגל מיט אַ פידל צו אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק. ווי מיינט איר, קאָלעגן, איז דאָס ניט אַ באַווייז, אַז אונזער ליטעראַטור קריגט אַ באָדן?

די קאָלעגן האָבן געשמייכלט.

# דאָס נייע פּאָרל

דאָס מיידל, מיט וועלכער מאָריס האָט זיך געטראָפן אין דעם קרייז פון זיינע באַקאַנטע אינגאַנצן אַ פּאָר מאָל און דאָס אויך צופעליקערווייז, איז געווען ניט קיין שיינהייט, אָבער אַ סימפּאַטישע איז זי געווען. אויך דאָס, וואָס זי איז געווען ניט קיין שאַפּ=מיידל, ווי ער האָט דערפאַרן פון איר אַליין טאַקע, נאָר זי איז באַשעפּטיקט אין אַן אָפיס, אמת, אין איסט=סייד, און ביי אַ יידישער פירמע, האָט געשטימט צו זיינע נייגונגען. אויך איר נאָמען, לינע, האָט אים געקלונגען אייגנענעם און ניי. פון אַלע זיינע באַקאַנטע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ באַפריינדעט און דאָ פאַרלוירן, זיינען געוועזן אַלערליי ליזעס, ראָזעס, בעסיס, אָבער קיין לינע איז נאָך ניט געווען: אַלנפאַלס געדענקט ער ניט...

דערפאַר האָט ער ביי נאָך אַ צופעליקן טרעפן זיך מיט איר און נאָך אַ פאַרבונדענעם אינטימן געשפּרעך אין אַ זייט פון די באַקאַנטע, אָנגעבאָטן צו געבן איר דעם קומענדיקן שבת=צו=נאַכט אַ „גוד=טיים“ אין אַן אינטערעסאַנטן פּלאַץ, וואָס ער האָט ניט לאַנג אַנטדעקט...

לינע, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין שטענדיקן „באָי“, און האָט געטראָגן אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט, האָט די איינלאַדונג אָנגענומען מיט שטראַלנדיקע אויגן און אַ לויכטנדיקן שמייכל. זי האָט באַשטימט די שעה אַכט אין אָוונט. ער דאַרף קומען לעבן איר הויז און וואַרטן, און זי וועט שוין אַרויסקומען פאַרטיק צו גיין מיט אים, וואוהין ער וועט זי פירן.

געקומען איז ער צען מינוט צו אַכט. אין די צען מינוטן, וואָס ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף איר, האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז לינע וועט אים אַנטוישן מיט איר אויסזען, ווייל

אין פארלויף פון דער וואך האט ער איר אויסזען במעט פארגעסן. דערווייל האט ער באטראכט די פארבייגייענדיקע מיידלעך. פאר זיינע אויגן האבן פארבייגעפינקלט אלערליי שיינהייטן, און ער האט באדויערט, וואס אזוי פיל שיינע מיידלעך זיינען דא און ער שטייט אוןווארט גאר אויף עפעס א געוויינלעך מיידל, לינע.

עס וואלט אפשר געווען בעסער, ווען זי קומט שוין ניט ארויס. אלנפאלס מער ווי איבעריקע פינף מינוט ווארט ער ניט אויף איר.

אבער לינע איז יא ארויסגעקומען. זי האט א ליבן שמייכל געטאן און צו אים אויסגעשטרעקט די האנט. אויף מאריסן האט א ווײ געטאן א פרישקייט און מיידלשער חן.

הייסט עס, אז ער האט זיך ניט אפגענארט.

צו א קאר איז געווען צוצוגיין אינגאנצן א פאר בלאקן. מאריס האט זי גענומען אונטערן ארעם און זיך געטוליעט צו איר מאנטל, וואס האט געהאט א פוטערנעם קאלנער און אויך די בערגן ביי די ארבל זיינען געווען באדעקט מיט דעם גלעטנדיקן זעלביקן פוטער.

האט ער באשלאסן צו פארברענגען מיט איר אן אינטערעסאנטן אוונט.

ער וועט זי נעמען אין דעם קליינעם, אינטימען רעסטאראן, וואו עס שפילט אן ארקעסטער און א זינגערין אמוזירט די געסט מיט זינגען און טענץ...

אין קאר זיינען זיי געזעסן זייט ביי זייט. קעגנאיבער אים אבער איז גראד געזעסן א קינסטלעריש געקליידטע און זייער ליב אויסזעענדיקע ברונעטקע.

ער האט פארגליכן זיין קעגנאיבערדיקע שכנה מיט לינען, און לינע האט פארלוירן אינגאנצן איר חן אין זיינע אויגן.

לינע האט באמערקט, ווי ער האט זיך פארטראכט.

— וואס זייט איר אזוי פארטראכט? — האט לינע געפרעגט מיט חשד.

— איך? ניין... — און ער האט ווידער געווארפן א בליק אויף דער ברונעטקע.

און כדי זיך ניט צו פארראטן, האט ער באלד צוגעגעבן:

— מיר געפעלן זייער היינטיקע „סטיילס“.

— אזוי? געפעלט אייך יא מיין מאנטל? — האט לינע נאַיוו געפרעגט און אים אנגעקוקט מיט א ווארעמען בליק.

— א, יא, זייער שיין...

און ער האט ווידער געווארפן א בליק אויף דער קעגנאיבערדיקער שכנה.

צו לינעם, אדער זיין אייגענעם גליק איז די אינטערעסאנטע ברונעטקע ביי א געוויסן בלאק אראפ. דריי סטאציעס שפעטער איז דער פלאץ פארנומען געווארן פון א דיקער, מיטעליעריקער יידענע, וועלכער מאריס האט אפילו ניט באשאנקען מיט קיין בליק. די דאזיקע קורצע צייט האט ער אמיזירט מיט לייכטע פראזן און אויפמערקזאמקייט לינען אליין. זי איז ווידער שיין געווארן אין זיינע אויגן.

נאר אט האט די מיטעליעריקע יידענע זיך אויפגעהויבן און אז די „קאר“ האט זיך אפגעשטעלט, איז זי ארויס. אויף איר ארט האט זיך אוועקגעזעצט א יונג מיידל, וואס האט געהאלטן אין די הענט א פידל, און האט זי באלד אוועקגעלייגט אויף אירע קני.

— א פידלערין! — האט מאריס אריינגעסודעט לינען אין אויער און האט שוין ניט אראפגענומען די אויגן פון דער פיקאנטער מיידל.

„אט מיט אזא“, האט ער א טראכט געטאן, „איז איינגענעם צו גיין פארברענגען — א קינסטלערין!“

לינע האט דערפילט זיינע אויפמערקזאמע בליקן צו דער שיינער פידלערין. זי איז אומעטיק געווארן.

— איך האב זייער ליב צו זען, ווי א מיידל שפילט פידל...— האט ער, אנשטאט צו רימען די פידלערין, אליין געריימט איר שיינקייט, ווען זי שפילט.

— וואָס איז דער אונטערשייד, ווער עס שפּילט — האָט לינע, ווי באַלערנדיק געזאָגט. — די הויפּטזאַך איז דאָס שפּילן אַליין. מיר איז אַלץ איינס, ווער עס שפּילט.

— יאָ, זיכער, — האָט מאָריס דערפילט לינעס צער און ער האָט איר נאָכגעגעבן.

די פידלערין איז גאָט צו דאַנקען אויך אַרויס פון קאַר. לינע האָט זיך דערפילט דערלייכטערט. מאָריס האָט, בגנבה, איר נאָכגעקוקט דורכן פענסטער. איר שלאַנקייט האָט זיך נאָך געטראָגן פאַר זיינע אויגן.

ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן:

— אַ ריכטיקע קינסטלערין, — האָט ער געזאָגט גיט הויך.

לינע האָט אין דעם רויש פון דעם גאַנג פון דער קאַר זיין מיינונג ניט געהערט. זי האָט נאָר באַמערקט זיין בליק און זי האָט פאַרצויגן די ליפּן אויף אַ פיינלעכן שמייכל...

* * *

דער קליינער רעסטאָראַן איז געווען פול מיט מענטשן. אַ פריילעכער גערויש האָט זיך געטראָגן איבער אַלע טישלעך. מאָריס האָט געזוכט מיט פאַרווירטע בליקן אַ פּלאַץ, וואו צוזעצן זיך מיט לינען. אַ קעלנער, וואָס האָט ניט געוואָלט, קענטיק, אַרויסלאָזן אַזאַ פּאַרל, האָט זיי ענדלעך צוגעטוליעט צו אַ קליין טישל, וואו עס איז שוין געזעסן אַ פּאַרל און פריילעך פאַרבראַכט ביי גלעזלעך וויין.

מאָריס האָט גלייך באַטראַכט דאָס מיידל. זי איז געווען זייער שיין. אָבער ער האָט זיך באַהערשט און האָט אָפּגעווענדט גלייך די בליקן פון איר און זיך גענומען צו זיין צוגעלאָזטער צו לינען, מער פריינדלעך און אויפמערקזאַם.

דער קעלנער האָט פריער לינען, נאָכדעם מאָריסן געפרעגט, וואָס זיי באַשטעלן.

לינע האָט אַריינגעקוקט אין דער שפּייז־קאַרט און געפאָדערט אַ געריכט מיט אַ היימישן נאָמען.

— נעמט עפּעס בעסערס, — האָט מאָריס זי ווי געלערנט.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט לינע זיך געוויינען און אראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן.

— און איר? — האָט דער קעלנער געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו מאָריסן.

מאָריס האָט עפּעס באַשטעלט אַ געריכט מיט אַ פראַנצויזישן נאָמען „אַ־לאַ“. לינע האָט אים אַנגעקוקט מיט פאַרהערלעכונג.

— און דערצו — האָט ער זיך געווענדט צום קעלנער און מיט אַ שמייכל צו לינען — אַ ביסעלע ווין... יאָ, לינע, איר וועט טרינקען?

— ניין, קיין ווין טרינק איך ניט... — האָט זיך לינע אָפּ־אָפּגעוואָרפן.

דערוויל איז אַרויס די זינגערין פון דעם ווינקל, וואו זי איז געזעסן ערגעץ לעבן די פּאָר מוזיקאַנטן, זיך אוועקגעשטעלט אינ־מיטן רעסטאָראַן, וואו עס איז געווען פרייער פּלאַץ, און וואַרפנ־דיק אַ טראָציקן בליק צום עולם, האָט זי אָנגעהויבן צו זינגען אַ לוסטיק ליד. איר געזיכט האָט דערביי אויסגעדריקט אַלערליי צווייִ־דייטיקע מינעס און וואונקען. די שוואַרצע אויגן האָבן ביי יעדער שאַרפן וואָרט צוגעוואונקען דאָ צו דעם יונגמאַן, דאָ צו אַן אַנ־דערן, וואָס האָבן פון די פאַרשיידענע טישלעך געוואָרפן צו איר זייער נייגעריקע, ווער לוסטיקע בליקן...

באַמערקט די ברענענדיקע בליקן אויף איר פון מאָריסן, איז זי צוגעגאַנגען צו זיין טישל, איגנאָרירט זיין לידי, לינען, און לכּבוד אים אָפּגעזונגען אַ גאַנצן קופּלעט מיט אַנצוהערעניש, און דערביי געקוקט אים שעלמיש אין די אויגן, ווי זי וואָלט אים געוואָלט פאַר־ליאַקן מיט איר צויבער...

מאָריס האָט זיך שוין פאַרגעסן, אַז ער איז געקומען מיט לי־נען. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער זינגערין, אַז ער האָט, ווען זי האָט געענדיקט, איינגעלאַדן זי זיך צוזעצן לעבן זיין טישל און טרינקען ווין מיט אים.

די זינגערין האָט אָבער זיך העפלעך און קאָקעטיש אַנטזאָגט, צוגעוואונקען צו אים, אַז אפשר שפּעטער.

ערשט, ווען זי איז ווידער אַוועק צו די מוזיקאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ פרייליכן טאַנץ־ניגון און אייניקע פּאָרלעך האָבן זיך געלאָזט אין טאַנץ אין דעם פרייען שטח, וואָס איז נאָך געבליבן אין רעסטאָראַן, האָט מאָריס אַ קוק געטאָן אין לינעס זייט. זי איז געזעסן אַ בייזע, און אויפגערעגטע. אירע אויגן האָבן געשאָטן פונקען.

— לינע, וואָס איז מיט אייך?

— גייט, איך וויל מיט אייך ניט ריידן, איר זייט ניט קיין פיינער מענטש... איך גיי אַהיים...

און זי האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ.

מאָריס האָט איר געפּרוווט פאַרהאַלטן, אָבער אומזיסט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען איר מאַנטל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן אויפן פאָרענטש פון איר שטול און אויף שנעל אָנגעטאָן.

מאָריס האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ער האָט זי אָנגעקוקט און האָט זי ניט דערקענט. אַ שלאַנקע, אַ גראַציעזע און אַ שטאָלצע, איז זי געשטאַנען אין מאַנטל און אין הוט, גרייט צו פאַרלאָזן אים.

ער האָט שנעל גערופן דעם קעלנער, זיך פונאַנדערגעצאָלט און איז געווען גרייט צו גיין נאָך איר.

— גוט, איך וועל אייך באַגלייטן, — האָט ער זיך אָנגערופן, ווי אַ פאַרשולדיקטער...

— ס'איז ניט נייטיק — האָט לינע זיך אָפּגעזאָגט און גענומען גיין פאַרויס צו דער טיר.

מאָריס איז מיט וואַקלענדיקע טריט איר נאָכגעגאַנגען.

אויפן גאַס האָט גערוישט מיט שפּאַצירנדיקער און שטאַמענדיקער יוגנט, פּאָרלעך און איינציקע. מאָריס האָט קיינעם שוין ניט באַמערקט, ניט געקוקט אויף די פאַרבייגייענדיקע שיינהייטן. ער איז געגאַנגען ביי דער זייט פון לינען, וועלכע האָט אַ צט אויסגעזען שענער פון אַלע, און ער האָט געזוכט מיטלען, ווערטער, ווי אַזוי צו באַרויִקן זי און געווינען איר צוטרוי צוריק. ער האָט אויסגעזוכט פאַר איר און איר געזאָגט די שענסטע ווערטער.

זי האָט ענדלעך געענטפערט: זי איז ניט ברוגז, נאָר אַ אַ ווי ער, איז ניט איר אידעאַל, און זי בעט אים מער ניט קומען.

אָבער מאָריס האָט זיך שוין ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט ער אָט די ליבע, שיינע מיידל מער ניט זען. און ער האָט זיך געבעטן:

— לינע, איר מוזט מיר פאַרגעבן.

— איך בין ניט בייז — האָט זי ווי מיט מיטגעפיל געענטפערט— אָבער אַזאַ ווי איר קאָנט ניט זיין מיין פריינד.

— איך וועל ווערן אַן אַנדערער... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו אים, אַ שמייכל געטאָן, און געפרעגט:

— וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין מיר?

— עס געפעלט מיר אייער שטאָלץ... — האָט ער זיך מודה געווען.

— איך בין ניט שטאָלץ, איך בין בלויז איפּריכטיק — האָט זי געפּרוווט אים דערקלערן.

ער אָבער האָט זי ליב געקראָגן, ווי זי זאָל ניט זיין: שטאָלץ, אויפריכטיק און אַפילו הכנעהדיק ווי פריער.

ווען ער האָט איר פאַרגעליגט, אַנשטאָט צו גיין אַהיים זאָלן זיי נאָך ערגעץ אַנדערש אַריינגיין, האָט זי ענדלעך איינגעווילינקט.

— וואוהין? — האָט ער זי מיט הכנעה געפרעגט.

— פון מיינטוועגן קאָנען מיר גיין צוריק אין פריערדיקן רעסטאָראַן, — האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— לינע, איר לאַכט?

— ניין, איך מיין ערנסט. מיר געפעלט דאָרטן.

— קומט, מיט פאַרגעניגן.

— געוויס, איר זייט דאָך איצטער אַן אַנדערער, וועט מען אייך ניט דערקענען, — האָט לינע געשמייכלט.

— איך בין זיכער אַן אַנדערער געוואָרן — האָט מאָריס געשמייכלט.

— און איך אפשר אויך.

— ניין, לינע, איר זייט די זעלביקע. איר דאַרפט זיך ניט ענדערן.

און מאָריס האָט זי גענומען אַרומנעמען אַרום.

לינע האָט זיך ניט געוועהרט.

אין רעסטאָראַן האָט זיי דער קעלנער באַגעגנט ווי אַ נײַ פּאָרל, וואָס קומט דעם ערשטן מאָל דאָ אין פּלאַץ. ער איז צו זיי געווען נאָך העפלעכער ווי פריער. זיי האָבן אויסגעזען רייכער און ווערדיקער ווי די אַלע געסט און פּאָרלעך.

---

# ק אָ נ צ ע ר ט ן

דער אמת געזאָגט, איז דייוו חלילה ניט קיין שונא פון מוזיק. אַז מען זאָל אים ברענגען די אָפּערע אין צימער אַריין, וואָלט ער זי אַוודאי געהערט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אָבער דאָס גיין זוכן, וואו צו קויפן דעם טיקעט, און אַז דו קריגסט אים שוין מיט צרות, מוזטו פאַרקריכן ערגעץ אין דער הויך, אין אַ ווינקל, וואו מען מוז זיך אָנשטרענגען כאַפּן אַ בליק אויפן טענאָר צי אויף דער פּרימאַדאָנע, זען כאַטש, וואָס פאַר אַ פּנימער זיי האָבן — דערצו האָט ער ניט געהאַט קיין צופיל געדולד. און בכלל זיצן דריי שעה נאָכאַנאַנד און הערן מוזיק איז ניט פאַר זיינע כוחות. וואָרעם, צווישן זיך גערעדט, ביז מען כאַפּט דאָס רעכטע, געשמאַקע ביסעלע מוזיק, קומט אויס אַ סך צו פּייניקן זיך מיט סתם געזאַנג, וואָס אַז מען וויל, זאָגט מען, אַז עס איז גוט, און אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז עס איז לאַנגווייליק, מעג די שטים פון דעם טענאָר צי פון דער סאָפּראַנאָ זיין ווי געבענטשט...

די זעלבע זאַך איז מיט די קאָנצערטן פון די פידל־שפּילער, מיט די איינצלנע קאָנצערט־זינגער און זינגערינס, מיט די באַלאַלאַיקעס, גיטאַרע־שפּילער און, להבדיל, מיט די חזנים...

איז טאַקע דערפאַר בחורוויז, ווען דייוו האָט ניט געהאַט קיין פליכטן, האָט ער סיי די אָפּערע און סיי די אַנדערע מינים קאָנצערטן זעלטן באַזוכט. סיידן דעמאָלסט, ווען ער האָט זיך שוין באמת פאַרבענקט נאָך אַ ביסל מוזיק. מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש.

אָבער זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט בעלען, זיינען אים פּליצע אומטן געוואָרן ווי אַ לאַסט. בעלאַ איז אַ הייבל, וואָס האָט ליב מוזיק, און ניט אַזוי מוזיק, ווי גיין צו קאָנצערטן.

זי, בעלאַ, האָט חתונה געהאַט כמעט צוליב דעם אַליין, זי זאָל האָבן אַ שטענדיקן באַגלייטער צו די קאָנצערטן. מיידלוויז פלעגט

זי טאַקע אַ מאָנכן קאָנצערט הורכלאָזן צוליב אַ באַגלייטער — דאָס הייסט, ווייל עס האָט איר איסגעפעלט דער מאַן, וואָס זאָל זי באַגלייטן. נאָך דער חתונה איז איר ערשט געקומען צום לעבן.

אין אָוונט, ווען דייוו זיצט איבן וויגשטול און רוט זיך אָפּ נאָך דער אָפּיס־אַרבעט ביי אַ ציטונג, שלייכט זי שוין צו אים מיט אירע גראַציעזע טריט, מיט איר ליבן שמייכעלע, נעמט ביי אים אַרויס די ציטונג, און הייבט אָן צו בלעטערן און עפּעס זוכן...

דייוו ווייסט שוין, וואָס זי זוכט: ניט וועגן מלחמות, ניט וועגן רעוואָלוציעס און ניט וועגן דער וואַליוטע — די אַלע זאַכן, הייסט דייוו, גייען איר ווייניק אָן. זי זוכט אַ קאָנצערט...

און ער זיצט שוין אין איינע שרעק און וואַרט...

זאָל כאָטש זיין ניט קיין פּיאַנאָ־קאָנצערט.

ער פּרוווט זיך ראַטעווען און בעט צוריק די ציטונג:

— לאָז מיר, בעלאַ, ענדיקן דעם לייט־אַרטיקל, אַ וויכטיקער לייט־אַרטיקל; מיר דאַכט זיך, אַז עס וועט זיין אַ נייער שטרייק...

— אָט דאָ — געפונען... טאַקע דאָך, וואָס איך האָב ליב — אַ טשעלאָ־קאָנצערט... — רופט אויס בעלאַ באַגייסטערט, ניט הערנדיק דייווס ווערטער און מאַכנדיק אַ חנדל, ווי בעלאַ אַליין קאָן נאָר. בעט זי זיך:

— לאָמיר צוגיין, דייוו... ס'זיינען פאַראַן פינף־און־זיבעציק־סענטיקע בילעטן אויך...

דייוו וויל זיך אַרויסדרייען.

— טשעלאָ... טשעלאָ, — זאָגט ער דיפּלאָמאַטיש, — טשעלאָ איז אַפילו אַ וואונדערבאַרער אינסטרומענט, אָבער טשעלאָ איז גוט צו הערן איין „סאָלאָ“, ניט דריי שעה טשעלאָ. מען קאָן בלייבן אונטער זיינע הענט פון מתיקות — שמייכלט ער שוין.

— אָך, דו ביסט, דייוו, אַזוי אוממוזיקאַליש, — קלאָגט זי זיך און ווערט נאָך חנעוודיקער — באַליידיקט מיינע טיפסטע געפילן. קום טו זיך אָן. ס'איז שוין באַלד אַכט... עס וועט נאָך אויסקומען קויפן טייערע בילעטן...

דאָס איז זי טאַקע גערעכט. פאַר טייערע בילעטן שרעקט זיך דייוו איבער, כאָטש ער וואָלט באַצאָלט טאָפּלט, ווען בעלאַ לאָזט

אים רויק זיצן אָדער כאַפּט זיך מיט אים בעסער אַריין אין אַ „מואווי“, וואו, אויב עס איז לאַנגווייליק, קאָן מען כאַטש כאַפּן אַ דרעמל און קיינער זעט ניט...

און ער גייט ווי אַ פאַרמשפּטער צום קאָנצערט.

די בילעטן ביי דער קאַסע קויפט בעלאַ. דאָס איז שוין איר באַרגעניגן. און אַמאָל קויפט זי שוין ביי דער זעלבער קאַסע אַ פּאָר בילעטן אויף שפּעטער, אויף להבא... דאָס איז שוין פאַר אַ קאָנצערט, וואָס וועט ערשט זיין אין צען טעג אַרום.

— וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מין קאָנצערט? — דערשרעקט זיך דייוו.

— אָך, דאָס איז אַ קאָנצערט פון גאָר אַ נייער זינגערין.

— וואָס זינגט זי, — איראָניזירט דייוו.

בעלאַ אָבער, שוין אַ פאַרכאַפּטע פון דעם קומענדיקן קאָנצערט, באַמערקט ניט זיין איראָניע און זי ענטפערט אָפּ מיט באַגייסטערונג:

— דאָס איז אַ זינגערין פון פראַנצויזישע פאָלקסלידער — „זשאַמעיעלאַ“.

— נו, איז וואָס־זשע גייט עס דיר אָן?...

— אָך, רעדסטו נאַרישקייטן — פילט זיך שוין בעלאַ באַליידיקט, — זי איז אַ באַרימטהייט. האָסט ניט געלעזן, וואָס מען שרייבט וועגן איר? זי איז דאָך אַ יידיש מיידל.

— אַ, אַ יידיש מיידל... איך האָב טאַקע געלעזן, — שמייכלט שוין דייוו גוטמוטיק, און מאַכט דערזייל פּלענער, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם קינפטיקן קאָנצערט. ער וואָלט האָבן אַ נאָענטן פריינד, וואָלט ער זי אַמאָל געשיקט מיט אים. זיינען אָבער זיינע אַלע פריינד דאָס רוב פאַרהייראַט און זיי האָבן זייערע אייגענע צרות...

# אינהאַלט

זייט

| | |
|---|---|
| נייע באַלעבאַטים | 5 |
| אַ לאַנד אָן גבירים | 12 |
| דער ייד, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם טעמפּל | 17 |
| דער ערשטער קאָנצערט | 21 |
| אין יאָרן אַרום | 28 |
| די חעכערע שטופע | 35 |
| „גרינע" קינדער | 40 |
| אויפן פאַרהער | 44 |
| דער פרומער שכן | 50 |
| אַ באַלעבאַטיש מיידל | 57 |
| דורכגעלעבט | 64 |
| מענער | 68 |
| די ראָלע | 75 |
| די קראָם | 79 |
| אין אַ וואָכעדיקן טאָג | 83 |
| דאָס פאַרגעסענע בוך | 88 |
| דער פאָטער | 93 |
| אַ וועלט-אידעע | 98 |
| דער מאַן אויף דער שטעלע | 103 |
| די אויפשריפט | 107 |
| אין גרים | 112 |
| אַ מאָדנע מיידל | 116 |
| אַ פאָרשלאָג | 122 |
| די פאַרבלאָנדזשעטע | 127 |
| דער שוואַכער צד | 132 |

זייט

| | |
|---|---|
| נייער יחוס | 140 |
| נאָך דער שיידונג | 145 |
| היינטיקע גרינע | 150 |
| פריינד | 155 |
| געטריישאַפט | 159 |
| אַן איבעריקער מענטש | 166 |
| א חלום | 169 |
| רייך געוואָרן | 174 |
| איבערן קינד | 178 |
| דער באַפרייטער | 181 |
| דער שיינער מאַן | 186 |
| דער אונטערנעמער | 191 |
| פרייד | 196 |
| ערפאָלג | 202 |
| דער אָפּגרונט | 208 |
| דער ניו-יאָרקער | 216 |
| דער דערוואַכטער | 122 |
| אימזיסטע ארטיקלען | 227 |
| אומגעצוואונגען | 232 |
| די חרטה | 237 |
| ברידער | 243 |
| די אַמעריקאַנער אייראָפּעיִשע | 249 |
| דער פּאַרליבטער שדכן | 254 |
| די צופרידענע | 259 |
| דער רייכער גענאָסע | 263 |
| דער מוטיקער ענטפער | 267 |
| טשוינג-גאַם | 272 |
| אויף דאָס נייַ | 276 |
| דער איינזאַמער | 280 |
| דער שפּאָרזאַמער גביר | 286 |
| די יינגערע שוועסטער | 290 |
| די רייכע מדינה | 296 |

זייט

לענדער אין איין הויז . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 301
די אומזיסטע שמחה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 305
די טרייסט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 309
דער באַחייז . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 314
דאָס נייע פּאַרל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 320
קאָנצערטן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 328